STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07675

SOTSIALIZM UN MORAL

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. חיים זשיטלאָווסקי
געזאַמלטע שריפטן

דר. חיים זשיטלאָווסקי

סאָציאַליזם און מאָראַל

אַרויסגעגעבן פון דעם
דר. חיים זשיטלאָווסקי פאַרלאַג־קאָמיטעט
ניו־יאָרק

Copyright by
DR. CHAIM ZHITLOWSKY
New York, 1938

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York 255

אינהאלט

פאָרוואָרט 7

סאָציאַליזם און מאָראַל

איינלייטונג 11

1. די נביאים 29
2. פיטאַגאָראַס און פּלאַטאָן 34
3. די יידישע קאָמוניסטן פון פאַרן צווייטן חורבן 39
4. די איסיים, יוחנן און ישו 44
5. די „אביונים" און „יוחננס אנטפּלעקונג" 49
6. די ערשטע קריסטלעכע קהילות און די מאָראַל פון דעם פעאָדאַלן רעזשים 53
7. דער תנ"ך און קלאַסנקאַמף 58
8. טאָמאַס מיונצער, די „אַנאַבאַפּטיסטן" און די „לעוועלער" 63
9. די בורזשואַזע מאָראַל 69
10. די מאָראַל פון די אוטאָפּיסטן 74
11. די סען־סימאָניסטן 79
12. סאָציאַליסטישע אידעאַלן 84
13. דער „אמתער סאָציאַליזם" 89
14. מאַקס שטירנער 94
15. די סאָציאַלע מאָראַל פון מאַרקס און ענגעלס 99
16. קאַרל מאַרקס' מאַניפעסט און די סאָציאַלע מאָראַל 104
17. דער „אַנדער" קאַרל מאַרקס 109
18. וואָס קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט 114
19. די מאָראַל פון קלאַסנקאַמף 120
20. די פּראָלעטאַרישע מאָראַל דערהייבט דעם מענטשן 129

21. קארל קאוטסקי און זיין מאָראל־טעאָריע 134
22. זשאן זשאָרעס און זיין באגריף פון מאָראל 139
23. טשערנישעווסקי, באקונין און פיאָטר לאווראָוו 144
24. רוסלאנד און מערב אייראָפּע 149
25. די וויסנשאפט און די אידעאלן 154
26. מענטשן קעמפן ניט בלויז פאר עקזיסטענץ, נאָר אויך פאר אינדיווידואליטעט 158
27. דער רוסישער מארקסיזם 163
28. איז דאָ א פּראָלעטאַרישע מאָראל? 168
29. רעליגיע, באָלשעוויזם און מאָראל 174
30. באָלשעוויזם, סאָציאליזם און מאָראל 179
31. די העכסטע נויט פון אונדזער צייט 183

ביילאַגן

1. צוויי וועלטן 193
2. די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן 199
3. די רעוואָלוציאָנערע מאָראל 204

פאָרוואָרט

„דער סאָציאַליזם און מאָראַל" איז פריער געלייענט געוועזן, ווי אַ סעריע לעקציעס אין ניו־יאָרק, אַראַנזשירט פון דעם „בילדונג דעפּאַרט־מענט" פון דעם ארבעטער־רינג. אויך אין אַנדערע שטעט איז מיר אויסגעקומען צו געבן אַ לעקציע, — אין אַן איבערבליק, — וועגן דעם זעלביקן ענין.

פונאַנדערגעארבעט אויף אַ ברייטערן יסוד איז די טעמע געוואָרן פאַר אַ סעריע אַרטיקלען אין דעם „טאָג", וואו זי האָט זיך געדרוקט פון דעם 21טן דעצעמבער 1936 ביז דעם 18טן סעפּטעמבער 1937. זי דרוקט זיך דאָ פון יענע אַרטיקלען מיט נאָר איין קלייַנער ענדערונג. פון דעם שלוס־קאַפּיטל האָב איך אַרויסגעוואָרפן דעם שאַרפן אַנפאַל אויף די דייטשע קאָמוניסטן פאַר זייער שענדלעכער טאַקטיק, וואָס האָט נאָך דער מיינונג פון דעם סאָציאַליסטישן לאַגער, געפירט צו דעם טרי־אומף פון די „נאַציס".

געטאָן האָב איך דאָס, ווייל די קאָמוניסטישע „מאָרגן־פרייהייט" האָט מיך באַשולדיקט אין אַן אומגערעכטער שטעלונג צו די דייטשע קאָמוניסטן פון יענער צייט. באַווייזן די ריכטיקייט פון דעם סאָציאַ־ליסטישן אָפּשאַץ וואָלט אָבער פאַרנומען צופיל פּלאַץ און וואָלט מיט גאָרנישט באַרייכערט די פּרינציפּיעלע זייט פון דער קריטיק אויף לייענינס „קאָמוניסטישער עטיק", וואָס האָט, ווי איך בין מודה, געמעגט זיין נאָך שאַרפער און אַרייַנדרינגלעכער. זי איז אָבער שוין ביי דער אויסאַרבעטונג פון דער סעריע היפּש פאַרקריצט געוואָרן פון מיר, ווייל אויך אין ראַטנלאַנד איז — ווייניקסטנס אין דעם טעאָרעטישן איינשטעל — דערקלערט געוואָרן די נויטווענדיקייט ווידער אומצוקערן זיך צו דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַלגעמיין מענטשלעכער מאָראַל.

דעם באַטייט פון יענער „קאָמוניסטישער עטיק" פאַר דער געשיכטע פון אונדזער צייט האָב איך געפּרוווט אַרויסברענגען אין אַ פריערדיקן

אַרטיקל אינעם „טאָג”: „די העכסטע נויט פון אונדזער צייט”. ער איז דאָ אַריינגענומען געוואָרן אין דער שלוס־באַטראַכטונג. —

די ביילאַגן צו דעם איצטיקן בוך ברענגען אַ פּאָר אַנדערע אַרטיקלען מיינע, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַלגעמיין־מענטשלעכער און דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל.

קראָטאָן אָן־האָדסאָן,
אָקטאָבער, 1937.

סאָציאַליזם און מאָראַל

איינלייטונג

א.

די באַטראַכטונג פון אונדזער ענין: „סאָציאַליזם און מאָראַל" וועלן מיר אָנהייבן מיט אַ קליינעם ציטאַט פון אַ גרויסן סאָציאַליסטישן דענקער און קעמפער, דעם אַמאָליקן וועלט־באַרימטן פירער פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם, זשאַן זשאָרעס. דער ציטאַט זאָל אויך דינען ווי אַ מאָטאָ צו אונדזער איצטיקער אַרבעט. מיר נעמען אים אַרויס פון אַ קלענערער, אָבער זייער אינהאַלט־רייכער שריפט זיינער, וואָס טראָגט דעם נאָמען „ליע סאָסיאַליזם ע ליאַ ווי", — „דער סאָציאַליזם און דאָס לעבן", — אַ שריפט, וואָס פאַרדינט איבערגעזעצט צו ווערן אין אַלע שפּראַכן און פאַרשפּרייט צו ווערן צווישן די הונדערטער מיליאָנען פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

דער ציטאַט לייענט זיך אַזוי: „די הערשאַפט פון איין־איינציקן קלאַס איז אַן אַטענטאַט אויף דער מענטשהייט. דער סאָציאַליזם, וואָס וויל אָפּשאַפן קלאַסן־הערשאַפט, ווי אויך יעדן קלאַסן־אונטערשייד בכלל, באַדייט דעריבער די ווידער־אויפשטעלונג פון דער מענטשהייט. ממילא איז דאָס אַ חוב פון גערעכטיקייט פאַר יעדן מענטשן, צו זיין אַ סאָציאַליסט".

מען זעט דאָ אין דעם ציטאַט, ווי ענג עס זיינען ביי זשאָרעסן געווען צונויפגעבונדן די באַגריפן פון סאָציאַליזם און מאָראַל. איז אין דער אמתן פאַראַן אַזאַ ענגע שייכות צווישן זיי? און אויב יע, איז ווי האָט זי זיך אויסגעפורעמט אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און אין די סאָציאַליסטישע באַוועגונגען? האָט דער סאָציאַליזם זיין אייגענעם וועג, זיינע אייגענע ענטפערס אויף די מאָראַלישע פּראָבלעמען פון דער מענטשהייט? — אויף אָט די פראַגן, אויך פעסט צונויפגעקייטלטע איינעם, וועלן מיר פּרוּוון געבן אַן ענטפער אין אונדזער איצטיקער אַרבעט.

אָבער פריער מוזן מיר פּרואוון געווינען אַ מער אָדער ווייניקער קלאָרן באַגריף וועגן דיביידע ענינים: סאָציאַליזם און מאָראַל.

וואָס איז מאָראַל? — די מאָראַל איז איינע פון די פיר ווינקל־זיילן, אויף וועלכע עס האַלט זיך די מענטשלעכע קולטור, וואָס איז אַרויסגע־וואַקסן פון אַ ריין־מענטשלעכן אַרבעטס־פּראָצעס, און וואָס נאָר אין איר, אין דער קולטור, לעבט דער מענטש, ווי אַ מענטש, און ניט ווי אַן אַנדער לעבעדיק באַשעפעניש.

שוין אין דעם פּראָצעס פון זיין אַרבעט שיידט דער מענטש זיך אַרויס פון דער אַלגעמיינער נאַטור און שטעלט זיך אַוועק אַנטקעגן איר. ער נעמט אויף אירע עלעמענטן קריטיש, אָפּשאַצנדיק אויף וויפיל זיי טויגן אָדער טויגן ניט פאַר דער דערגרייכונג פון זיינע צילן. צו אַלע דערשיינונגען, וואָס רינגלען אים אַרום און וואָס אינטערעסירן אים, טרעט דעריבער צו דער מענטש מיט אַ מאַסשטאַב, מיט אַ סוביעקטיוון אָפּ־שאַץ, וואָס זיין אַלגעמיינער פּרינציפּ איז אויסגעדריקט אין די ווערטער: „גוט" און „שלעכט".

די נאַטור ווייס ניט פון אַזאַ איינטייל. אין איר איז אַלץ אָביעקטי־ווער פּראָצעס, וועלכן מיר פּרואוון צו דערקענען און צו פאַרשטיין דורך אַן איינטייל אין „אורזאַכן" און „ווירקונגען". אין זיך גופא איז אַלץ אין דער נאַטור ניט „גוט" און ניט „שלעכט". ערשט אין דער קולטור ברענגט דער מענטש אַריין אַן אַנדער באַטראַכט, איידער דעם איינטייל אין „אור־זאַכן" און „ווירקונגען". דאָס איז דאָס באַגריפן־פּאָר פון „צוועקן" און „מיטלען", לויט דעם אָפּשאַץ פון „גוט" און „שלעכט". דער צוועק איז — מיט די ריכטיקע מיטלען צו דערגרייכן דאָס, וואָס מען באַטראַכט ווי „גוט", און צו פאַרמיידן דאָס, וואָס מען באַטראַכט ווי „שלעכט".

אָט דער פונדאַמענטאַלער אָפּשאַץ לויט „גוט" און „שלעכט" גייט זיך פונאַנדער אין פאַרשיידענע גרונט־ריכטונגען, ווי די אוטיליטאַריס־טישע, וואָס איר מאַסשטאַב איז „ניצלעך" (גוט) און „שעדלעך" (שלעכט); די עסטעטישע, מיט איר מאַסשטאַב פון „שיין" (גוט) און „מיאוס" (שלעכט); די טעאָרעטישע אָדער לאָגישע, וואו דער אָפּשאַץ ווערט גע־פירט לויט אַזוינע מאַסשטאַבן, ווי „אמת", „ריכטיק", „קלוג" אויף דער זייט פון „גוט", און „שקר", „פאַלש", „נאַריש" אויף דער זייט פון „שלעכט". צו די גרונט־ריכטונגען פון דעם קולטורעלן שאַפן געהערט, ווי אַ פערטער ווינקל־זייל, די מאָראַלישע, וואָס אירע „גוט"־און־„שלעכט"־אָפּשאַצונגען דריקן זיך שפּראַכלעך אויס אין פאַרשיידענע איינטיילן, ווי גערעכט־אומ־גערעכט (יושר—עוולה), איידל—געמיין, חשוב—שפל, לייטיש—אומלייטיש,

עגאָאיסטיש—אַלטרואיסטיש, מענטשלעך—ברוטאַל („בעסטיאַל״) און נאָך אַנדערע. זיי אַלע באַצייכענען דאָס „גוטס״ און דאָס „שלעכטס״ אין אַ ריין מאָראַלישן זין, אַ פאַרשיידענעם פון דעם אוטיליטאַרישן, עסטעטישן און טעאָרעטישן אָפּשאַץ.

באריכות וועגן די גרונט־ריכטונגען פון דער קולטורעלער עוואָלוציע און זייער ראָליע אין אָרויסבערענגען קולטור, לויט דעם מאָסשטאָב פון „גוט״ און „שלעכט״, האָבן מיר גערעדט אין אַן אַנדער אָרט (אין דער אַרבעט וועגן דעם „זין פונעם מענטשלעכן לעבן״ און דעם גליק־פּראָבלעם). מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף די אַנדערע, ניט ריין מאָראַלישע, גרונט־ריכטונגען און אויף דעם טעאָרעטיש זייער אינטרי־גירנדיקן ענין וועגן דיזעלביקע גרונט־ריכטונגען אין דער לעבעדיקער נאַטור, אַחוץ דער מענטשלעכער, וואו מיר געפינען זייער ענלעכע איינ־טיילן, ווי אין דער קולטור־וועלט, לויט די מאָסשטאָבן פון ניצלעך—שעדלעך, ריכטיק—פאַלש, שיין—מיאוס, עגאָאיסטיש—אַלטרואיסטיש. דאָ מוזן מיר האָבן אין אויג נאָר די מאָראַלישע איינטיילונגען ביי דעם מענטשן. און אויך דאָ לאָזן מיר איצטער אָן אַ זייט די פראָגע, צי די מאָראַל איז אַן אייביקער צווייג פון דער קולטור, וואָס קאָן קיינמאָל ניט פאַרשווינדן פון איר, אָדער נאָר אַ היסטאָרישער צווייג, וואָס איז אויפ־געקומען אין אַ באַשטימטער צייט און קען פאַרשווינדן אין אַן אַנדער צייט, ווי, זאָגן מיר, דער איינטייל פון דעם יידישן שולחן־ערוך־גלויבן אין „כשר״ (גוט) און „טריף״ (שלעכט). מיר נעמען די מענטשלעכע קולטור, ווי זי איז געוואָרן און ווי זי איז.

פאַר אונדז איז דאָ וויכטיק צו האָבן שטענדיק אין זינען, אַז נאָך מער, איידער אין אַלע קולטורעלע גוט־און־שלעכט־אָפּשאַצונגען, זיינען די מאָראַלישע אָפּשאַצונגען פאַרבונדן מיט אַ באַוואוסטזיין, מיט פּסיכישע פּראָצעסן פון דענקען, פילן און וועלן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין די גרענעצן פון אַן איינצלנעם מענטשן, פון אַן אינדיווידואום, אַן אַזוי אָנגערופענעם „איך״, וואָס שאַצט מאָראַליש אָפּ די אַנדערע מענטשן, אָפּט מאָל זיך אַליין, אַן אַנדערש מאָל אויך די נאַטור־דערשיינונגען אין איינעם מיט דעם בורא־עולם (איוב!) לויט דעם פאַר אים טייערסטן מאָסשטאָב פון מענטשלעכער חשיבות: אידל, פיין, לייטיש; געמיין, מיאוס, שאַנד־האַפט; „מענטשלעך״; „ברוטאַל״.

עס דאַרף אונדז דאָ זיין אַלץ איינס, פון וואַנען אַט דער מאָסשטאָב האָט זיך גענומען און פאַרוואָס דער ענין פון מענטשלעכער חשיבות ווערט פאַרשיידן אויסגעטייטשט אין פאַרשיידענע פעריאָדן, ביי פאַרשיי־

דענע אינדיווידן. פאַר אונדז איז וויכטיק דער פאַקט, אַז פאַרשטע־לונגען וועגן מענטשלעכער חשיבות, וועגן דערשיינונגען, וואָס פאַרדינען אַ מענטשלעכן רעספּעקט פון איין זייט און אַ מענטשלעכע פאַראַכטונג פון דער אַנדער זייט, געפינען זיך שוין אויף די סאַמע נידעריקסטע שטופן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג און האָבן קיינמאָל ניט פאַר־לאָזן די וועלט פון דער מענטשלעכער קולטור.

אויף וואָס גייט דער מאָראַלישער אָפּשאַץ? — ער באַדעקט גאָר אַ ברייט פעלד פון אַ מענטשלעכן לעבן.

קודם זיינען דאָס די מענטשלעכע האַנדלונגען, די מענטשלעכע מעשים, דער עיקר, דער אויפפיר זייערער סיי לגבי אַנדערע מענטשן, סיי לגבי זיך אַליין. מיר רעדן דאָ וועגן יושרס און עוולות, וועגן רעכט און אומ־רעכט, וועגן העלדישקייט און האַזענער פּחדנות, וועגן מסירת־נפש און אַכזריות.

דער מענטשלעכער אויפפיר לגבי אַנדערע מענטשן און לגבי זיך אַליין איז דאָס ברייטסטע פעלד, אויף וועלכן עס פאַלט צוערשט און צו מערסט דער מאָראַלישער אָפּשאַץ. און — קיין חידוש ניט! מענטשלעכע מעשים און אויפפירן דריקן זיך אויס אין דרויסנדלעכע פּאַסירונגען, וועלכע יעדער איינער קען אויפנעמען מיט זיינע חושים. זיי פאַלן די ערשטע אין די אויגן און רופן אַרויס דעם באַטראַכט. און דערצו הענגט אָפּ אונדזער אַלעמענס גורל פון אונדזערע מיטמענטשנס האַנד־לונגען. זיינען מיר מער פאַר אַלץ פאַראינטערעסירט אין זיי.

און פונדעסטוועגן באַנוגנט זיך ניט דער מאָראַלישער אָפּשאַץ מיט די דרויסנדלעכע מעשים און דעם אויפפיר. דער מאָראַלישער מענטש זוכט הינטער זיי נאָך אַ וויכטיקן עלעמענט פאַר זיין אָפּשאַץ און משפּט. דאָס זיינען די מענטשלעכע כוונות. וואָס איז געווען דער צוועק פון דעם אָדער יענעם אויפפיר? — פרעגט דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין. וואָס איז געלעגן אין דעם מענטשלעכן באַוואוסטזיניקן ווילן, ווען ער האָט באַ־גאַנגען דעם יושר אָדער די עוולה?

עס טרעפט ניט זעלטן, אַז די ערגסטע מעשים פון אַ מענטשן וואַקסן אַרויס פון די בעסטע כוונות — „כוונתך רצויה, אבל מעשיך אינם רצויים" (דיין כוונה איז באַוויליקט [פון גאָט], אָבער דיינע מעשים זיינען ניט באַוויליקט) — שטייט ערגעץ־וואו אין אַ הייליקן ספר. און אַ ווערטל זאָגט: „דער וועג צום גיהנום איז אויסגעפּלאַסטערט מיט די בעסטע כוונות". דעריבער פאָדערט די מאָראַל, אַז איר אָפּשאַץ זאָל גיין ניט נאָר אויף די מעשים, נאָר אויך אויף דעם ווילן, וואָס ברענגט זיי אַרויס.

אָבער דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין גייט נאָך ווייטער. ער פאַר־שטייט גאַנץ גוט, אַז אויף דעם ווילן פון דעם מענטשן האָבן אַ גרויסע שליטה זיינע געפילן. דעריבער ווענדט ער גראָד אויף זיי אָן — ביז צו גאָר אַ גרויסן גראַד — זיינע מאָראַלישע מאָסן. מיר באַטראַכטן פאַר מאָראַליש „שלעכט״ די געפילן פון „זעלבסטישקייט״, מענטשן־האָס, אכזריות, „רשעות״, ברוטאַליטעט וכו׳. און מיר שאַצן ווי מאָראַליש „גוט״ די געפילן פון סימפּאַטיע (מיטלייד, רחמנות), „מענטשלעכקייט״, ליבע צו דעם אַנדערן און דעם חוש פאַר גערעכטיקייט.

און אַזוי הויך ווערט געשאַצט די מאָראַלישע מדרגה פון די צוויי לעצטערע געפילן, אַז פילע רעכענען זיי פאַר דעם אייגנטלעכן פונדאַמענט פון יעדער מאָראַל. מענטשנליבע און אַ חוש פאַר גערעכטיקייט — דאָס זיינען לכל הדעות די שענסטע מעלות, וואָס צייכענען אויס אַ מענטשן אין זיינע מאָראַלישע געפילן און וואָס רופן אין אונדז אַרויס די גרעסטע סימפּאַטיע צו אים.

ב

מיר וועלן שפּעטער זען, אַז די גאַנצע יידישע מאָראַל פון די גרויסע נביאים, וואָס האָט געשפּילט אַזאַ אומגעהייערע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם עטישן באַוואוסטזיין ביז און מיט דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, איז געבויט געוועזן אויף די באַגריפן פון „עשות משפט״ („טאָן גערעכטי־קייט״) און „אהבת חסד״ („ליב האָבן גנאָד״). צוויי מאָסן האָבן מיר פאַר אָט די צוויי וויכטיקסטע און חשובסטע געפילן, — דער עיקר אָבער פאַר דער ליבע צו דעם „ניט־איך״: א מאָס אין דער טיף און אַ מאָס אין דער ברייט, אין דעם שטח און אין דעם קרייז, אויף וועלכן אָט די ליבע שפּרייט זיך אויס.

די ליבע, ווי אויך די סימפּאַטיע און דער רחמנות, קאָנען, לויט זייער טיף, זיין אַזוי אויבערפלאַכלעך, אַז זיי באַנוגענען זיך נאָר מיט ניט וועלן טאָן דעם אַנדערן שלעכטס. „מאי דסני לך, לחברך לא תיעבד״. „וואָס דו האָסט פיינט מען זאָל דיר טאָן, טו ניט דעם אַנדערן״. אָבער דיזעלביקע ליבע קאָן דערגיין ביז צו „ואהבת לרעך כמוך״, ליב האָבן דעם אַנדערן, ווי זיך אַליין, אָדער ווי אין ישו דעם נוצרים מאָראַלישן באַוואוסטזיין, — אַ ווידער־אויפגעלעבטן דורך דעם גראַף טאָלסטאָי, — ליב האָבן דעם אַנדערן נאָך מער ווי זיך אַליין, אינגאַנצן צעגיין און פאַר־

לירן דעם אייגענעם „איך״ אין דער ליבע און דער מסירת־נפש פאַר דעם צווייטן. דאָס זיינען די פאַרשיידענע מאָסן פון דעם „ואהבת״ אין דער טיף.

אָבער אויך אין דער ברייט זיינען די מאָסן פון ליבע צו דעם „ניט־איך״ פאַרשיידן. זי קאָן זיך אָנהייבן מיט דער ליבע צו דער אייגענער ענגער פאַמיליע פון ווייב און קינדער, זיך אויסשפרייטן אויף אַלע קרובים, זיך אויסציען צו דער ליבע פון דעם גאַנצן אייגענעם שבט. אַזוי, צ״ב, דערציילן אַלע רייזנדיקע וועגן די קאַניבאַלישע שבטים, אַז צווישן זיך לעבן זיי אויף אַ העכסט ברידערלעכן אופן. נאָר אַ מענטשן פון אַן אַנדער שבט, — בפרט אַזאַ, וואָס שטייט מיט זיי אין קריג — איז שוין אַ מצווה אויפצועסן.

די ליבע צו דעם אייגענעם פאָלק קאָן זיך אויסשפרייטן ביז צו דער ליבע פון דער גאַנצער מענטשהייט, צו יעדן מענטשן בכלל. און זי קאָן אַריבערשפּרייזן אויך די מענטשלעכע וועלט, אַרומנעמען אַלע לעבעדיקע ברואים (דער „צער בעלי חיים־געפיל״) און אפילו זיך צונויפגיסן מיט דעם גאַנצן וועלטלעכן באַשאַף, ווי מיר טרעפן דאָס אין ספינאָזאָס עטישן אידעאַל, מיט זיין פאָדערונג פון דער „אַמאָר דעאי אינטעלעקטואַליס״, דער „שכל־דיקער ליבע צו גאָט״, און „גאָט״, כידוע, האָט ביי ספינאָזאַן געהאַט דעמזעלבן טייטש, וואָס „די וועלט״.

עס וואָלט על פּי סברה געוועזן צו דערוואַרטן, אַז דיביידע מאָסן פון דעם מאָראַלישן ליבע־געפיל, — די פון דער טיף און די פון דער ברייט, — זאָלן זיין אומגעקערט פּראָפּאָרציאָנעל איינס צום אַנדערן. וואָס ברייטער דער קרייז, וועלכן זי נעמט אַרום, אַלץ פלאַכער דאַרף ווערן די טיף, אָדער די אינטענסיוויטעט אירע. לערנט אָבער די דערפאַרונג, אַז דאָ איז קיין כלל קיין כלל ניט. ניט זעלטן קומט פאָר, אַז דער ברייטסטער קרייז פון אַ פאַנטעאיסטישער ליבע צו גאָט־וועלט איז ביי איינעם אויסגעבילדעט גראָד אַמשטאַרקסטן, ביז צו דעם העכסטן עקסטאַז, בעת די קלענערע קרייזן ווערן אַרומגענומען מיט אַסך שוואַכערע ליבע־שטראַלן, אָדער בלייבן, — לפּחות אייניקע פון זיי, — אינגאַנצן מחוץ פון זיי.

אויך דער חוש פאַר גערעכטיקייט ווענדט אָפּטמאָל אַן דיזעלביקע צוויי מאָסן פון דער טיף און פון דער ברייט. מען איז אַ סך גערעכטער אין געפיל צו די ענגערע, נאָענטערע קרייזן, אַרומגענומענע מיט שטאַרקערער ליבע איידער צו די ברייטערע אָדער פרעמדערע. און אין דעם מאָראַלישן געפיל פון דער מענטשהייט איז די גערעכטיקייט

צו דעם „פרעמדן", — צו דעם „פרעמדן" פאָלק, צו דעם אָנהענגער פון אַ „פרעמדן" גלויבן, אָדער אַ „פרעמדער" אידייאישער ריכטונג, —אַ געפיל, וואָס קומט ליידער נאָך עד־היום זייער זעלטן פאָר.

די וועלט פון מאָראַלישע געפילן האָט, אַחוץ ליבע און געערעכ־טיקייט, אַרויסגעבראַכט נאָך אַ פּאָר דערשיינונגען, וואָס שטייען אין אַ באַזונדערער מאָראַלישער חשיבות און שפּילן גאָר אַ וויכטיקע ראָלע אין אַ מאָראַלישן לעבן: דאָס זיינען די געפילן פון בושה, שאַנד (שע־מען זיך מיט אַ מאָראַליש־מיאוסער זאַך), ווען מיר רעדן וועגן אַ „שאַנדהאַפטער" פאַסירונג. די געפילן פון מאָראַלישן פּראָטעסט, אויפּ־געקאָכטקייט, מאָראַלישן צאָרן, דער געפיל פון פליכט און דער געפיל פון דעם געוויסן. גראָד דער לעצטער געפיל איז באַזונדערס וויכטיק פאַר דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין. אַלע מענטשן איז באַקאַנט די דער־שיינונג, וועלכע מען רופט אין דייטש „געוויסענס־ביסע" און אין רוסיש „אוגריזעניע סאָוויעסטי", — די „נאַגענישן" פון דעם געוויסן.

מערקווירדיק! מיר, יידן, האָבן ניט קיין פּאַסיקע אַדעקוואַטע נעמען פאַר „געוויסן" און „געוויסנבייסעניש", ניט אין יידיש, ניט אין אַלט־העב־רייאיש. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דעם יידנס געוויסן איז אַלעמאָל אַזוי געזונט, ריין און גאַנץ, אַז דער ייד האָט קיינמאָל ניט געשפּירט זיין עקזיסטענץ, אָדער אַז דער אויבערשטער האָט באַפרייט אונדזער מענטשלעכע טבע פון אַזוינע מאָראַלישע „שוואַכקייטן". אָט די „חול־שה" איז אונדז, אוי, ווי גוט באַקאַנט. מער ניט דער יידישער מאָראַל־באַוואוסטזיין איז צו ענג פאַרבונדן מיט דעם רעליגיעזן באַוואוסטזיין און אַלע וויכטיקסטע דערשיינונגען פון דעם ערשטן ווערן אויסגעדריקט אין די טערמינען פון דעם צווייטן.

אַזוי איז דער ריין־מאָראַלישער קאַרדינאַל־באַגריף „טוגנט" („דאָב־ראָדעטיעל", שוואַך איבערגעזעצט מיט „מידה טובה") אַריינבאַגריפן גע־וואָרן אין „מצווה", אָדער „צדקות"; דער באַגריף „לאַסטער" (רוסיש: „פּאָראָק" — אין „עבירה". דער באַגריף „געוויסן" — אין „האָבן גאָט אין האַרצן", אָדער דאָס וואָרט „יהדות" („ווי האָט מען דאָס ניט קיין ברעקל יהדות!" אָדער — „וואו איז יהדות?" — זאָגט מען אויף אַ גע־וויסנלאָזער האַנדלונג, טאַט אָדער געפיל). און די „געוויסנפּלאָגענישן" גייען אַריין אין די אַלגעמיינע באַגריפן פון „חרטה" און „תשובה". — איז טאַקע, אגב, די העכסטע צייט, אַז ווען מיר באַשאַפן אין יידיש נייע טערמינען פאַר דעם אָדער יענעם צווייג פון דעם מענטשלעכן באַוואוסט־זיין, זאָלן מיר ניט פאַרגעסן אָן דער נויט, אַרויסצושיידן די ריין וועלט־

לעכע מאָראַלישע באַגריפן פון זייער רעליגיעז - שפּראַכלעכן מלבוש. אויב ביי־העברייאיש איז שוין פּאַרטיק געוואָרן מיט אַט דער עובדא, וואָלט דאָס אונדז געהאָלפן צו באַשאַפן נייע טערמינען לויט זייערע העברייאישע וואָרצלען.

נאָר — נחזור לעניננו! מיר זאָגן, אַז ניט נאָר אויף די מעשים און די כוונות גייט דער מענטשלעכער אָפּשאַץ פון מאָראַלישן „גוט" און „שלעכט", נאָר אויך אויף די געפילן. „מענטשן־ליבע", „רחמנות", „חוש פאַר גערעכטיקייט" („יהדות!") „בושה", „פליכט", „געוויסנבייסע־ניש" זיינען „גוט". „האַס", („כעס איז אַ מידה מגונה"), „אכזריות", „אומגערעכטיקייט", „שאַנדהאַפטיקייט", „עבדיה בהפקירה" און „געוויסנלאָ־זיקייט" זיינען „שלעכט".

זאָל אונדז דאָ ווידער אַמאָל ניט אַרן, פון וואַנען די מאָראַלישע געפילן האָבן זיך גענומען ביי דעם מענטשן. דער עיקר פאַר אונדז איז איינצוזען, ווי גרויס עס איז די וואָג, וואָס דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין לייגט אויף דעם ענין פון געפיל. „רחמנא לבא בעי" („גאָט וויל דאָס האַרץ"), האָט מען געזאָגט אין דער צייט, ווען מאָראַל איז נאָך געווען צונויפגעגאָסן מיט דעם רעליגיעזן גלויבן.

די געפילן זיינען דער דריטער וויכטיקער עלעמענט, אויף וועמען עס איז חל דער מאָראַלישער אָפּשאַץ. דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין גייט אָבער נאָך ווייטער און שטרעקט זיך אויס נאָך אויף אַ פּערטן, זייער וויכטיקן ענין: אויף דעם מענטשן גופא, אויף דעם „מהות מענטש" זיינעם, אויף זיין „טבע" און כאַראַקטער. אַזוי רעדן מיר וועגן אַ „די־מענטעגעם" מענטשן, אַ „זיידענער" נאַטור, אַ „מזג טוב", אַ „גערעכט־שאַפענעם". און צוריק, אין דער בחינה פון רע: „אַ רשע", אַן „אַכזר", אַ „בעסטיע בצורת מענטש", אַ „מנובל".

עס איז, ווי דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין וואָלט אינסטינקטיוו געשפּירט, אַז דער כאַראַקטער איז דער לעצטער יסוד פון אַ מאָראַלישן לעבן, אַז פון אים קוואַלן אַרויס די געפילן, וואָס באַשטימען די באַוואוסט־זיניקע כוונות, פון וועלכע עס פליסן אַרויס די באַוואוסטזיניקע טועטישן.

דאָס אַלץ, דוכט מיר, איז גענוג, כדי צו האָבן אַ גענוג קלאָרן באַגריף וועגן די וויכטיקסטע ענינים, אויף וועלכע דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין ווענדט אָן זיין אייגענעם אָפּשאַץ פון „גוט" און „שלעכט", אַ פאַרשיידענעם סיי פון דעם אוטיליטאַרישן („ניצלעך"—„שעדלעך"), סיי פון דעם עסטעטישן („שיין"—„מיאוס"), סיי פון דעם טעאָרעטישן („ריכטיק"—„פאַלש").

עס מוז דערביי באַמערקט ווערן, אַז דער מענטש האָט אַ גאַנץ אַנדער שטעלונג אין געפיל צו זיין מאָראַלישן אָפּשאַץ, איידער צו די אַנדערע מאָסשטאַבן זיינע פאַר „גוט" און „שלעכט".

אַלע אָפּשאַצן זיינען פאַרבונדן מיט די געפילן פון צופרידנקייט מיט דעם „גוט" און אומצופרידנקייט מיט דעם „שלעכט". אָבער די מאָראַלישע „צופרידנקייט" און „אומצופרידנקייט" האָבן, אַזוי צו זאָגן, אַ גאַנץ אַנדער טעם. די צופרידנקייט קאָן געשטייגערט ווערן ביז צו דעם העכסטן דרך־ארץ און פאַרערונג; די אומצופרידנקייט — ביז צו דער טיפסטער פאַראַכטונג, דעם פּראָטעסט, דעם שאַרפסטן מאָראַלישן צאָרן, דער שטרענגסטער באַשולדיקונג און דער אומבויגזאַמסטער פאַר־משפטונג.

אין קיין פאַרוואָרפנדיקן אָפּשאַץ זיינעם איז דער מענטש ניט אַזוי אומגעדולדיק, ניט אַזוי אומטאָלעראַנט, ניט אַזוי — פּשוט געררעדט — אומברחמנותדיק, שיר ניט אוממענטשלעך, ווי גראַד אין זיינע מאָראַלי־שע משפטים. און דאָס — ניט־קוקנדיק אויף די האַרבע וואָרנונגען פון דעם „פרק", וואָס האָט געפּאָדערט „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו", „משפט ניט דעם אַנדערן, ביז דו ווערסט ניט זיין אין אַזאַ לאַגע ווי ער", אָדער פון אַ ברוריא, ר' מאירס ווייב, וואָס האָט געוואָלט נאָר, אַז די זינד זאָלן פאַרשווינדן, ניט די זינדיקע, אָדער פון ישו דעם קריסט, וואָס האָט פאַרווערט דעם משפט אויף יענעם אונטער אַלע באַ־דינגונגען און האָט פאַרלאַנגט מחילה און סליחה פאַר יעדן זינדיקן.

פאַרוואָס איז דער מאָראַלישער משפט אַזוי ברענענדיק, ווי אַן „אש להבה"?

ג.

שטרענג, אומברחמנותדיק שטרענג איז דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין פון דעם מענטשן, ווען ער באַגעגנט זיך מיט די עבירות אויף די געבאָטן פון דעם מאָראַלישן „טוב" און „רע". ניט אין אַן ערך אומטאָלעראַנטער איידער צו די „פאַרברעכנס" אַנטקעגן דעם אוטיליטאַרישן, דעם עסטעט־טישן, אָדער דעם טעאָרעטישן „גוט" און „שלעכט".

קיינער וועט ניט שאַרף באַשולדיקן אָדער פאַרמשפטן אַ מענטשן דערפאַר, וואָס ער היט ניט אָפּ די געבאָטן פון „ניצלעך" און „שעדלעך"; ווען ער מאַכט, צ״ב, אַן איבעריקן שנעפּסל, אָדער רייכערט צו פיל.

קיינער וועט ניט באַשולדיקן אָדער פאַרמשפּטן אַ מענטשן דערפאַר, וואָס ער האָט אַ קרומע נאָז (להיפּוך צו דער עסטעטישער פאָדערונג פון שיינ־הייט), אָדער דערפאַר, וואָס ער האָט אַ „קרומען שכל" (להיפּוך צו דער פאָדערונג פון טעאָרעטישער ריכטיקייט). אָבער יעדער וועט באַשולדיקן, אויב ניט פאַרמשפּטן אַ מענטשן, וואָס גייט אויף קרומע וועגן אָדער האָט אַ קרומען געוויסן.

קיינער וועט ניט אויפגעברויזט אין צאָרן פון דער גרויסער עוולה, וואָס די גאַנצע מענטשהייט האָט ביז קאַפּערניקן געהאַט פאַלשע געדאַנ־קען וועגן דער אַסטראָנאָמיע. אָבער מיר ווערן נאָך עד־היום אויפגע־ציטערט, ווען מיר לייענען וועגן די אכזריותן, מיט וועלכע די אַלטע וועלט האָט זיך באַגאַנגען מיט אירע שקלאַפן אָדער מיט די געפאַנגענע אין קריג.

מיר האָבן, אָדער קאָנען האָבן מיטלייד מיט „נעבעך" אַ קראַנקן, „נעבעך" אַ פאַרהויקערטן, אפילו מיט אַ מענטשן, וואָס דענקט פאַלש. מיר קאָנען אָבער ניט האָבן קיין רחמנות מיט „נעבעך" אַ מנובל, מיט „נעבעך" אַ רשע מרושע, און זיינען דאָס אים ניט מוחל.

פון וואַנען נעמט זיך אָט די פאַרשיידענע שטעלונג אונדזערע ?

אויף דער אויסטערליש־אומטאָלעראַנטער שטעלונג צו מאָראַלישע פאַרברעכנס האָט — וויניקסטנס, ביי די מאָנאָטעאיסטישע פעלקער, — זיכער געהאַט אַ ווירקונג דער צונויפגוס פון מאָראַל און רעליגיעזן גלויבן. אַ זינד אַנטקעגן דער מאָראַל איז אַ זינד אַנטקעגן גאָט, — גלייבט דער גלייביקער. און גאָטס קריוודע מוז דאָך דער מענטש זיך אָננעמען מיט דער גרעסטער קנאַישקייט. איז דאָך גאָט אַליין, — לויט דער פּרימיטיוו־רעליגיעזער פאַרשטעלונג, — אַן „אל קנא ונוקם", אַ „פאַנאַטישער און נקמהזיכטיקער גאָט".

אָבער אויך דער רעליגיעזער פאַנאַטיזם אין פאַרמשפּטן דעם „פּושע" וואָלט ניט געקאָנט אויפקומען ביי דעם מענטשן, ווען אין אונדז וואָלט ניט געלעבט די כמעט אינסטינקטיווע געוויסקייט, אַז דער מענטש איז אַן „איך", אַ זעלבסטשטענדיקער יש, וואָס האָט אַן אייגענעם פרייען ווילן. פון אָט דעם אינסטינקטיוון, אָדער אינטואיטיוון מקור שלאָגט אויך דער ריין מאָראַלישער פאַנאַטיזם.

אַ מענטש דאַרף שטיין אויף אַ געוויסער מאָראַלישער הייך אין זיין כאַראַקטער, אין זיינע געפילן, אין זיינע שטרעבונגען און מעשים. פאַלט ער אַרונטער פון יענער הייך, איז דאָס זיין אייגענע שולד, ער בלייבט שולדיק אַ „מאָראַלישן חוב" און דערפאַר באַשולדיקן מיר אים און פאַרמשפּטן אים.

און ווען ער פֿאַלט צו טיף אַרונטער, באַשטראָפֿן מיר אים. צוריק: ווען איינער הייבט זיך אויף אויף אַזאַ מאָראַלישער הייך, אַוואו ניט יעדער איינער איז ביכולת אַרויפֿצוקלעטערן, רופֿט ער אין אונדז אַרויס באַוואונדערונג, התפּעלות און עקסטאַטישע פֿאַרערונג, ביז צו אַן אמתער „יראת הרוממות".

דאָס איז אַ פּסיכאָלאָגישער פֿאַקט. ער באַווייזט אונדז, אַז אויף דעם גרונט פֿון דעם מאָראַלישן אָפּשאַץ ליגט די פֿאַרשטעלונג פֿון דער מענטש־לעכער פֿרייהייט און באַוואוסטזיניקייט. די מאָראַלישע חשיבות פֿון דעם מענטשן הענגט אָפּ פֿון דעם, אויף וויפֿיל מיר באַטראַכטן אים פֿאַר אַב־סאָלוט פֿריי און איידל.

שטעלט אייך אין דער אמתן פֿאַר אַזאַ זאַך: אַ מענטש איז זיך מוסר נפֿש, כדי צו ראַטעווען פֿון טויט אַן אַבסאָלוט פֿרעמדן מענטשן, אָדער גאָר אַ פֿיינט זיינעם. אַוודאי ווערן מיר גערירט פֿון אַזאַ איידעלן הומאַנעם אויפֿפֿיר, און די מאָראַלישע חשיבות פֿון דעם בעל־דבר שטייגט אין אונדזערע אויגן. אָבער אָט דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט דאָס געטאָן, ווייל ער איז געווען „שיכור ווי לאָט" (לוט) און האָט בעת מעשה ניט געוואוסט אויף וואָסער וועלט ער איז; אָדער, אַז ער האָט דאָס געטאָן אונטער דער ווירקונג פֿון אַ היפּנאָז; אָדער דער געראַטעוועטער מענטש האָט געהאַט ביי זיך דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן פֿון דעם רעטער. דעמאָלט האָט זיך דער רע־טער מוסר נפֿש געווען פּשוט, כדי ניט צו פֿאַרלירן זיין געלט, וואָס איז אים געווען טייערער, איידער זיין אייגן לעבן. אין אַלע אָט די פֿאַלן וועט פֿאַרשווינדן אונדזער מאָראַלישע התפּעלות, ווייל די איידעלע, הומאַנע האַנד־לונג ווערט דאָ באַטראַכט ווי אַ פּראָדוקט אָדער פֿון אַן אומפֿרייען ווילן, אָדער פֿון אַן אומאיידעלן ווילן.

דערפֿון איז געדרונגען, אַז די מאָראַל וויל האָבן דעם מענטשן אַ פֿרייען, וואָס ער איז אַליין דער באַלעבאָס אויף זיינע מעשים און זיינע שטרעבונגען און נעמט אויף זיך די אַחריות פֿאַר זיי. דערפֿון איז ווידער געדרונגען, אַז דער תוך פֿון דער מאָראַל איז די אויטאָנאָמיע, די זעלבסט־באַשטימונג. דאָס איז די פֿאָדערונג, אַז די מאָראַלישע הייך פֿון אַ מענטשן זאָל זיין אַ פּראָדוקט פֿון זיין אייגענער באַשטימונג, פֿון זיין אייגענעם שכל און יושר און ניט דערפֿון, וואָס אַנדערע צווינגען אויף אים אַרויף, אָדער בלאָזן אין אים אַריין.

אין דער קינדהייט האָט מען מיך געלערנט זאָגן אַלע טאָג, אַז איך „וועל פֿאָלגן וואָס טאַטע־מאַמע הייסט און וואָס אַלע גוטע און פֿרומע לייט הייסן מיר צו גוטן טאָן". פֿאַר אַ קינד איז דאָס אפֿשר גוט, ווי אַ מיטל אין

דער מאָראַלישער פּעדאַגאָגיק. פאַר אַ דערוואַקסענעם איז דאָס די פולסטע ירידה פון דער מאָראַל, ווייל אין דעם פאַלגן, להיפוך צו דעם אייגענעם שכל און יושר, גייט פאַרלוירן דער תוך און עצם פון דער מאָראַל: די אייגענע אינדיווידואַליטעט, די אויטאָנאָמיע, די פרייע זעלבסט־באַשטימונג, וואָס הערט זיך צו נאָר צו דעם אייגענעם געוויסן מיט זיינע באַפעלן: דו זאָלסט דאָס און דו טאָרסט ניט יענס.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז די מאָראַלישע פאָרשטעלונג פון אַ פרייער, אויטאָנאָמער פערזענלעכקייט שטייט אין אַ שאַרפן ווידערשפּרוך צו יענעם אמת פון דעם טעאָרעטישן באַוואוסטזיין, וואָס זאָגט אונדז, אַז קיין זאַך אין דער וועלט איז ניט פריי, אַז יעדע זאַך מוז האָבן אַן אורזאַך און אַז אַלע מענטשלעכע כאַראַקטערן, ווילנס־שטרעבונגען און מעשים זיינען פּראָדוקטן פון יענע אומשטאַנדן, וואָס באַשאַפן אַ מענטשלעך לעבן.

קאָנען מיר דען שטעלן פאָדערונגען צו דעם שטיין, ער זאָל פון זיך אַליין פליען אין דער הייך, ווען קיין זאַך וואַרפט אים ניט? אָדער — ער זאָל בלייבן אויף אַן אָרט, ווען ער מוז פאַלן? ווי קאָנען מיר דען שטעלן מאָראַלישע פאָדערונגען צו אַ מענטשן, וואָס איז אויך, ווי אַ שטיין, ניט מער ווי אַ נאַטור־פּראָדוקט, וואָס ווערט אויך, ווי אַ שטיין, דיריגירט און באַהערשט פון אייביקע געזעצן?

יאָ, דאָס איז אַ שאַרפער ווידערשפּרוך צווישן דעם טעאָרעטישן באַוואוסטזיין און דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין. ביידע זיינען אָרטן פון אַ מענטשלעכן באַוואוסטזיניקן לעבן און זייער אינעווייניקסטער ווידערשפּרוך האָט געגעבן דער דענקענדיקער מענטשהייט פיל קאָפּ־מאַטערניש, און גיט נאָך עד היום.

עס זיינען אָבער דאָ אַ סך וועגן אין דעם מענטשלעכן געדאַנק, אויף וועלכע דער ווידערשפּרוך קאָן האַרמאָניש אויסגעגליכן ווערן אַזוי, אַז אי דער טעאָרעטישער אמת זאָל ניט אָנגעגריפן ווערן, אי די מאָראַלישע פאָדערונגען, מיט זייער גרונט־באַדינג פון דער מענטשלעכער פרייהייט, זאָלן בלייבן ניט געמינערט.

עס איז ניט דאָ דאָס אָרט, צו שילדערן אַלע יענע וועגן. אָבער דאָ מוזן אָנגעמערקט ווערן אַ פּאָר פון זיי, ווייל זיי האָבן אַ שייכות צו אונדזער ענין פון „סאָציאַליזם און מאָראַל״. די צוויי וועגן לויפן פּאַראַלעל און גיסן זיך דערנאָך צונויף אין איינעם.

קודם: עס איז אַ מוז פאַר דעם מענטשן, אין זיין פּראַקטישן און דער עיקר מאָראַלישן לעבן, צו באַטראַכטן אי זיך, אי די אַנדערע, ווי פרייע פּער־

זענלעכקייטן. עס איז פונקט אַזאַ „מוז“, אַזאַ נאַטירלעכע אומפאַרמייד־לעכקייט, ווי עס איז אַ נאַטירלעכע אומפאַרמיידלעכקייט פאַר דעם שטיין, צו פאַלן, ווען ער איז אויף קיין זאַך ניט אָנגעלענט; ווי עס איז אַ „מוז“ פאַר דעם מענטשלעכן אויג צו זען די זון, די גרייס ווי אַ טעלערל, הגם דער אַסטראָנאָמישער שכל באַווייזט, אַז זי איז מיליאָסן מאָל גרעסער איידער די ערד, און אַז ניט די זון „גייט“ אַרום דער ערד, נאָר פונקט פאַרקערט.

אין דער פּראַקטיק פאַרענטפערט דער מענטש דעם דאָזיקן ווי־דערשפּרוך זייער גרינג: ער קאָן פאַרשטעלן די גאַנצע זון מיט דעם היטל פון זיין קאָפּ און אין גאַנצן „אַרויסלאָזן פון אויג“, אַז ער איניינעם מיט דער ערד דרייט זיך אַרום איר. אַזוי איז דאָס אויך מיט דעם באַ־וואוסטזיין פון דער מאָראַלישער פרייהייט. דער מענטש פאַרשטעלט, ווען ער דאַרף, די זון פון דעם טעאָרעטישן באַוואוסטזיין, זי זאָל ביי אים ניט אויסשרפענען די אים נייטיקע, די אים אַזוי טייערע פרייהייט, און באַגייט זיך אין זיין אייגענעם לעבן מיט זיך אַליין און מיט די אַנדערע מענטשן, — דער עיקר אין די מאָראַלישע אָפּשאַצונגען, — פונקט ווי אַלע מענטשן וואָלטן אין דער אמתן געווען פרייע, זיך זעלבסט־באַשטימענדיקע פערזענלעכקייטן.

אַי — מענטשן זיינען דאָך פאָרט אַ פּראָדוקט פון אומשטאַנדן? — קאָנען מיר דאָ אַרויפגיין אויף נאָך אַ וועג. ווי איז, ווען די לעבנס־אומשטאַנדן וואָלטן געווען אַזוינע, אַז פון זיי וואָלטן, ווי אַ נויטווענדיקער פּראָדוקט, אַרויסגעוואַקסן מענטשן מיט „זיידענע“ נאַטורן, מיט איידעלע געפילן, מיט הומאַנע ווילנס־שטרעבונגען און מיט אַ שטאַרקער, לאָז זיין, „אילוזיע“ פון דער אייגענער פרייהייט און דער אייגענער מאַכט, אויסצודריקן דעם אייגענעם מאָראַליש־הויכן מהות אין מאָראַליש־הויכע מעשים? וואָלט דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין געווען צופרידן דערמיט? זיכער! ער האָט אַלע שאַנסן, אַז קיין איינער פון זיינע גרונט־עלע־מענטן זאָל ניט אַרונטערפאַלן אונטער די מינימאַלע פאָדערונגען זיינע. אין דער איצטיקער צייט, ווען די אומשטאַנדן פּראָדוצירן דאָס רוב גאַנץ אַנדערע כאַראַקטערן, געפילן, שטרעבונגען און מעשים, קאָן דער מאָראַ־לישער באַוואוסטזיין אָנווענדן זיין פּראָטעסט און צאָרן ניט נאָר אַנט־קעגן זיי, נאָר אויך אַנטקעגן די הערשנדיקע אומשטאַנדן, וואָס ברענגען זיי אַרויס, — אַ פּראָטעסט און אַ צאָרן, וואָס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין באַשטימטע מעשים.

איר שטויסט זיך געוויס אָן, אַז דאָ פּליסט אַריין דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין אין דעם שטראָם פון יענע געדאַנקען, וואָס באַשעפטיקן דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, — די געדאַנקען וועגן די געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן און זייער ווירקונג אויף אַלע זייטן פון אַ מענטשנס לעבן און אויף דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט.

ד.

וואָרפט מען, לאָז זיין, נאָר אַ ראַשן איבערבליק איבער דעם מאָראַלישן צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור — דער עיקר איבער דעם אָפּשאַץ פון „גוט" און „שלעכט", וואָס הערשט אין אים — אַזוי קומען מיר צום שלוס, אַז דער אָפּשאַץ ווערט אָנגעווענדט ניט נאָר אויף די מענטשלעכע מעשים, נאָר אויף דעם מענטשנס ווילן (זיינע כוונות), דעם מענטשנס געפילן און דעם מענטשנס כאַראַקטער. און — וואָס פאַר אונדזער ענין איז באַזונדערס וויכטיק — ניט נאָר אויף אָט די עלעמענטן פון אַ יחידס לעבן, נאָר אויך אויף די געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן, וואָס אונטער זייער שליטה שטייט דעם יחידס לעבן. — דאָס האָבן מיר זיך געמיט צו באַלייכטן אין די פריערדיקע באַטראַכטונגען.

לפי זה קומט אויס, אַז דער מאָראַלישער קולטור־צווייג טראָגט אין זיך אַ טאָפּלטן אידעאַל. איינמאָל איז דאָס אַן אינדיווידועל־מאָראַלישער אידעאַל. זיין פאָדערונג איז, אַז דער מענטש זאָל באַטראַכטן פאַר דעם העכסטן חוב פון מענטשלעכער חשיבות די אויסאיידעלונג פון זיין כאַראַקטער, זיינע געפילן, זיינע באַוואוסטזיניקע שטרעבונגען און, ממילא, אויך זיינע האַנדלונגען סיי בנוגע צו זיך אַליין, סיי בנוגע צו זייגע מיטמענטשן. דאָס איז איין זייט פון דעם מאָראַלישן אידעאַל. זיין צווייטע זייט איז ניט קיין אינדיווידועלע, נאָר אַ סאָציאַל־עטישע. דאָ ווערט געפאָדערט, אַז דורך די מאָראַלישע האַנדלונגען פון די מענטשן זאָלן אַזוי איבערגעאַנדערשט ווערן די געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען פון מענטש צו מענטש, אַז די אומשטאַנדן און די געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען אין וועלכע יענע באַציאונגען דריקן זיך אויס, זאָלן האַרמאָנירן מיט די העכסטע פאָדערונגען פון גערעכטיקייט און מענטשן־ליבע. און ניט נאָר דאָס. יענע ניי־געשאַפענע געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן דאַרפן געבן דעם מענטשן די מעגלעכקייט אויפצוהייבן זיך אין זיין מאָראַלישן שטרעבן צו דער העכסט־מעגלעכער הייך.

אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס לייגט געוויכט אויף דעם מאָראַלישן פּראָבלעם, פּאַרזעט מען אָפט דעם טאָפּל־זייטיקן כאַ־ראַקטער פון דעם מאָראַלישן אידעאַל. ווי אַלע מאָל, ווען דער מענטש־לעכער געדאַנק באַגעגנט זיך מיט אַ צווייהאַפּטיקייט פון דערשיינונגען, איז ער אָפט נוטה, אין זיין ראַדיקאַלן שטרעבן צו איינהאַפּטיקייט, מבטל צו זיין אינגאַנצן איין זייט פון דער דערשיינונג צוליב דער אַנדערער.

אויך אין אונדזער ענין געפינען זיך דענקער, וואָס שטייען אונטער דער שליטה פון אַזאַ איינזייטיקן ראַדיקאַליזם.

טראַכט ניט אַזוי וועגן די סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען, „סביבות" און אומשטאַנדן — פאָדערט דער אינדיווידואַליסטישער מאָראַליסט. עס וועלן דעם מענטשן ניט העלפן קיינע נייע סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען, כל־זמן ער וועט ניט גובר זיין די בעסטיע אין זיין אייגענער נאַטור; כל־זמן ער וועט ניט אַרויסברענגען פון אירע טיפן יענע „מענטשלעכקייט", וואָס ליגט אין איר יסוד. און דעמאָלט — ווען מענטשן־ליבע וועט ווערן די הערשנדיקע טרייבנדיקע קראַפט — וועט דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן זיך ממילא אויסגיסן אין יענע פאָרמען, אין וועלכע די מענטשן־ליבע וועט געפינען איר העכסטע פאַרווירקלעכונג. די אַפּאָסטאָלן פון אָט דעם איינזייטיקן איינשטעל זיינען אין רוסלאַנד געווען דער גראַף טאָלסטאָי און זיינע תלמידים.

פון דער אַנדער זייט וועלן מיר שפּעטער זען, ווי אַזוי אַזאַ סאָצי־אַליסטישער דענקער, ווי אָוען, איז דורך זיין אייגענער לעבנס־דערפאַרונג געצוואונגען געוואָרן צו פאַרלאָזן דעם ריין־אינדיווידואַליסטישן איינשטעל און די גאַנצע וואָג פון זיין אַרגומענטאַציע אַריבערצוטראָגן אויף דער סביבה.

דער רוסישער געניאַלער סאַטיריקער סאַלטיקאָוו־שטשעדרין האָט קלאָר איינגעזען דעם טאָפּלטן כאַראַקטער פון דעם פּראָבלעם, ווען ער האָט אים, אויף זיין אופן, פאָרמולירט אַזוי: עס איז בלי ספק, אַז וואו עס איז דאָ אַ זומפּ וועלן זיך אין אים ווידמען שדים (לויט דעם רו־סישן ווערטל, אַז „ווּ'באָלאָטע טשערטי וואָדיאַטסיאַ", „אין אַ זומפּ לעבן שדים"). אָבער פון דער אנדער זייט איז דאָך ניט ווייניקער קלאָר, אַז כל־זמן עס וועלן זיין שדים, וועלן זיי שוין באַשאַפן דעם פּאַר זיי נייטיקן זומפּ.

דער אויסוועג פון אָט דער דואַליסטישער דילעמע איז אויך דאָ, ווי אומעטום, דער שטאַנדפּונקט פון דעם סינטעטישן מאָניזם, וואָס דער־לאָזט ניט, אַז איין זייט פון דעם פּראָבלעם זאָל פאַרטונקלען, אָדער איג־

גאַנצן מבטל זיין, די אַנדערע זייט. אויך דאָ מוז מען תמיד האָבן אין אויג די טאָפּלהאָפּטיקייט פון דעם מאָראַלישן אָפּשאַץ, אי ווען ער ווערט אָנגעווענדט אויף דעם אינדיווידואום, אי ווען ער וואַרפט־אונטער אונטער זיין קריטיק די אומשטאַנדן פון אַ מענטשלעכן לעבן.

נאָר — דאָ זיינען מיר שוין אַריינגעשפּרונגען אין די אויספירן בנוגע דעם ענין פון „סאָציאַליזם און מאָראַל", בעת מיר האַלטן נאָך אין דעם אַריינפיר צו דעם ענין. מיר זיינען ערשט פּאַרטיק געוואָרן מיט אַן איבערבליק איבער דעם מהות פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין און פון זיין אָפּשאַץ, לויט זיינע אייגענע מאָסשטאַבן, פון „גוט" און „שלעכט". עס איז איצטער אונדזער אויפגאַבע צו זען ווי שטעלט זיך דער סאָציאַליזם צו דעם גאַנצן ענין פון מאָראַל.

אַז ער האָט אַ שטאַרקע שייכות צו אים, איז שוין אונדז, האָפנטלעך, קלאָר געוואָרן. אָבער וואָס איז זיין שייכות צו זיינע פאָדערונגען און צו די מאָסשטאַבן פון זיינע אָפּשאַצונגען? טראָגט ער אַריין וואָס עס איז נייעס אין דער אויפקלערונג פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין און אין די מאָסשטאַבן, מיט וועלכע עס ווערן אָפּגעשאַצט די מענטשלעכע חשיבות, די מאָסשטאַבן פון מאָראַלישן „גוט" און „שלעכט"?

כדי אויך אָט די פראַגן צו פאַרענטפערן, מוז מען, נאַטירלעך, פריער געווינען אַ באַפרידיקונג־באַגריף וועגן דעם ענין „סאָציאַליזם". און דאָס איז גאַרניט אַזוי גרינג ווי עס קוקט אויס פון אויבן־אויף. דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט זיך פונאַנדערגעשפּאָלטן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, און יעדע ריכטונג טייטשט אויס דאָס וואָרט אויף איר אופן. מען דערציילט, אַז ווען מען האָט פּרודאָנען געשטעלט צום משפט פאַר זיין סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און דער שופט (לייענט: „שויפעט" און ניט „שופט") האָט אים געפרעגט, וואָס איז סאָציאַליזם, זאָל פּרודאָן האָבן געענטפערט: „דאָס איז אַ שטרעבן צו באַשאַפן דאָס העכסט מעגלעכע גליק פאַר דער גרעסט־מעגלעכער צאָל מענטשן". „זיינען מיר דאָך אַלע סאָציאַליסטן", האָט דערויף באַמערקט דער ריכטער. „יאָ", האָט זיך אָפּגערופן פּרודאָן, „דאָס איז אויך מיין מיינונג". געוואָלט האָט ער מסתמא זאָגן דערמיט: „מיר זיינען טאַקע אַלע סאָציאַליסטן, אָבער ניט אַלע ווייסן דעם וועג ווי צו דערגרייכן דעם ציל און וועגן דעם גייט דער קאַמף".

די בעסטע זאַך איז — צו פאַרלאָזן די מיינונגען פון דעם אָדער יענעם סאָציאַליסט און ווענדן זיך צו דער געשיכטע פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. עס זיינען

פאַראַן אַזעלכע געשיכטע־ביכער אין אַלע שפּראַכן פון אַלע ציוויליזירטע פעלקער. אין אַט די אַרבעטן, ווי אויך אין איינצלנע ווערטפּולע מאָנאָגראַפיעס, ווערן באַשריבן געוויסע געדאַנקען־שטראָמען און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וואָס הייבן זיך אָן מיט די אַלט־יידישע נביאים און פאַרענדיקן זיך מיט אונדזערע צייטן. אַלע געשילדערטע געדאַנקען, פּלענער, שטרעבונגען און באַוועגונגען ווייזן־אויף אַט וועלכע גרונט־שטריכן:

ערשטנס: די פאַרטיידיקונג פון די אָרעמע און די אונטערדריקטע אַנטקעגן די רייכע און די אונטערדריקער. דער סאָציאַליזם איז דאָ אַ באַפרייאונג־באַוועגונג אין די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע פאָלק־מאַסן.

צווייטנס: די פאָדערונג פון גערעכטיקייט אין דעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן.

דריטנס: די פאָדערונג פון סאָלידאַריטעט, געמיינשאַפטלעכקייט און קעגנזייטיקער הילף אַנשטאָט קאַמף און קאָנקורענץ.

פערטנס: די פאָדערונג איבערצובויען די יסודות פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אַזוי, אַז דאָס פּריוואַט־אייגנטום און דאָס אייגנטום־רעכט בכלל זאָל איינגעגרענעצט ווערן אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער מאָס. דער פריערדיקער קאָמוניזם איז אָפט דערגאַנגען אין אַזאַ פאָדערונג ביז צום אָפּשאַפן פון יעדער אַרט אייגנטום. דער איצטיקער מעמד פון דער סאָציאַליסטישער פאָדערונג באַשטייט אין דעם „קאָלעקטיוויזם", פאַר וועלכן אויך מאַרקס און ענגעלס האָבן זיך איינגעשטעלט. דער קאָלעקטיוויזם פאַרלאַנגט ניט די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום בכלל, נאָר די אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום אויף די מיטלען און די געצייג פון פּראָדוקציע, איבערלאָזנדיק דאָס זעלביקע פּריוואַט־אייגנטום אויף די מיטלען פון דעם פּערזענלעכן פאַרנוץ צוליב דעם פּערזענלעכן פאַרנוץ.

מוסטערט מען דורך אַט די כאַראַקטעריסטישע גרונט־שטריכן פון „יעדן" סאָציאַליזם, אַזוי באַמערקט מען תיכף, אַז צווישן דעם סאָציאַליזם און דער מאָראַל הערשן די ענגסטע באַציאונגען. עס ווערט אויך דאָ גערעדט פון פרייהייט, גערעכטיקייט און געזעלשאַפטלעכע לעבנס־פאָרמען אין וועלכע זיי זאָלן זיין פאַרקערפּערט.

עס איז ווי זיי ביידע — דער סאָציאַליזם און די מאָראַל — וואָלטן געווען אַ צווילינג אויסגעטראָגן אין איין מוטער־טראַכט: דעם פּראָ־

גרעסיוון געדאַנק פון דער מענטשהייט. עס איז ווי זיי וואָלטן זיך געניי־טיקט איינער אין דעם אַנדערן.

דער סאָציאַליזם נייטיקט זיך אין דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, כדי צו האָבן די העלדישע, מוטיקע קעמפער, וואָס דערבליקן זייער אידעאַל פון מענטשלעכער חשיבות אין דעם אַנשטורעם אויף די אומגערעכטע געזעלשאַפטס־פאָרמען און אין דעם קאַמף ביז צו מסירת־נפש פאַר דער באַפרייאונג פון אַלע אָרעמע און אונטערדריקטע.

און די מאָראַל נייטיקט זיך אין דעם סאָציאַליזם, כדי אויסצובויען אַזעלכע סאָציאַלע לעבנס־פאָרמען און צו באַשאַפן אַזעלכע אומשטאַנדן, אין וועלכע עס זאָלן זיך קאָנען פונאַנדערבליען די מאָראַלישע אייגנ־שאַפטן פון דער מענטשלעכער נאַטור, און עס זאָל קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן דער טאָפּלטער אידעאַל פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין: דער אינדיווידועל־מאָראַלישער און דער סאָציאַל־עטישער.

מיט דעם גורל פון דער ענגער פאַרבינדונג צווישן מאָראַל און סאָציאַליזם, ווי אויך מיט דעם אויפטו פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק פאַר דער לייטערונג פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין וועלן מיר מער באַקאַנט ווערן, ווען מיר וועלן זען ווי זיי זיינען אַרויסגעטראָטן אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם. צו אָט דער אויפגאַבע וועלן מיר אי־בערגיין אין די נעקסטע קאַפּיטלען. פון אָט דער געשיכטע וועלן מיר אַרויסנעמען נאָר די וויכטיקסטע עטאַפּן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אונדזער ענין, און אויך זיי וועלן מיר שילדערן נאָר אין די אַלגעמיינסטע, אָבער כאַראַקטעריסטישע שטריכן.

.1

די נביאים

דער פראַנצויזישער פילאָסאָף, אָגיוסט קאָמט, דער באַגרינדער פון דער סאָציאָלאָגיע ווי אַ באַזונדער צווייג אויף דעם בוים פון דער מענטש־לעכער דערקענטעניש, פירט דורך אין זיין סיסטעם פון דער „פאָזיטיווער פילאָסאָפיע" דעם געדאַנק, אַז די גייסטיקע אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט גייט דורך דריי עטאַפּן, וואָס קאָנען פאַרגליכן ווערן מיט קינדהייט, יוגנט און דערוואַקסנקייט.

אין דער קינדהייט איז דער מענטשהייטס דענקען „טעאָלאָגיש". מען פּרוּווט דערקלערן אַלץ דורך „געטער", דורך איבערנאַטירלעכע פּערזענ־לעכקייטן, וואָס ווירקן פון דרויסן אויף די דערשיינונגען. אין דער יוגנט ווערט דאָס דענקען „מעטאַפיזיש". דעמאָלט ווערט אַלץ דערקלערט, דער עיקר, דורך „אייביקע אידייען", וואָס ווירקן אינעווייניק אין די דערשיינונגען. אין דער דערוואַקסנקייט ווערט דער געדאַנק „פּאָזיטיוויסטיש". ער האַלט זיך שטרענג אָן דער דערפאַרונג און זוכט נאָר אויסצוגעפינען די „געזעצן", וואָס הערשן אין איר, ד"ה, די נויטווענדיקע שייכותן, וואָס עקזיסטירן צווישן די איינצלנע דערשיינונגען און די כּללים פון אַזעלכע שייכותן.

אָט די דריי אַרטן דענקען געפינען מיר אויך אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם, נאָר זיי גייען ניט אַזוי פּינקטלעך כראָנאָלאָגיש איינס נאָכן אַנדערן, ווי דאָס פאָדערט די קאָמטיסטישע פאָרמולע. (אגב, איז דאָס אויך דער פאַל מיט דאָס רוב איינצלנע צווייגן פון די גייסטיקע וויסנשאַפטן). אויך דער סאָציאַליזם הייבט זיך אָן מיט אַ טעאָלאָגישן פּעריאָד. זיינע אויס־בילדער זיינען געווען די יידישע נביאים.

קיינער לייקנט ניט די קאָלאָסאַלע באַדייטונג, וואָס די אַלטע יידישע נביאים האָבן געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון די מענטשלעכע אידעאַלן בכלל און פון די סאָציאַליסטישע בפרט. אָבער דער סאָציאַליסטישער גע־דאַנקען־גאַנג געפינט זיך ניט ביי אַלע נביאים און ניט אין דעם זעלביקן

גראַד פון קלאָרקייט און שאַרפקייט. אויפן שאַרפסטן אופן טרעט ער אַרויס ביי די עלטערע נביאים: עמוס, הושע, מיכה, ישעיהו און צפניה. אויפן צווייטן פּלאַץ אין אַט דעם פּרט וועלן שטיין ירמיהו און יחזקאל.

דער סאָציאַליזם ווערט געבוירן ביי די נביאים, ווי א מאָראַלישער סאָציאַליזם, און ער פּאַרלירט ניט אַט דעם גרונט־שטריך זיינעם ביז צו דעם אויפקום פון דעם „וויסנשאַפטלעכן" סאָציאַליזם אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס. מיר געפינען ביי די נביאים דעם פּלאַמיק גרימצאָרנדיקן פּראָטעסט, אַן אָפט דורכגעזאַפּטן מיט גיפטיקן סאַרקאַזם, אַנטקעגן די רייכע, די „האַרן" און די אונטערדריקער: אַ פאַרטיידיקונג פון די אָרעמע, פאַרשקלאַפטע און אונטערדריקטע; א פאָדערונג פון סאָציאַלער גערעכטיקייט („צדק ומשפט"). מיר געפינען אויך דעם איינזען, אַז די אומגערעכטיקייטן אין דעם סאָציאַלן לעבן האָבן צו טאָן מיט דער פאַרטיילונג פון אייגנטום אין דער געזעלשאַפט און מיט דער קאָנצענטראַציע פון רייכטימער אין ווייניקע הענט („הוי משיגי־בית בבית ושדה בשדה!" „ווי געשריען אויף די, וואָס פאַרכאַפּן אַ הויז נאָך אַ הויז און אַ פעלד נאָך אַ פעלד", — שרייט אויס דער נביא ישעיהו).

די נביאים זיינען אויך געווען די ערשטע, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט אַ פעסטן פונדאַמענט פאַר דעם סאָציאַל־עטישן אידעאַל, אין דער פאָדערונג פון ברידערלעכקייט, פון א „שבת אחים" (לייען „שעוועס"). אַלע מענטשן דאַרפן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין פאָלק, און אַלע פעלקער דאַרפן לעבן ווי ברידער אין די גרענעצן פון איין מענטשהייט.

אַט די נביאים זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן ברייט פונאַנדערגעוויקלט די פאָן פון אינטערנאַציאָנאַליזם, פון פעלקער־פאַרברידערונג און פון אייביקן פרידן צווישן זיי. אַלע מענטשן און אַלע פעלקער זיינען קינדער פון איין־איינציקן גערעכטן און ליבעפולן גאָט, א ריין גייסטיקן „יש", וואָס דאַרף גאָרנישט ניט פאַר זיך, נאָר וואָס טראַכט נאָר וועגן דעם וואויל פון דער וועלט, א באַשאַפענער פון זיינע הענט. זיי זיינען אויך געווען די ערשטע, ביי וועמען עס איז אויפגעקומען, הגם נאָך ניט גאַנץ קלאָר, דער געדאַנק פון א מענטשלעכן פּראָגרעס. אויסגעדריקט זיך האָט ער נאָר אין דעם נביאימשן גלויבן, אַז עס וועט אויפקומען א נייע ערד און א נייער הימל, וואָס וועלן אָפּבייטן די איצטיקע יצירה און וועלן ברענגען דאָ, אויף דער וועלט, א ליכטיקן, גליקלעכן לעבן פאַר יעדן מענטשן־קינד און פאַר יעדן לעבעדיקן באַשאַף.

פון די אומצאָליקע שטעלן, וואָס איך וואָלט געקאָנט ברענגען פון די נביאים, כדי צו פאַראמתן די געמאַכטע קורצע כאַראַקטעריסטיק, וועל איך

זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איין פּסוק פון מיכה המורשתי, אין וועלכן עס האָט זיך אָמקלאָרסטן אויסגעדריקט דער נביאימשער אינדיווידועל־מאָראַ־לישער אידעאַל. דער פּסוק לייענט זיך אַזוי: „הוגד לך, אדם, מה טוב ומה אלהיך דורש ממך, כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך“. דער טייטש: „עס איז דיר, מענטש, געזאָגט געוואָרן וואָס עס איז גוט און וואָס דיין גאָט פאָדערט פון דיר: ניט מער ווי טאָן גערעכ־טיקייט, ליב האָבן גענאָד און צניעותדיק ארומגיין מיט דיין גאָט“.

טראַכט מען זיך אריין אין אָט דעם וואונדערלעך־שיינעם שפּרוך, אַזוי באַמערקט מען ווי אין אים לויפן זיך צונויף געדאַנקען־ליניעס פון אַן אומ־געהייערן טעאָרעטישן און פּראַקטישן באַדייט.

קודם זעען מיר דאָ דעם טעאָרעטישן אונטערגרונט פון דער נביאימ־שער מאָראַל: עס איז אַ טעאָלאָגישער אונטערגרונט. די מאָראַל ווערט דאָ באַטראַכט ניט ווי אַ פּראָדוקט פון דעם מענטשלעכן מאָראַלישן באַ־וואוסטזיין. זי שטאַמט פון גאָטס דירעקטער אריינמישונג און דירעקטן אויפטראָג מיט אויסדערווייילטע מענטשן. „הוגד לך“, עס איז דיר געזאָגט געוואָרן, „מה אלהיך דורש ממך“, וואָס דיין גאָט פאָדערט פון דיר. דעם מענטשנס אייגענע פאַרשטעלונגען וועגן אַ גאָט און וועגן די מאָראַלישע געבאָטן, שטייען דאָ, ביי די נביאים, ווי אַ קראַפט, וואָס געפינט זיך דרויסן פון דעם מענטשן, און ווי באַפעלן, וואָס שטאַמען אָפּ פון יענער קראַפט און קומען צום מענטשן פון דרויסן. דאָס איז די טעאָלאָגישע ספערע, וואָס האָט באַהערשט דאָס גאַנצע דעמאָלטיקע דענקען. דאָס איז די דרויסנ־לעכע טעאָרעטישע שאָלעכץ. וויכטיקער איז דער מענטשלעכער מאָראַלישער קערן, וואָס שטעקט אין איר.

„הוגד לך, אָדם“. עס איז דיר, מענטש, געזאָגט געוואָרן — דאָ ווענדט זיך דער יידישער נביא ניט צו דעם יידן, ניט צו דעם יידישן פאָלק. אפילו ניט צו די „בני אדם“, ווי אַ מענטשלעכן קאָלעקטיוו. ער ווענדט זיך צו דעם אינדיווידואום, צו דעם איינצל־מענטשן, ווי צו דעם איינציקן טרעגער און דורכפירער פון די מאָראַלישע געבאָטן. און — אין וואָס באַשטייען זיי? — נאָר („כי אם“) אין גערעכטיקייט און גענאָד. אַלערליי רייך־רעליגיעזע געבאָטן פון „בין אדם למקום“ („צווישן מענטש און גאָט“) ווערן אָפּגעשטופּט אויף דעם הינטערשטן פּלאַן, אינעם „צניעותדיקן אַרומגיין מיט גאָט“. דאָס הייסט: זיי ווערן אין גאַנצן ניט נאָר וואָס מען רופט איצטער אַ „פּריוואַט־זאַך“, נאָר אויך אין גאַנצן פאַרשיקט אין אַן אינדיווידועלער באַהעלטעניש. זיי ווערן פאַרטריבן פון דעם עפנטלעכן לעבן, מיט די רע־ליגיעזע טעמפּלען, מזבחות, קרבנות, צערעמאָניעס און ריטואַלן, פון וועלכע

די גרויסע סאָציאַליסטישע נביאים האָבן גאָרנישט ניט געוואָלט וויסן, אַנטקעגן וועלכע זיי האָבן מוטיק געקעמפט מיט ניט קיין קלענערן צאָרן, איידער אַנטקעגן דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט.

אין מיכהס אַזוי רייכהאַלטיקן שפּרוך מוזן מיר אויך באַמערקן, אַז די נביאים באַנוגענען זיך ניט מיט דער פאָדערונג פון גערעכטיקייט. זיי ווילן ניט נאָר גערעכטע מעשים. זיי פאָדערן די אויסבילדונג פון דעם מאָראַלישן געפיל, די ליבע צו גענאָד. זיי פאָדערן ווי א מאָראַלישן חוב די ליבע צו יעדן מענטשן, ווי צו זיך אליין. פון זייער גייסט שטאַמט דאָס דער באַרימטער באַפעל אין דער תורה, — וואָס איז, אגב, א קאָמפּראָמיס־שריפט צווישן דעם גייסט פון די נביאים און דעם גייסט פון די כהנים, — דער באַפעל פון „ואהבת לרעך כמוך", „זאָלסט ליב האָבן דעם אַנדערן ווי זיך אליין". און אויך דאָס מערקט זיך אין מיכהס שפּרוך: אז די נביאים שטעלן אַוועק די מאָראַלישע האַנדלונגען און די אויסבילדונג פון דעם מאָראַלישן ליבע־געפיל, ווי דאָס העכסטע גוט, צו וועלכער עס דאַרף שטרעבן איטלעך מענטשנקינד; דאָס איז זייער אינדיווידועל־מאָראַלישער אידעאַל.

אָבער פונקט אַזוי רעוואָלוציאָנער, אַזוי וויט־גרייפנדיק אין דער צו־קונפט איז געווען זייער סאָציאַל־עטישער אידעאַל, זייערע פאָרשטעלונגען וועגן די יסודות פון א געזעלשאַפטלעכן לעבן. אמת, זיי, אָט די יסודות, קאָנען נאָך ניט אָנגערופן ווערן „סאָציאַליזם" אין דעם אייגנטלעכן זין פון דעם וואָרט. עס פעלן אין דעם נביאימשן אידעאַל די פאָדערונגען פון געמיינשאַפטלעכקייט אין דעם פּראָצעס פון פּראָדוצירן מאַטעריעלע גיטער און פון געמיינשאַפטלעך באַזיצן די מיטלען און געצייג פון דער מענטשלעכער ארבעט. אָבער עס איז דאָ אין אים איינער פון די וויכטיקסטע יסודות פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנקען־גאַנג: די אָפּשאַפונג פון עקספּלואַטאַציע, די פאָדערונג, קיינער זאָל ניט לעבן אויף דעם חשבון פון דעם אנדערנס ארבעט. זייער געזעלשאַפטלעכער אידעאַל איז, וואָלט איך געזאָגט, דער אידעאַל פון דעם קליינבירגערלעכן סאָציאַליזם: „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו". „יעדער איינער אין זיין ווייגאָרטן און אונטער זיין פייגנבוים". יעדער איינער לעבט פון „יגיעת כפיו", פון דער ארבעט מיט די אייגענע הענט. דאַרף מען אָבער ניט פאַרגעסן, אַז אויך אָט דער קליינבירגערלעכער סאָציאַליזם טראָגט אין זיך איינעם פון די וויכטיקסטע ענד־צילן פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנקען־גאַנג: די אָפּשאַפונג פון קלאַסן מיט זייערע אַנטאַגאָניסטישע אינטערעסן.

די דורכפירונג פון דעם סאָציאַל־עטישן אידעאַל האָבן די נביאים זיך פאָרגעשטעלט ווידער ווי אַן איבערנאַטירלעכן אַריינגריף אינעם גאַנג פון

מענטשלעכע פאַסירונגען. גאָט וועט שיקן דעם יידישן פאָלק א גערעכטן מלך, אַ „מלך המשיח" פון די „מלכות בית דוד". אויף אים וועט רוען „גאָטס גייסט". ער, דער איינציקער, דער פון גאָט־געשיקטער דיקטאַטאָר, וועט דורכפירן אין לעבן די „מלכות שמים", די ממשלה פון דער הימלשער גערעכטיקייט. דעמאָלט וועט דאָס יידישע פאָלק ווערן א „נר לגוים", אַ „נס לגוים", — אַ ליכט און אַ פאָן פאַר די פעלקער; זיי אַלע וועלן זיך ציען צו דעם „מלך המשיח" און זיי אַלע וועלן זיך פאַראייניקן אין איין משפחה פון ברידער. קיין פאָלק וועט ניט פירן קיין קריג אַנטקעגן קיין אַנדער פאָלק. אויך דער פאַציפיסטישער אידעאַל פון דעם אייביקן פרידן איז געבוירן געוואָרן אין דעם סאָציאַל־עטישן אידעאַל פון די נביאים.

אַזוי־אָ האָט, אין זיינע קנאַפּסטע און קירצסטע שטריכן, אויסגעזען דער ערשטער אַרויסבליק פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין זיין ענגן צונויפגוס מיט דער מאָראַל ביי די יידישע נביאים, וואָס זייער רייכקייט אין סאָציאַל־עטישע פרינציפּן און וויט־בליקנדיקע אידעאַלן, פאַר וועלכע די פּראָגרעסיווע מענטשהייט קעמפט נאָך עד היום, ווערט אָפּגעשאַצט פון יעדן היסטאָריקער, אָבער וואָס ווערט ווייניקער פאַר אַלעמען אָפּגעשאַצט פון דעם יידישן פאָלק און זיינע אָפיציעלע וואָרט־פירער, — אַ שטיק טראַגעדיע פון אונדזער געשיכטלעכן לעבן!...

2.

פיטאַגאָראַס און פּלאַטאָן

דער ערשטער קוואַל פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, אַ דור־אויס־דורך מאָראַלישער, האָט אָנגעהויבן שלאָגן ביי די גרויסע נביאים פון יהודה און ישראל, — אַזוי אָן ערך פון דעם אַכטן ביז צום סוף פינפטן יאָרהונדערט פאַר אונדזער צייט־רעכענונג.

פון זיי וועלן מיר איצטער אַריבערגיין קיין גריכנלאַנד צו דעם צווייטן קוואַל פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, די גריכישע פילאָסאָפן פיטאַגאָראַס און פּלאַטאָן. כראָנאָלאָגיש גענומען, שליסט זיך אָן דער צווייטער קוואַל אָן דעם ערשטן. פיטאַגאָראַס איז געבוירן אָן ערך אין דערזעלביקער צייט, אין וועלכער דער נביא ירמיהו האָט פאַרענדיקט זיין טעטיקייט.

איז אויך געווען אַ גייסטיקער צונויפפלוס פון אָט די צוויי קוואַלן? אין דער געשיכטע פון דער יידישער פילאָסאָפיע איז שוין געמאַכט געוואָרן דער פרואוו, צו פאַרבינדן גייסטיק ירמיהון מיט פיטאַגאָרן, ניט דירעקט, נאָר דורך דער ווירקונג פון ירמיהוס אָנהענגער אין מצרים, וואו פיטאַגאָראַס האָט פאַרבראַכט אַ געוויסע צייט, איינזאַפנדיק אין זיך די קלוגשאַפנקייט פון דעם מזרח.

דאָס איז אַ סברה, וואָס קאָן זיכער ניט באַוויזן ווערן. זי קאָן אָבער אויך ניט אין גאַנצן אָוועקגעמאַכט ווערן מיט דער האַנט: דער עיקר, ווען מען האָט אין אויג די ווירקונג, וועלכע די פיטאַגאָרישע „שולע" האָט געהאַט אויף פּלאַטאָנען, וואָס אין זיין סאָציאַל־פילאָסאָפיע ווייזט ער ארויס א שטאַרקע גייסטיקע קרובהשאַפט מיט דער נביאימשער גרונט־ריכטונג.

פיטאַגאָראַס און זיין שולע פאַרדינען זיכער אָן אָרט אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, הגם ניט אַלע היסטאָריקער פון דעם סאָציאַליזם דערמאָנען זיי. פיטאַגאָראַס האָט געפאָדערט פון זיינע תלמידים ניט נאָר אַ הויך־מאָראַלישן אינדיווידועלן לעבן, נאָר אויך אַ דירעקט קאָמוניסטישן לעבן. „ביי פריינט דאַרף אַלץ זיין געמיינשאַפטלעך", האָט

ער געלערנט. אייניקע פון די אויפגעקומענע פיטאַגאָרעער־בונדן האָבן טאַקע געלעבט קאָמוניסטיש אין געמיינשאַפטלעכע הייזער.

דורך דעם, וואָס די העכסטע מדרגה פון אַ מאָראַלישן לעבן ווערט דערבליקט אין „געמיינשאַפטלעכקייט", הייבט זיך אויף דער פיטאַגאָרעאישער געדאַנק אויף אַ העכערער שטופע, לגבי דער נביאימשער סאָציאַלער עטיק, הגם מען דאַרף דערביי ניט פאַרגעסן, אַז אין דער קריגעריש־אַריסטאָקראַטישער רעפובליק פון ספּאַרטאַ האָט זיך ביי דער אַריסטאָקראַטיע אויסגעבילדעט אַ לעבנס־פאָרם מיט אַ סך ריין קאָמוניסטישע שטריכן, — אַ לעבנס־פאָרם, וואָס האָט געקאָנט ארויספירן פיטאַגאָראַסן אויף דער נייער דערקענטעניש, אַז אַ געמיינשאַפטלעכער באַזיץ איז אַ פאָדערונג פון אַ העכערער מאָראַל. דער נביאימשער „שבת־אַחים" אידעאַל האָט אָט די פאָדערונג ניט אַרויסגעשטעלט.

נאָך שטאַרקער און קאָנסעקווענטער טרעט אַרויס אָט די פאָדערונג ביי פּלאַטאָנען (געבוירן 427—געשטאָרבן 347). ביז אים געפינען מיר שוין אַ גוט דורכגעטראַכטן און אויסגעאַרבעטן קאָמוניסטישן סיסטעם אַזוי, אַז דאָס רוב היסטאָריקער באַטראַכטן גראָד אים פאַר דעם גייסטיקן פאָטער פון דעם קאָמוניזם.

אויך ביי פּלאַטאָנען איז זיין סאָציאַליזם ענג צונויפגעוואַקסן מיט דער מאָראַל. דערביי ווערט ביי אים דער שווער־פונקט איבערגעטראָגן פון דער אינדיווידועל־מאָראַלישער אויף דער סאָציאַל־עטישער זייט. ווי די יידישע נביאים, פאָדערט אויך ער אין דער ערשטער ליניע גערעכטיקייט. אָבער די גערעכטיקייט דאַרף באַשטיין ניט נאָר אין די מעשים פון די איינצלנע מענטשן. די גערעכטיקייט איז, לויט פּלאַטאָנען, דער גרונט־פּרינציפּ, לויט וועלכן עס זאָל איבערגעבויט ווערן די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג.

עס איז אָבער אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער באַגרינדונג פון דער פאָדערונג ביי די נביאים און ביי פּלאַטאָנען. די נביאים האָבן געלעבט אין דעם טעאָלאָגישן פּעריאָד פון דעם מענטשלעכן פּראָגרעסיוון געדאַנק און פאַר זיי איז די גערעכטיקייט, ווי די גאַנצע מאָראַל, געווען אַ געבאָט פון גאָטס ווילן. פּלאַטאָן, איינער פון די גרעסטע פילאָסאָפן, וואָס די מענטשהייט האָט אַרויסגעבראַכט, האָט שוין געהאַט די טעאָלאָגישע דענק־עפּאָכע ווייט הינטער זיך. ער איז דער באַדייטנדיקסטער באַשאַפער פון דער אידעאַליסטישער מעטאַפיזיק. אַנשטאָט אין געטלעכע געבאָטן זוכט ער די באַגרינדונג פון אַלע זיינע געדאַנקען אין „אייביקע אידייען". אויך די גערעכטיקייט, וואָס דאַרף אַוועקגעלייגט ווערן אין דעם יסוד פון אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן בנין, איז אַזאַ „אייביקע אידייע".

עס איז מיר שוין ניט איינמאָל אויסגעקומען צו דערקלערן, וואָס אַזוינס אַן „אייביקע אידייע״ איז אין דעם פּלאַטאָנישן זין פון דעם וואָרט. עס וועט אָבער ניט שאַדן, ווען מיר וועלן נאָכאַמאָל אַ וואָרף טאָן אַ בליק אויף איר מהות. אויך דאָ וועלן מיר נעמען דעמזעלביקן ביישפּיל, דעם מאַטעמאַטישן קרייז, הגם מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז פון א מאַטעמאַטישן געדאַנק ביז צו אַ פּלאַטאָנישער אידייע איז נאָך אַ גאַנץ היפּשלעכער מהלך.

דער קרייז (צירקל) איז אַן אַבסאָלוט קיילעכדיקע ליניע, וואו אַלע פּונקטן פון דעם אַרומקרייז שטייען אָפּ אויף אַ גלייכער וויט פון דעם אינעווייניקסטן צענטר. דאָס איז דער אינהאַלט פון דעם געדאַנק קרייז. ווען האָט אַ קרייז אָט דעם אינהאַלט? מען קאָן דאָ גאָרנישט פרעגן: „ווען״. אַלעמאָל! די צייט האָט ניט קיין שליטה אויף דעם אינהאַלט פון דעם באַגריף „קרייז״. אויך דער אָרט האָט ניט קיין ברעקל שליטה אויף אים. דער אינהאַלט פון אַ קרייז איז אומעטום דערזעלביקער. אפילו ווען אַלע ערטער פון דער וועלט זאָלן, אינאיינעם מיט דער וועלט, אינגאַנצן פאַרשווינדן, וועט דער געדאַנקלעכער אינהאַלט פון א קרייז בלייבן דערזעלביקער. הייסט עס, אַז אַזאַ אייביקער געדאַנק איז „למעלה מן המקום ומן הזמן״, העכער פאַר רוים און צייט. אַ געדאַנק ווערט פון וועמען עס איז געטראַכט. ווי איז, אַז אַלע טראַכטער זאָלן אויך פאַרשווינדן פון דער וועלט? וועט דעמאָלט דער אמת, דער געדאַנקלעכער אינהאַלט פון אַ קרייז ווערן אַן אַנדערער? ניין! אויך דעמאָלט „איז״ דער קרייז אַן אַבסאָלוט קיילעכדיקע ליניע, צי אָט דער געדאַנק ווערט געטראַכט, אָדער ניט.

היינט — וואו „איז״ דער קרייז אַן אַבסאָלוט רונדע ליניע, אַז אין דער צייט איז ער ניט, אין דעם רוים איז ער ניט און אַן אייביקער געדאַנק „איז״ ער פאַרט? ענטפערט דערויף פּלאַטאָן, אַז פאַר אַזאַ מין „איזנקייט״ דאַרף מען אָננעמען אַ גאַנץ אַנדער וועלט, וואו די געדאַנקען עקזיסטירן, וואו זיי זיינען דאָס וואָס זיי זיינען, אפילו ווען זיי ווערן פון קיינעם ניט געטראַכט. ער רופט זי אָן די „אידייען־וועלט״. זי באַשטייט פון אַלע אידעאַלע מוסטערן פון אַלע זאַכן, וואָס קאָנען פאָרקומען אין אַ וועלט. איידער דער מענטש ווערט געבוירן, האָט זיין נשמה אַן איינבליק אין דער אידייען־וועלט. קאָן זיך דער מענטש דערמאָנען דאָס, וואָס ער האָט אַמאָל איינגעזען אין דער אידייען־וועלט און דערבליקן דעם טיפסטן אמת פון יעדער זאַך, איר „אייביקע אידייע״. און דאָס איז אויך מיט דער גערעכטיקייט.

דער אייביקער אינהאַלט פון דער אידייע גערעכטיקייט, באַשטייט, לויט פּלאַטאָנען, אין דער פאָדערונג, אַז יעדערער זאָל באַקומען דאָס וואָס אים

קומט, און דער אידעאַלער מוסטער פון א געזעלשאפטלעכן לעבן איז אזא, אין וועלכן אַט די אידייע ווערט פאַרווירקלעכט.

נו — ווי זעט אויס דער אידעאַלער מוסטער פון אַ געזעלשאַפט, וועלכן פלאַטאָנס נשמה האָט דערבליקט אין דער אידייען־וועלט? ער זעט אויס, ווי אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, וואָס שטייט אויף א פעסטן באָדן, אויף דעם קלאַס פון די שקלאַפן, פון די פרעמדע, וועלכע מען נעמט געפאַנגען אין קריג. דער לעבעדיקער אָרגאַניזם האָט הענט און פיס און נאָך אַנדערע אַזעלכע אברים. דאָס זיינען די פאַרשיידענע פרייע פּראָפעסיעס פון דעם עקאָנאָמישן לעבן. ער האָט אַ האַרץ, פול מיט קוראַזש. דאָס זיינען די באַהאַרצטע „אַנשי מלחמה", די קריגער מיט די קריג־פירער, וואָס דאַרפן ברענגען שקלאַפן און האַלטן אָרדענונג. דער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזם האָט אָבער אויך א קאָפּ, וואָס טראַכט. דאָס זיינען די פילאָסאָפן, וואָס רע־גירן די גאַנצע געזעלשאַפט און גיבן אַכטונג, אַז יעדער קלאַס זאָל באַקומען וואָס אים קומט, לויט דער פאָדערונג פון דער גערעכטיקייט.

„אַ שיינע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט!" — וועט אפשר א טראַכט טאָן דער אָדער יענער לייענער. אַ געזעלשאַפט, געבויט אויף שקלאַפעריי און קריג, מיט פריוואַטע באַלעבאַטישקייטן און פריוואַט־אייגנטום, מיט אַ קלאַסן־איינטייל אין באַלמעלאָכעס, הענדלער, פרייע פריצים, מיליטער און פילאָסאָפישע ביוראָקראַטן! מיט וואָס האָט דאָס פלאַטאָן פאַרדינט, ער זאָל באַטראַכט ווערן, ווי דער פאָטער פון דעם סאָציאַליזם?

ער האָט דאָס כשר פאַרדינט מיט צוויי זאַכן. קודם דערמיט, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט דעם איבערבוי פון דער געזעלשאפט אויף די יסודות פון גערעכטיקייט. דאָס איז אַ סאָציאַליסטישער געדאַנק. אָבער נאָך מער האָט ער יענעם הויכן טיטל פאַרדינט דערמיט, וואָס ער האָט אונדז געשיל־דערט אַ באַזונדער אַרט געזעלשאפטלעכן לעבן פאַר די צוויי העכערע קלאַסן: די קריגער און די רעגירנדיקע פילאָסאָפן. זיי לעבן אין דעם אידעאַלן מוסטער־שטאַט אויף אַ ריין קאָמוניסטישן אופן. עס ווערט אין זייער לעבן אַבסאָלוט אָפּגעשאַפט פריוואַט אייגנטום און פאַמיליע. אַלץ, — די רייכ־טימער, די ווייבער און די קינדער, — געהערן צו אַלעמען אין זייער גע־מיינשאַפט.

צוליב וואָס האָט פלאַטאָן געפאָדערט פאַר זיי אַט דאָס קאָמוניסטישע אַרט לעבן? אין דער באַגרינדונג פון אַט דער פאָדערונג טרעט ווידער אַמשאַרפסטן אַרויס דער סאָציאַל־עטישער עלעמענט. די צוויי העכערע קלאַסן דאַרפן לעבן נאָר צוליב דעם וואוילזיין פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. דערצו איז אָבער נייטיק, אַז פון זייערע הערצער זאָל אויסגעוואָרצלט ווערן

דער עגאָאיזם, כדי די זאָרג פאַר דעם טובת הכלל זאָל ניט געשטערט ווערן דורך פריוואַט־אינטערעסן. און דאָס ווידער איז מעגלעך נאָר דורך דער אָפּשאַפונג פון פריוואַט־אייגנטום און פאַמיליע.

וואַרפט אַרויס פון פּלאַטאָנס געזעלשאַפט די קלאַסן־איינטיילונג, ווי דאָס האָבן שוין פאַר אים געטאָן די נביאים; וואַרפט אַרויס די „דיקטאַטור פון די פילאָסאָפן", ווי דאָס איז אין תוך פּלאַטאָנס רעגירונגס־פאָרם, און איר האָט פאַר זיך אַ קאָנסעקווענטן, ריין קאָמוניסטישן בנין.

און אויך דער עטישער בוי־פּרינציפּ פון זיין בנין איז דער זעלביקער, וואָס ביי דעם נביא מיכה: דער „עשות משפט" (טאָן גערעכטיקייט) און די „אהבת חסד" (ליב האָבן גנאָד). אין דער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַליס־טישן געדאַנק שטייט אָבער פּלאַטאָן אַ סך העכער פאַר די נביאים דערפאַר, וואָס ער זעט איין, אַז די גערעכטיקייט דאַרף פאַרווירקלעכט ווערן אין געוויסע פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַז די סאָציאַל־מאָראַלישע געפילן הענגען אָפּ פון די אייגנטומס־פאָרמען און די פאָרמען פון דעם פאַמיליען־לעבן, — אַ קאָלאָסאַל וויכטיקער אַריינבליק!

3.

די יידישע קאָמוניסטן פון פאַרן צווייטן חורבן

דער אַלט־גריכישער פילאָסאָף פיטאַגאָראַס האָט, צוליב מאָראַלישע טעמים, געפאָדערט פון זיינע אָנהענגער, זיי זאָלן פירן אַ קאָמוניסטיש לעבן. אָבער דאָס איז געווען נאָר, אַזוי־צו־זאָגן, אַ פּריוואַט־קאָמוניזם, אין די גרענעצן פון אַ ניט־קאָמוניסטישן שטאַט. פּלאַטאָן האָט ווייטער אַנטוויקלט און פונאַנדערגעאַרבעט דעם זעלביקן קאָמוניסטישן געדאַנק און האָט אויפגעהויבן אַן אינדיווידועלן סאָציאַל־מאָראַלישן געבאָט צו דער מדרגה פון אַ סאָציאַל־עטישן געזעץ פאַר דעם בוי פון דער גאַנצער רעפּובליק. דאָס קאָמוניסטישע לעבן איז אָבער ביי פּלאַטאָנען, ווי מיר האָבן געזען, געווען באַגרענעצט אויף די צוויי העכערע קלאַסן: די קריגער און די רעגירנדיקע פילאָסאָפן. דער עקאָנאָמישער סדר פון דעם לעבן האָט גערוט אויף דעם אַלטן פונדאַמענט פון די פּראָגרעסיווערע אַלט־גריכישע רעפּובליקן: קריג־שקלאַפעריי, האַנדל, און אייניקע מלאכות און פּראָפעסיעס, אויף וויפל זיי זיינען דורכגעפירט געוואָרן פון פרייע בירגער און ניט פון שקלאַפן. פּלאַטאָן אַליין, דער אמתער פאָטער פון דעם קאָמוניזם, ווי אַ סאָציאַל־עטישן שטאַטספּרינציפּ, האָט געגלייבט, אַז ער האָט דעם „אידעאַלן מוסטער” פון אַ שטאַט באַקומען דירעקט פון דער מעטאַפיזישער „אייביקער אידייען־וועלט”, — דער וועלט פון די „אייביקע אמתן” פאַר אַלע דורות פון דער מענטשהייט. אין דער אמתן איז דער גאַנצער עקאָנאָמישער פונדאַמענט פון זיין אידעאַל־שטאַט געווען אַן אָפּשפּיגלונג ניט פון אַן „אייביקער אידייע”, נאָר פון די געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן אין זיין צייט און אין זיין לאַנד.

פון אָט דעם עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט וועלן מיר איצטער אַ שפּרונג טאָן צו דעם דריטן עטאַפּ, ווידער צוריק קיין יהודה, וואו קריג און שקלאַפן־אַרבעט האָבן ניט געשפּילט קיין איבעריק־גרויסע ראָליע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואו אויך דער האַנדל איז ניט געווען אַזוי אַנטוויקלט, ווי אין די גריכישע, דער עיקר

קליין־אַזיאַטישע שטאַטן. אין יהודה האָט דאָס עקאָנאָמישע לעבן גערוט דער עיקר אויף דער פרייער פויערימשאַפט, אויף שטאַטישע באַלמעלאָכעס, און ניט צו אַ קליינער מאָס אויף פרייע, ניט־פאַרשקלאַפטע, געדונגענע „פועלים" און אַרבעטער, אויף דעם, וואָס מען רופט איצטער „פּראָלעטאַריאַט".

דאָרטן, אין יהודה, וועלן מיר מיט איבער הונדערט יאָר נאָך פלאַטאָנס טויט אָנטרעפן שוין אַ גאַנצע קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס טראָגט אין זיך סיי נביאישע, סיי פלאַטאָנישע עלעמענטן. מיר מיינען דאָ די רעליגיעזע סעקטע פון די „איסיים (‏„עסייער", אָדער אויך — „עססענער"). די איסיים זיינען געווען אַן אַרבעטער־פויערים־אָרדן פון אַ דריי ביז פיר טויזנט מענטשן, וועגן וועלכע אַזוינע גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, ווי יאָזעפוס פלאַוויאוס און פילאָן (ידידיה האלכסנדרוני), וואָס האָבן געלעבט אין זייער צייט און האָבן געהאַט אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט זיי, האָבן גערעדט מיט דעם העכסטן יראת־הכבוד.

איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין דער געשיכטע פון דער אַלט־גריכישער פילאָסאָפיע, עדוואַרד צעלער, וויל האָבן, אַז די איסיים זיינען געשטאַנען אונטער דער אידייאישער ווירקונג פון פיטאַגאָרס תלמידים. גאַנץ אָפּפרעגן די דאָזיקע סברא קאָן מען ניט, ווי מען קאָן ניט אָפּפרעגן די סברא פון אייניקע יידישע היסטאָריקער, אַז פּיטאַגאָראַס און פלאַטאָן זיינען ניט געווען פריי פון אַן אומדירעקטער ווירקונג מצד די אַלטע יידישע נביאים.

אויב אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט זאָל מען זיך האַלטן שטרענג אָן דעם פּרינציפּ פון היסטאָרישער אידייען־קאָנטינואיטעט און פאַר יעדער נייער אידייע זוכן איר וואָרצל דווקא אין אַ שוין־פריער אויפגעקומענער אידייע, דעמאָלט וועלן מיר פאַר דעם סאָציאַל־עטישן קאָמוניזם פון די איסיים דאַרפן זוכן די וואָרצלען ניט נאָר אין דער פּיטאַגאָרייאישער ריכטונג, נאָר אויך אין דער פלאַטאָנישער.

עס דאַרף דערביי פאַרריכט ווערן דער טעות, אין וועלכן אַלע יידישע היסטאָריקער פאַלן אַריין, ווען זיי באַטראַכטן די איסיימשע באַוועגונג פאַר אַ ריין רעליגיעז־סעקטאַנטישער, ד"ה, ווי ביי די פיטאַגאָרייער פאַר אַ ריין פריוואַט־קאָמוניסטישער, וואָס וויל זיך אויסלעבן רעליגיעז־מאָראַליש אין דער סביבה פון אַ ניט־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג. אָט דער טעות איז אויפגעדעקט געוואָרן אין מיין רוסישער שריפט: „געדאַנקען וועגן די היסטאָרישע שיקזאַלן פון דער יידנשאַפט". דאָרטן קאָן מען געפינען די באַווייזן, אַז די איסיימשע סאָציאַל־עטישע אידעאַלן זיינען געווען געמיינט ניט ווי אַ פּריוואַט־געבאָט פאַר רעליגיעזע סעקטאַנטן, וואָס איז פאַר קיינע

אַנדערע קיינמאָל ניט קיין חוב, נאָר ווי אַ פונדאַמענט פאַר יענער „מלכות־שמים", — דעם הימל־קעניגרייך אויף דער ערד, — וואָס דאַרף אַריינ־טרעטן מיט משיחס קומען פאַר אַלע מענטשנקינדער פון דער ערד.

אַזאַ איינשטעל איז שוין ניט פּיטאַגאָריאיש, נאָר מער פּלאַטאָניש. אויך איז די פּלאַטאָנישע פילאָסאָפיע דעמאָלט געווען אַ סך מער פאַרשפּרייט צווישן די יידן,— דער עיקר, די יידן פון „אַלעקסאַנדריע של מצרים", — איידער די פּיטאַגאָריאישע.

נאָר עס איז גאָר ניט קיין וויסנשאַפטלעכער חוב, יעדע ניי־אויפ־געקומענע אידייע לאָזן אַרויסוואַקסן פון אַ פריערדיקן געדאַנק, ווי פון זיין קערנדל, סיידן מען קאָן פאַקטיש באַווייזן, ווי אַזוי ער האָט זיך אַריבער־געטראָגן אין אַן אַנדער סביבה און אין אַן אַנדער צייט, דאָרטן געשלאָגן וואָרצלען און דאָרטן זיך פונאַנדערגעבליט. אין די פאַלן, ווי אין אונדזער פאַל, וואו אַזעלכע פאַקטישע באַווייזן זיינען ניט בנמצא, איז עס אַ סך וויסנשאַפטלעכער, צו זוכן די וואָרצלען פון דער נייער אידייע אין די עקאָ־נאָמישע און געזעלשאַפטלעכע אומשטאַנדן פון דער נייער סביבה און דער נייער צייט, ווי אויך אין אָריגינעלן גייסט־שוואונג פון די געבענטשטע יחידים, וואָס האָבן אויף אַ באַשטימטן אופן רעאַגירט אויף די הערשנדיקע אומ־שטאַנדן.

די איסיים זיינען געווען די ווייטערשפּינער פון דעם נביאימשן אינדיווי־דועל־מאָראַלישן און סאָציאַל־עטישן איינשטעל, אין אַ געזעלשאַפטלעכער סביבה, אַ גאַנץ פאַרשיידענער פון דער אַלט־גריכישער וועלט, ווי פון דער אַלטער יידישער וועלט בכלל. דאָס איז געווען אַ סביבה, וואו שקלאַפעריי, קריג און האַנדל האָבן ניט געשפּילט קיין אַלץ איבערוועגנדיקע ראָלע אין דעם לעבן. און די ווייטער־שפּינונג פון די נביאימשע אידעאַלן איז פאַר־געקומען אין אַ צייט, ווען קריג, שקלאַפעריי און האַנדל האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען אין אַן אַלץ גרעסערער מאָס. און — דער עיקר — אין אַ צייט, ווען אָט די נייע עלעמענטן האָבן גענומען פונאַנדערשפּאַלטן די יידישע פּויערימשאַפט און אַרויסברענגען אין אַלץ גרעסערע מאָסן דעם קלאַס פון פרייע געדונגענע לוין־אַרבעטער, פון פּראָלעטאַריער, אין דעם מאָדערנעם זין פון דעם וואָרט.

עס איז ניט דאָ דער אָרט צו געבן אַ פולע באַשרייבונג פון דעם קאָמוניסטישן לעבן ביי די איסיים, פון אַלע זייערע אידייען און אידעאַלן, איינגעקליידטע תמיד אין אַ מיסטיש־רעליגיעזן מאַנטל. עס איז אויך ניט דאָ דער אָרט צו געבן אַ פולע אָפּשאַצונג פון יענעם באַטייט, וואָס אָט די קליינע יידישע סעקטע האָט געהאַט פאַר דער אַלוועלטלעכער געשיכטע און

פאַר דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. דאָ דאַרפן מיר זיך האַלטן נאָר פאַר יענע פּאַר שטריכן, וואָס געהערן צו אונדזער ענין פון סאָציאַליזם און מאָראַל, אָדער זיינען ענג פאַרבונדן מיט אים.

די איסיים האָבן לגמרי און פּרינציפּיעל פאַרוואָרפן יענע דריי עקאָ־נאָמישע יסודות, אויף וועלכע עס האָט גערוט די אַלט־גריכישע וועלט: קריג, שקלאַפעריי און האַנדל, און וואָס האָבן גענומען אַרדינרייסן זיך אויך אין דעם יידישן לעבן.

אייגענע אַרבעט, — דאָס האָט געדאַרפט, לויט דער פאָדערונג פון די איסיים זיין דער איינציקער קוואַל פון חיונה. נאָך מער: זיי האָבן אפילו ניט געטאָרט זיך באַשעפטיקן מיט אַזוינע מלאכות, וואָס דינען אָט די דריי פאַרווערטע פּראָפעסיעס, ווי, צ״ב, שמידן כלי־זיין אפילו פאַר יענע יידן, וואָס פלעגן זיך פאַרדינגען אין סאָלדאַטן, אד״גל.

די הויפּט־באַשעפטיקונגען פון די איסיים זיינען געווען ערד־אַרבעט אין די דערפער און לוין־אַרבעט אין די שטעט. דאָס איז געווען דער ערש־טער צונויפבונד פון פויערים און פּראָלעטאַריער אין איין קאָמוניסטישן פאַרבאַנד. פאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט זיך אַנשליסן אָן דעם אָרדן, האָבן געדאַרפט זייער גאַנץ פאַרמעגן אָוועקגעבן אין דער אַלגעמיינער קאַסע, און זיך באַשעפטיקן מיט וואָס אַלע אַנדערע איסיים.

די פויערים פלעגן אויך די ערד באַאַרבעטן געמיינשאַפטלעך. דאָס איז אַ וויכטיקער פּונקט, אויף וועלכן מיר ווילן ציען דעם אויפמערק. אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, אויך דער יידישער, איז פאַרשפּרייט דער טעות, אַז די איסיים זיינען געווען קאָמוניסטן נאָר אין דער ספערע פון פאַרברויך. אויך קאַוטסקי באַצייכנט זייער קאָמוניזם, ווי אַ קאָנסום־קאָמו־ניזם, אַ שטרעבן צו האַלטן און צו באַנוצן געמיינשאַפטלעך די פאַרברויך־אַרטיקלען פון דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס איז אמת נאָר פאַר יענע איסיים, וואָס האָבן געאַרבעט אין די שטעט, ווי לוין־אַרבעטער, אָבער ניט פאַר די, וואָס האָבן געוואוינט אין זייערע דאָרפישע קאָמונעס. דאָרטן איז דער קאָמוניזם געווען שטרענג דורכגעפירט ניט נאָר אין דער ספערע פון קאָנסום, נאָר אויך אין דער פּראָדוציר־ספערע.

די לוין־אַרבעטער אין די שטעט האָבן געאַרבעט, וואו עס האָט זיך געמאַכט, אָבער אַלע זייערע פאַרדינסטן פלעגן אויך זיי אָוועקגעבן אין דער אַלגעמיינער קאַסע. אויך אין די שטעט האָבן זיי געלעבט געמיינ־שאַפטלעך אין די הייזער, וואָס האָבן געהערט צו דעם אָרדן. געלט אויסגעבן אויף זיך האָט דער איסיי־אַרבעטער ניט געטאָרט. צדקה־געבן — יאָ. אָבער אויב ער האָט געוואָלט העלפן אַ קרוב, האָט ער געדאַרפט די דער־

לויבעניש פון דעם פאַרשטייער, וואָס פלעגט אַלע מאָל זיין אַן אויסגעקליבענער פון די מיטגלידער. צו דעם סאָציאַליסטישן פּרינציפּ פון געמיינשאַפטלעכן אייגנטום סיי אויף די פּראָדוציר־מיטלען, סיי אויף די פאַרברויך־מיטלען, איז אַזוי אַרום צוגעקומען אויך דער דעמאָקראַטישער פּרינציפּ אין דער פאַרוואַלטונג, — אַ פּונקט, וועלכן מען דאַרף האָבן אין אויג, ווען מען באַטראַכט די אָרגאַניזאַציע פון דער קריסטלעכער קירך אין די ערשטע פּאָר הונדערט יאָר.

פון אַ פאַמיליען־לעבן האָבן די איסיים געהאַלטן זייער ווייניק. דאָס איז בכלל אַ שטריך כמעט אין יעדן קאָמוניסטישן סיסטעם: „פאַמיליע" איז צו ענג פאַרבונדן מיט פּריוואַט־אייגנטום און מיט דער זאָרג נאָר פאַר אייגענע. אָבער אויך קינדער זיינען געווען אין די איסיימשע קאָמונעס. דאָס רוב פלעגן די קינדער אויפגענומען ווערן פון דער פרעמד (מסתמא אָרעמע, אָדער יתומים). אויף דער קינדער־דערציאונג האָט מען געלייגט גרויס וואָג, כדי איינצופלאַנצן אין זיי די אידייען און אידעאַלן פון דער איסיימשער ריכטונג.

אויך ווייבער פלעגן אויפגענומען ווערן אין דעם אָרדן. אייניקע איסיים האָבן געפירט אויך אַ פאַמיליע־לעבן, אָבער ניט אין באַזונדערע באַלעבאַטישקייטן.

אַט די שטריכן פון זייער קאָמוניסטישן לעבן אין אַלט־יהודה ווערן איצטער ביז אַ געוויסן גראַד אויפגעלעבט אין די מאָדערנע סאָציאַליסטישע „קבוצות" אין ארץ ישראל. יענע קבוצות, וואָס לעבן, דער עיקר, פון לויך־אַרבעט ביי פרעמדע, טראָגן אויך אַריין אַלע זייערע פאַרדינסטן אין דער אַלגעמיינער קאַסע פון דער „קאָלאָניע". וואָס עס פעלט איצטער — אין פאַרגלייך מיט די אַלטע איסיים — איז די פאַרווערונג פון האַנדל, פון פאַרקויפן די פּראָדוקטן פון דער אייגענער אַרבעט. אָבער פון דעם האַנדל, פון דעם מקח וממכר, וועט די מענטשהייט, ווייזט אויס, נאָך ניט אַזוי גיך פּטור ווערן...

4.

די איסיים, יוחנן און ישו

די מיסטיש־קאָמוניסטישע איסיים ווערן געשילדערט סיי פון יאָזעפוסן, סיי פון פילאָנען, ווי די העכסט־אינטעליגענטע מענטשן פון זייער צייט. זיי האָבן געהאַט אייגענע געהיימע שריפטן, און אייניקע היסטאָריקער ווילן האָבן, אַז די יידישע קבלה־שריפטן שטאַמען טיילווייז אַפּ נאָך פון די אַלט־איסיימשע.

אויף וויפל אויך רייין „וועלטלעכע" קענטעענישן זיינען געווען אויפגענומען אין יענע שריפטן, קאָן מען נאַטירלעך ניט וויסן. אָבער זיכער איז, אַז מעדיצינישע קענטעענישן און באַקאַנטשאַפט מיט הייל־גראָזן זיינען געווען פאַרשפּרייט צווישן די איסיים. מען פלעגט זיי אַפּט רופן צו חולאים. היילן פלעגן זיי אי מיט אָפּשפּרעכן, אי מיט תפילות, אי מיט גראָזן. מען האָט זיי געהאַלטן פאַר הייליקע מענטשן, און אייניקע פון זיי האָט מען באַטראַכט פאַר נביאים, וואָס קאָנען פאָרויסזען די צוקונפט.

דער אינדיווידועל־מאָראַלישער אידעאַל פון די איסיים איז באַשטאַנען אין ריינקייט און הייליקייט (קדושה וטהרה). ווי אַ סימבאָל פון מאָראַלישער ריינקייט האָבן זיי איינגעפירט דעם מנהג פון טבילה אַלע אינדערפרי (די „טובלי שחרית"). אויך נייע מענטשן, וואָס פלעגן אויפגענומען ווערן אין דעם אָרדן, פלעגן זיך דאַרפן פריער טובל זיין. טבילה איז געווען דער אויסדרוק פון זייער ווילן אָנצושליסן זיך אָן דעם לעבן און שטרעבן פון די איסיים.

צו ריינקייט און הייליקייט דאַרף אין דער איסיימשער אינדיווידועלער מאָראַל צוגערעכנט ווערן אויך די גייסטיקייט, די הויכשאַצונג פון אַ רייי־נעם נשמה־לעבן. דערפון האָט געשטאַמט זייער ביטול צו מאַטעריעלע עשירות, זייער פּרינציפּיעלע דערהייבונג פון אָרעמקייט צו אַ הויכער מאָ־ראַלישער מדרגה, ווי ביי דעם גריכישן פילאָסאָף דיאָגען און ביי אַ היפּש ביסל סטאָאיקער.

זיי האָבן אָבער באַקעמפט די מאַטעריעלע נויט. פילאָן לויבט זיי גראָד דערפאַר, וואָס זייערע מיטגלידער זיינען געווען פאַרזיכערט מיט חיונה אויף דער עלטער.

שוין אָט די באַמערקונג פילאָנס לאָזט טיף אַריינבליקן אין דעם מהות פון יענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן, פון וועלכע עס האָבן זיך גערעקרוטירט די מיטגלידער פון דעם אָרדן. דאָס זיינען דאָס רוב געווען ניט פון דעם מיטל־קלאַס, פון רייכערע באַלעבאַטים, סוחרימשע אָדער פויערימשע, ביי וועמען די אַלטע לייט האָבן ניט וואָס צו זאָרגן אָדער ווערן באַזאָרגט פון זייערע קינדער. דאָס האָבן געמוזט זיין באַלמעלאָכעס און פרייע לוין־אַרבעטער, וואָס פאַרלירן זייערע חיונה־קוואַלן מיט דעם פאַרלירן פון זייער אַרבעטס־קראַפט.

די זעלביקע דערשיינונג קומט ווידער אויף אין די רעליגיעז־קאָמוניס־טישע באַוועגונגען פון דעם מיטלאַלטער און דער רענעסאַנס־צייט ביז צום סוף פון דעם זעכצנטן יאָרהונדערט. די קאָנסעקווענט־קאָמוניסטישע שטרע־בונגען ווערן געטראָגן דער עיקר פון פועלים, לוין־אַרבעטער, באַלמעלאָ־כעס און אָרעמערע פויערים.

מיר האָבן נאָר וואָס געזאָגט, אַז די אינדיווידועלע מאָראַל פון די איסיים האָט געהאַט אין זיך דעם עלעמענט פון הויכשאַצן אָרעמקייט, און אַז דערין זיינען זיי זיך צונויפגעקומען מיט די מאָראַלישע אידעאַלן פון די ציניקער און פון אַ סך סטאָאיקער אין אַלט־גריכנלאַנד. עס איז אָבער געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם ציניש־סטאָאישן וועלט־באַנעם און מאָראַלישן איינשטעל פון איין זייט און דעם איסיימשן דרך־החיים פון דער אַנדערער. די ציניקער און סטאָאיקער זיינען באַהערשט געווען פון דעם פרינציפ „קאַטאַ פיזין דזען", „לעבן לויט די געבאָטן פון דער נאַטור". דאָס איז געווען מער אַ פּראָטעסט אַנטקעגן דער ציוויליזאַציע, אַ גייסטיקער אָדער אויך קערפּערלעכער אַנטלויפן פון איר און אַ זוכן פון נשמה־רו, פון אַן אומגעשטערטער ריין־יחידימשער נשמה־פרייהייט. ביי די איסיים האָט אָבער געהערשט דער פּיטאַגאָרעאיש־פּלאַטאָנישער דואַליזם פון גוף און נשמה. דאָס איז ניט געווען קיין אַנטלויפן פון דער וועלט, ווי ביי אַן אַנדער יידישער סעקטע פון יענער צייט, די „טעראַפּעווטן". דאָס איז אויך ניט געווען קיין דאָרשט נאָך נשמה־רו, נאָר אַ דאָרשט נאָך נשמה־טעטיקייט אין קדושה און טהרה. ווען מען אַנאַליזירט אַלע פּרטים פון זייער איינצל־לעבן, ווי זיי זיינען באַשריבן ביי פלאַוויוסן און פילאָנען, געפינט מען, אַז אומעטום, וואו זיי האָבן געמוזט מאַכן קאָנצעסיעס צו די באַדערפעני שן פון דעם גוף, זיינען זיי געפירט געווען ניט פון דעם פרינציפ „קאַטאַ פיזין

דזען", נאָר פון אַ גאַנץ אַנדער פּרינציפּ, וואָס קאָן פאָרמולירט ווערן אין די ווערטער: „וואָס ווייטער פון דער חיה!"

דער אַנאַליז פון זייער גאַנצן מהות טייט דערויף, אַז די איסיים זיינען בפירוש ניט געווען קיין סעקטע, וואָס אַנטלויפט פון דער זינדיקער וועלט, כדי צו ראַטעווען די אייגענע נשמה, ווי דאָס שילדערן אונדז אַלע קלאַסישע יידישע היסטאָריקער, אַ חוץ הערצפעלדן. זייער אינדיווידועלע מאָראַל איז געווען ענג צונויפגעגאָסן מיט אַ סאָציאַלער עטיק, און אין אַט דעם פּרט האָבן די איסיים געהאַט גאָר ווייט-בליקנדיקע צילן אין זינען.

זיי האָבן געגלייבט, אַז „גאָטס גייסט" (דער „רוח ד'"), וואָס דאַרף אַראָפּנידערן אויף דעם „מלך המשיח" און פאַרווירקלעכן די „מלכות שמים" (דעם „הימל-רייך") אויף דער וועלט, קאָן רוען נאָר אויף איינעם, וואָס פירט אַזאַ הייליקן און ריינעם לעבן, ווי זיי. און דעם מוסטער פון דער „מלכות שמים" האָבן זיי געשטרעבט אויסצובויען אין זייערע ריין אַרבעטאַריש-קאָמוניסטישע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. דאָס איז געווען אַ לעבן אין גלייכקייט, ברידערלעכקייט און אין, ווי געזאָגט, פּרינציפּיעלער אָרעמקייט.

פון זיי, פון די איסיים, איז דאָס אַרויסגעוואַקסן יענע קאָלאָסאַל-גרויסע היסטאָרישע באַוועגונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען קריסטנטום. עס האָט זיך באַוויזן אַ „נביא" יוחנן, וואָס האָט, ווי די נביאים פון אַמאָל, געגומען רעדן שטראָף-רייד אַנטקעגן די הערשער און אונטערדריקער. ער האָט אָבער אויך געבראַכט די נייע טרייסט: „טוט תשובה! משיח קומט! די מלכות שמים איז נאָענט!"

יוחנן האָט אַלעמען גערופן צו דער טבילה, דאָס הייסט צו דעם ווילנס-אויסדרוק, אַנצונעמען דעם לעבנס-שטייגער פון די איסיים, אַריינצוטרעטן אין דעם אָרדן. און מאָסן זייגען געלאָפן, צו דערפילן זיין געבאָט. צו די נייע געטובלטע האָט אויך געהערט ישו פון נצרת (יעזוס קריסטוס; קריסטוס איז דער טייטש „דער געזאַלבטער").

די לעגענדע דערציילט, אַז בעת דער טבילה האָט זיך אויף ישוען אַראָפּגעלאָזן פון הימל „גאָטס גייסט" אין דער געשטאַלט פון אַ טויב. דאָס איז פאַר דעם גלייביקן עולם געווען דער באַווייז, אַז ער איז דער „מלך המשיח", וועלכן די נביאים האָבן צוגעזאָגט און אויף וועלכן די איסיים האָבן געוואַרט. ישו זאָל האָבן געוואָרן דער משיח גראָד אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט דורך זיין טבילה זיך אָנגעשלאָסן אָן די שטרעבונגען פון די איסיים.

ישו האָט אויפגעהויבן אַ משיח־באַוועגונג, וואָס האָט אַרומגענומען כּמעט אַלע וויכטיקסטע פעלדער פון דעם יידישן און דעם אַלגעמיין־מענטש־לעכן לעבן. זי האָט געשטרעבט צו דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג ניט נאָר פון דעם יידישן פאָלק, נאָר צו דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט פון אונטער דער רוימישער הערשאַפט. זי איז אויך געווען אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישע באַוועגונג. דערצו — אַ רעליגיעזע רעפאָרם־באַוועגונג און אַ מאָראַלישע רעפאָרם־באַוועגונג. דאָס אַלץ האָט געלאָזן ווייט הינטער זיך די ענגערע גרענעצן פון דער איסיימשאַפט. ישו איז, ווי אַ רעוואָלוציאָנער, פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, לויט דעם יידישן און רוימישן דין. נאָך פריער איז געקעפּט געוואָרן יוחנן, דער אָנזאָגער פון משיחס אָנקום, נאָך דעם ווי ער איז אַ לענגערע צייט געזעסן פאַרשפּאַרט אין אַ תפיסה.

מיט דעם מאַרטירער־טויט פון יוחנן און ישו הייבט זיך אָן דער מאַרטיראָלאָג פון דער ריין סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פון יסורים און מסירת־נפש פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל — אַ מאַרטיראָלאָג פול מיט בלוט, פייניקונגען, דערטרינקונגען, צעשטיקלונגען פון לעבעדיקע מענטשן אברים־ווייז, אינקוויזיציע־פלאַקערס, גרושים און רדיפות, אויסראָטונגען פון מאַסן טרייע דינער זיינע, — אין מיטלאַלטער און דער רענעסאַנס־צייט, — ווי אויך פון תפיסות, פייניקונגען און תליות, מאַסן־דערשיסונגען אין דעם ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דער סאָציאַליסטישער מאַרטיראָלאָג איז אין פיל פּרטים נאָך האַרץ־רייסנדיקער, איידער דער מאַרטיראָלאָג פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק. פאַר אַ יידישן סאָציאַליסט זיינען זיי ביידע טייער און הייליק. און צו ביידן, — צו דעם יידישן פאָלק און צו דעם סאָציאַליזם, — טראָגט זיך דער אויס־געשריי פון זיין האַרצן: „בדמיך חיי!"

נאָך צוריק צו אונזער ענין! עס איז ניט דאָ דער אָרט צו שילדערן ישוס לעבן און ווירקן און אַרויסצואוויקלען די היסטאָרישע פאַקטן פון די קנוילן רעליגיעזע לעגענדעס, מיט וועלכע מען האָט זיי אַרומגעוויקלט. מיר וועלן ישון לאָזן אָן אַ זייט. נאָר אַ פּאָר שטעלן פון קאַרל קאַוטסקיס בוך וועגן דעם „אויפקום פון קריסטנטום" זאָלן דאָ געבראַכט ווערן וועגן אים און וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון יענער באַוועגונג, — דער קריסט־לעכער, — וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין נאָמען.

„עס איז אָנגענומען", זאָגט קאַוטסקי, „אַז אונטערשטיצונגס־פאַראיינען, אָנגעפילט מיט משיחימשע דערוואַרטונגען האָבן זיך שוין, איידער ישו, גע־פונען ביי די פּראָלעטאַריער פון ירושלים. אַ מוטיקער אַגיטאַטאָר און רע־וואָלוציאָנער („רעבעל") מיט אָט דעם נאָמען (ישו), וואָס האָט געשטאָמט

פון גליל, איז געווען נאָר זייער אַרויסגעהויבנסטער פּאַרקעמפער, וואָס האָט זיין עדות באַצאָלט מיט זיין בלוט". (זע: ק. קאַוטסקי, „דער אורשפּרונג דעס קריסטנטום", שטוטגאַרט, 1908, ז. 399).

עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אַלץ, וואָס מ'קאָן וויסן אויף זיכער וועגן ישוס היסטאָרישן זיין. מיר האַלטן אָבער, אַז פּראָפעסאָר קלויזנערס „חיי ישו", די לעצטע, וויסנשאַפטלעך־באַדייטנדיקע אַרבעט וועגן ישוס לעבן, — גיט געניג טעמים, פאַרוואָס מען זאָל גלייבן ניט נאָר אין דער היסטאָרישער עקזיסטענץ פון אַ „רעבעל" ישו, נאָר אויך אין אַ סך פאַקטן פון זיין לעבן און אַ סך זיינע דרשות, וואָס פּאַסן זיך אַזוי גוט אַריין אין דער רעאַלער, ניט איבערנאַטירלעכער געשיכטע פון זיין צייט.

דערפאַר מוזן מיר וואָרט פאַר וואָרט מסכים זיין מיט דעם מאַרקסיס־טישן דענקער און געשיכטע־פאָרשער, מיט קאַרל קאַוטסקי, ווען ער כאַראַק־טעריזירט דעם גאַנצן היסטאָרישן גורל פון דעם קריסטנטום אָט אין וועלכע שורות:

„כמעט קיין אַנדער רעליגיע איז ניט אַזוי רייך אין ווידערשפּרוכן און אומגעלומפּערטקייטן, ווי די קריסטלעכע, ווייל כמעט קיין אַנדער רעליגיע איז ניט אַרויסגעוואַקסן פון אַזעלכע שאַרפע קעגנזאַצן, ווי זי: קריסטנטום האָט זיך אַנטוויקלט פון יידנטום צו רוימערטום, פון פּראָלעטאַריערטום צו וועלט־הערשאַפט, פון אַרגאַניזירן דעם קאָמוניזם ביז צו אַרגאַניזירן די אויסזויגונג פון אַלע קלאַסן". (זע דאָרטן גופא, ז. 383. שוין לאַנג צייט, אַז אָט די אויסגעצייכנטע „היסטאָרישע אונטערזוכונג" קאַוטסקיס וועגן אַ וויכטיקן קאַפּיטל אין דער יידישער און דער אַלוועלטלעכער געשיכטע, אַן ערלעכע און טיפע פאָרשונג, מיט וועלכער מען מוז, נאַטירלעך, ניט מסכים זיין דווקא אין אַלע פּרטים — זאָל איבערגעזעצט ווערן אין יידיש!).

מיר לאָזן ישון אָן אַ זייט! מיר קאָנען אָבער ניט לגמרי פאַרבייגיין יענע קאָמוניסטישע און ראַדיקאַל־העפּאַרמערישע באַוועגונגען, וואָס זיינען אויפגעקומען אין דער געשיכטע באַלד נאָך זיין טויט, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין זיין נאָמען און האָבן פון צייט צו צייט אין אַ משך פון יאָר־הונדערטער ניט געלאָזט צורו די טריאומפירנדיקע קריסטלעכע קירך, די קיסרים, פירשטן, האַרן, אַדעליקע און רייכע באַלעבאַטים, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן אין בלוטיקע מלחמות אַנטקעגן זיי, ביז עס האָט זיך דער הערשנדיקער מאַכט איינגעגעבן כמעט אינגאַנצן צו פאַרטיליקן די רעלי־גיעז־קאָמוניסטישע אויפברויזן און געהיימע געזעלשאַפטן.

.5

די „אביונים" און „יוחננס אַנטפּלעקונג"

באַלד נאָך ישוס מאַרטירער־טויט זיינען אויפגעקומען ידיש־קריסט־לעכע קאָמוניסטישע אָרדנס. קאַוטסקי וויל האָבן, אַז זיי זיינען אין ירושלים נאָך פריער געווען (אַ חוץ, נאַטירלעך, די איסיים), נאָר האָבן, אַ דאַנק ישוס טעטיקייט, זיך רעאָרגאַניזירט אין זיין נאָמען.

צוויי גרעסערע ריכטונגען לאָזן זיך פונאַנדערשיידן אין יענער צייט: די „אביונימשע" און די „שליחימשע" (די אַפּאָסטאָלישע). ביידע ריכטונגען האָבן באַגלייך געגלייבט, אַז ישו איז דער מלך המשיח, אַז ער איז נאָך זיין טויט ווידער לעבעדיק געוואָרן און אַז ער דאַרף זייער באַלד נאָכאַמאָל קומען, כדי איבערצונעמען די ממשלה איבער דער וועלט.

די „אביונים" האָבן געהאַט זייערע אייגענע שריפטן אין העברייאיש אָדער אַראַמייאיש, פון וועלכע עס זיינען איבערגעבליבן איינצלנע פראַג־מענטן אין אַ לאַטיינישער איבערזעצונג. איינער אַזאַ פראַגמענט וואָלט זיך אין העברייאיש געלייענט אַזוי: „אביונים אנו נקראים. אין זאת חרפתינו, כי אם תהלתינו". („מיר רופן זיך אביונים. דאָס איז ניט אונדזער שאַנד, נאָר אונדזער לויב". אין דעם לאַטיינישן פראַגמענט הייסט עס: „פּאַופּעראָס דיצימור. נאָן עסט אינפאַמיאַ נאָסטראַ, סעד גלאָריאַ").

אין דער קריסטלעכער קירכן־געשיכטע האָט די אביונימשע ריכטונג געשפּילט אַ געוויסע ראָל ביז צו דעם זיבעטן יאָרהונדערט, אונטער דעם נאָמען „עביאָניטן". זייער פונאַנדערבלי איז געווען אין דעם צווייטן יאָר־הונדערט. אָבער שוין אין דעם ערשטן האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט די יסודות פון דער עביאָניטישער ריכטונג. פאַר זיי איז ישו ניט געווען קיין גאָט, אויך ניט קיין אַרויסשטראַלונג פון אַ געטלעכן מהות. ישו איז פאַר זיי געווען נאָר דער משיח, וואָס איז געקומען אויסצולייזן ניט נאָר דאָס יידישע פאָלק, נאָר די גאַנצע וועלט. די „תורת משה" איז פאַר זיי געווען פונקט אַזוי הייליק, ווי ביי די איסיים. די רעפאָרם פון דעם שליח שאול (דער „הייליקער פּאַול"), וואָס האָט געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון דעם יידישן געזעץ, האָבן זיי העפטיק באַקעמפט. אין דעם קאַמף, וואָס איז אויסגעבראָכן

צווישן די „אַפּאָסטאָלן" (ישוס „שליחים") צוליב דער שטעלונג צו דער „תורת משה", זיינען די אביונים געשטאַנען אויף דער זייט פון דעם שליח יעקב, וואָס האָט שאַרף פאַרטיידיקט די אָפּהיטונג פון דעם יידישן געזעץ, ווי אויך פון דעם שליח שמעון (דער הייליקער פעטער), וואָס איז אין דעם פּרט פון תורת משה געווען געניגט צו גיין אויף געוויסע פּשרות. דעם אַפּאָסטעל פּאָול אָבער, האָבן די „אביונים" ניט געוואָלט אָנדערקענען פאַר ישוס אַ שליח.

דער סאָציאַל-עטישער אידעאַל פון די „אביונים" איז באַשטאַנען אין דער פולער און קאָנסעקווענטער אַפּליקירונג פון פּריוואַט-אייגנטום אויך אויף די אַרטיקלען פון פאַרברויך. אַ קריסטלעכער „קירכנפאַטער" האָט אַט דעם געדאַנק אויסגעדריקט אַזוי, אַז אפילו ווען איינער האָלט שוין „זיין" שטיקל פלייש אין די ציינער און איינער רייסט דאָס ביי אים אַרויס, ווערט דאָ ניט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן אַנטקעגן אייגנטום-רעכט, ווייל דער גאַנצער ענין פון „מיין-און-דיין" איז אַ מענטשלעכער אויסטראַכט, אַ נאַרי-שער און שעדלעכער. דער פאַרברעכן איז דאָ באַשטאַנען נאָר אין דער פאַרגוואַלטונג פון דעם אַנדערן, אין אָנטאָן צער אַ צווייטן, אָבער ניט אין אָוועקרויבן אַ פרעמדנס אייגנס.

שוין דער נאָמען „אביונים" באַווייזט, אַז זיי האָבן אינגאַנצן פאַר-וואָרפן דעם אידעאַל פון מאַטעריעלער עשירות. אָבער ניט נאָר דאָס. עס איז זיי אויך געווען פאַרהאַסט די איבעריקע זאָרג פאַר דעם מאַטעריעלן וואוילשטאַנד.

זייער אידיווידועלע מאָראַל איז געווען באַהערשט פון צוויי פרינציפּן. אויף דעם ערשטן פּלאַן איז געשטאַנען דער געפּיל פון ליבע: ליבע צו די מיטמענטשן פון יעדן פאָלק און יעדער פאַרב, ליבע צו אַלע לעבעדיקע ברואים, צו קריסטוסן און צו גאָט. דערנאָך איז פאַר זיי געווען וויכטיק דער גלויבן אין קריסטוסן און די האָפענונג, אַז אָט-אָט קומט ער ווידער און באַגרינדעט די מלכות-שמים אויף דער וועלט.

ביים אַפּאָסטעל יעקב („דזשיימס"), וואָס ווערט באַטראַכט, ווי דער וואָרט-פירער פון די יידישע קריסטן, געפינען מיר אַ שטעלע, וואָס כאַראַק-טעריזירט אויסגעצייכנט די גייסטיקע ריכטונג פון די אביונים.

„נו, גייט, איר רייכע לייט, וויינט און קלאָגט אויף די צרות וואָס וועלן אויף אייך קומען. אייער עשירות איז צעפוילט און אייערע בגדים זיינען פון מילבן צעפרעסן. אייער גאָלד און זילבער ווערט אָוועקגעריסן. זייער פאַרדאַרבונג וועט זאָגן עדות אַנטקעגן אייך, און וועט עסן אייער לייב ווי פייער... זעט, דער לוין פון די אַרבעטער, וואָס האָבן געשניטן אייערע

פעלדער, וועלכן איר האָט צוריקגעהאַלטן, שרייט, און דער געשריי פון די שניטערס איז אַריין אין די אויערן פון גאָט צבאות. איר האָט געלעבט אין תענוג אויף דער ערד און זיך גרויס געהאַלטן. . . דעריבער, ברידער, זייט געדולדיק, ביז עס וועט קומען דער האַר. זעט, דער אַקערער וואַרט אויף די טייערע פּרוכט פון דער ערד, און איז געדולדיק ביז זי באַקומט דעם פרי־רעגן און דעם שפּעט־רעגן. זייט אויך געדולדיק. מאַכט שטאַרק אייערע הערצער, ווייל דעם האַרס קומען איז נאָענט" (יעקב, ה׳. 1 ביז 7). און אין אַן אַנדער אָרט, ריידנדיק וועגן דעם משפּט אויף די רייכע, זאָגט ער: „דער משפּט וועט זיין אָן רחמנות צו דעם, וואָס האָט ניט באַוויזן קיין רחמנות" (ד. ג. ב׳, 13).

צו דער זעלביקער „אביונימשער" ריכטונג דאַרף אויך צוגערעכנט ווערן יענע שריפט אין דעם „ברית חדשה" (די עוואַנגעליעס), וואָס טראָגט דעם נאָמען „די אַנטפּלעקונג פון יוחנן" (די „אַפּאָקאַליפּטיס"). ישו איז פאַר איר מחבר בפירוש ניט קיין גאָט און ניט פון קיין געטלעכן מהות, נאָר דער משיח, דער אויסלייזער פון דער גאַנצער וועלט. די שריפט איז געשריבן, ווי אַ חזיון און אַ נבואה. אין ישוס נאָמען פאַרלאַנגט ער פון די קהילות, זיי זאָלן בלייבן טריי דער תורת משה. „איך לייג ניט אַרויף אויף אייך קיין אַנדער לאַסט, אָבער וואָס איר האָט, האַלט פעסט, ביז איך וועל קומען" (אַנטפּלעקונג, ב׳, 24־25) און קומען וועט ישו באַלד, „מחמת די צייט איז נאָענט" (א׳ 3). און אַז ער וועט קומען, וועט דאָס „קעניגרייך פון דער וועלט" ווערן דאָס קעניגרייך פון אונדזער האַר (גאָט) און פון זיין משיח. און ער וועט רעגירן פון אייביקייט ביז אייביקייט (י״א, 15). אָבער איידער ער וועט קומען, וועט דורכגעפירט ווערן אַ שטראָף איבער יענע, „וואָס האָבן די ערד פאַרדאָרבן" (18). „ווען אימיצער שלעפּט אין תפיסה, זאָל ער אין תפיסה געשלעפּט ווערן און ווען אימיצער וועט מיטן שווערד טייטן, זאָל ער מיט דעם שווערד געטויט ווערן" (י״ג 10). נאָך דער שטראָף פון גאָט, וועלן די צדיקים „זינגען די שירה פון משה, דעם קנעכט פון גאָט, און די שירה פון דעם לאַם (ישו)".

די הויפּט־שלאַכט אַנטקעגן די, וואָס האָבן „די ערד פאַרדאָרבן" וועט פאַרקומען אויף דעם „הר מגידון" („אַרמאַדזשעדאָן"). (ט״ז, 16). און די הויפּט־שטראָף וועט פאַלן אויף „דער פרוי, וואָס זיצט אויף זיבן בערג" (די מלכות רוים, י״ז, 9). ווען זי וועט פאַלן, וועלן „די סוחרים פון דער ערד וויינען איבער איר און קלאָגן, ווייל קיינער קויפט ניט מער די סחורה פון זייער האַנדל, סחורה פון גאָלד און זילבער" וכו׳, „אויך ניט זייער צימרינג און נכאת און קטורת. . . און סחורה פון פערד און וואָגן און לייבער

און אויך נשמות פון מענטשן". פאַרוויסט וועט ווערן רוים, "ווייל דיינע סוחרים זיינען געוועזן די גדולים פון דער ערד" (זע דאָס גאַנצע קאַפּיטל י"ח). דערנאָך וועט משיח הערשן טויזנט יאָר. נאָכדעם וועט ווידער פאָרקומען אַ קאַמף אַנטקעגן "גוג ומגוג" (כ' 8). ערשט נאָך אָט דעם קאַמף, וואָס וועט אָפּווישן פון דער ערד אַלע אומגערעכטע, וועט אויפקומען אַ נייער הימל און אַ נייע ערד. "און איך האָב געזען, ווי די הייליקע שטאָט, די נייע ירושלים קומט אַראָפּ פון גאָטס הימל, אָנגעגרייט, ווי אַ כלה, אַ געצירטע פאַר איר מאַן" (כ"א 1 און 2). דער חזיון פאַרענדיקט זיך מיט דער באַשרייבונג פון דער שיינקייט און דער פּראַכט פון "ניי ירושלים". כאַראַקטעריסטיש דערביי איז דער ריין אַלט-נביאימשער שטריך, וואָס אין "ניי-ירושלים" איז ניטאָ קיין בית המקדש: "ווייל גאָט דער אַלמעכטיקער האַר און זיין לאַם זיינען איר היכל" (כ"א, 22). דעמאָלט ערשט וועט אַריינטרעטן די "מלכות-שמים", וואָס וועט דויערן "פון אייביקייט ביז אייביקייט" (כ"ב, 5).

מיר האָבן זיך אַביסל לענגער אָפּגעשטעלט אויף אָט דער שריפט, ווייל די האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין אַלע רעליגיעזע רעוואָלוציאָנער-קאָמוניסטישע באַוועגונגען און אויפשטאַנדן ביז טיף אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע און פון דעם דייטשן פויערים-קריג. פילע פון זייערע גייסטיקע פירער האָבן געשריבן פירושים אויף "יוחננס אַנטפּלעקונג". געצויגן צו איר האָבן די פאַרשיידענע סימבאָלישע בילדער פון דעם גרויסן קאַמף אַנטקעגן אומגערעכטיקייט, — דער עיקר, דאָס בילד פון "דעם רייטער אויף דעם ווייסן פערד". דער נאָמען זיינער איז "געטרייער און וואָרהאַפטיקער, און אין גערעכטיקייט משפּט ער און האַלט מלחמה. און זיינע אויגן זיינען, ווי אַ פייער-פלאַם געווען... און אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ מלבוש, איינגעטונקען אין בלוט, און זיין נאָמען איז גערופן געוואָרן גאָטס וואָרט" (י"ט, 11-14). געצויגן האָט אויך די נבואה פון דעם קאַמף אַנטקעגן רוים. אין די שפּעטערדיקע אויסטייטשונגען האָט דאָס געמיינט דער קאַמף אַנטקעגן דער גייסטיקער און וועלטלעכער הערשאַפט פון דעם רוימישן פּויפּסט. אויך די ניט-רעוואָלוציאָנערע קאָמוניסטן האָבן זיך באַגייסטערט פאַר דער שריפט צוליב דער טויזנט-יעריקער ממשלה אונטער ישוס אויבערהערשאַפט. גראַד אָט דער פּסוק פון דער אַנטפּלעקונג האָט אַרויסגערופן די קאָמוניסטישע ריכטונג פון די "כיליאַסטן", אָדער "מילענאַריער", — די גלויבער אין דער טויזנט-יעריקער מלכות-שמים אויף דער וועלט, — אַ גלויבן, וואָס האָט נאָך אויך איצט אַ סך אָנהענגער צווישן פאַרשיידענע קריסטלעכע סעקטן, אויך דאָ אין לאַנד.

.6

די ערשטע קריסטלעכע קהילות און די מאָראַל פון דעם פעאָדאַלן רעזשים

דער קאַמף אין די ערשטע קריסטלעכע קהילות צווישן די „געזעץ־טרייע" יידן, וואָס האָבן געפאָדערט די אָפּהיטונג פון תורת משה, און די אַנדערע ריכטונגען, וואָס האָבן באַפרייט די גלייביקע פון די יידישע רעלי־גיעזע געבאָטן, האָט ניט אָנגערירט דעם סאָציאַל־עטישן געהאַלט פון די איסיים און די אביונים, ד"ה, דער עיקר, דעם קאָמוניזם. וואו עס איז נאָר מעגלעך געווען, איז דאָס געווען אַ קאָמוניזם ניט נאָר פון פאַרברויך־מיטלען און געמיינשאַפטלעכן לעבן, נאָר אויך פון געמיינשאַפטלעכער אַרבעט.

די ערשטע קהילה פון די אַפּאָסטאָלן איז טאַקע געווען אַ פאַרברויך־קאָמונע. די רייכע לייט, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן איר, האָבן געדאַרפט פאַרקויפן זייערע פעלדער און הייזער און דאָס געלט איבערגעבן אין דער געמיינשאַפטלעכער קאַסע, פון וועלכער אַלע האָבן זיך גלייך געשפּייזט, סיי די אָרעמע, סיי די געוועזענע רייכע.

אַזאַ קאָמוניזם האָט אין די ערשטע קריסטלעכע קהילות אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. ווייל עס האָט נאָך אַלץ געהערשט דער גלויבן, אַז ישו דעם משיחס קומען איז נאָענט. וואָס ווייטער עס האָט זיך אָבער געריקט די צייט, וואָס אַ גרעסערע צאָל אָרעמעלייט עס איז צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג, אַלץ מער האָט די קירך געמוזט טראַכטן, ווי אַזוי גרינגער צו מאַכן די ערשנדיקע נויט. און דאָ איז פון זיך אַליין אויסגעוואַקסן דער אינסטיטוט פון די מאָנאַסטירן (קלויסטערס), דאָס רוב אין דאָרפישע געגנטן, וואו די מאָנאַכן און מאָנאַשקעס האָבן שוין געדאַרפט אויך אינאיינעם אַרבעטן, כדי צו באַפרידיקן אַלע מאַטעריעלע הצטרכותן.

ביז טיף אין דעם ניינטן יאָרהונדערט האָט געהערשט דער גלויבן, אַז אָט די מאָנאַסטיר־גיטער געהערן צו אַלע אָרעמעלייט. און ביז דעם פינפטן יאָרהונדערט זיינען זיי טאַקע געווען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי קאָמוניסטישע פּראָדוציר־ און פאַרברויך־קאָאָפּעראַטיוון.

אין אַט די ערשטע פּאָר יאָרהונדערט, איידער עס האָט זיך פּאַרפעס־טיקט דער קאַטאָליציזם, האָט ביי די אַזוי־אָנגערופענע „קירכנפאַטערס" נאָך שטאַרק געהערשט די כיליאַסטישע האָפענונג אויף דער מלכות שמים אויף דער וועלט, מיט דער אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום, פון געלט און פון האַנדל.

אין דעם צווייטן יאָרהונדערט גרינדעט זיך אַ קאָמוניסטישע סעקטע פון די אַדאַמיטן, וואָס ווילן לעבן אַזוי ווי אדם און חוה אין גן־עדן. זיי שאַפן אָפּ אייגנטום, פאַמיליע־לעבן און חתונות און פירן איין אַ פרייע סעקסועל צוזאַמענלעבן פון מענער און פרויען. אויך דער „קירכנפאַטער" קאַרפּאָקראַט, וואָס האָט אָפּגעלייקנט פּריוואַט־אייגנטום און די פּריוואַט־פאַמיליע, האָט ניט געפאָדערט קיין סעקסועלע פּרישות.

די אַדאַמיטן טראָגן אַריין אַ נייעם פּרינציפּ אין דער סאָציאַליסטישער מאָראַל: די אָפּשאַפונג פון דער פאַמיליע און דעם אויפקום פון אַ פרייערן סעקסועלן צוזאַמענקום, ניט צוליב דער הנאה פון דער עולם הזה, נאָר כדי מקיים צו זיין די מצווה פון „פרו ורבו".

אַזעלכע קאָמוניסטישע סעקטעס און איינצלנע קאָמוניסטישע (זייער פרומע) דענקער האָבן זיך אויך שפּעטער באַוויזן אין די קריסטלעך־קאָמו־ניסטישע באַוועגונגען. אַזוי — „די ברידער און שוועסטער פון דעם פרייען גייסט" אין דעם אָנהייב פון דעם דרייצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָבן זייער קריסטנטום פאַרשטאַנען אין אַ ריין פּאַנטעאיסטישן זין. גאָט, האָבן זיי געלערנט, איז אין דעם מענטשן. דעם מענטשנס ווילן — איז גאָטס ווילן. דערפון האָבן זיי קאָנסעקווענט אַרויסגעפירט זייער געזעלשאַפטלעכן אי־דעאַל, וואָס פאַלט אין אַלע וויכטיקסטע פונקטן צונויף מיט דעם קאָמוניזם, אַנאַרכיזם און פרייער ליבע.

אַזוי אויך — די שפּעטערדיקע „אַדאַמיטן" פון דעם פופצנטן יאָרהונ־דערט. „זיי האָבן געלעבט", שרייבט אַ היסטאָריקער פון יענער צייט, „אין ווייבער־געמיינשאַפט. עס איז אָבער געווען פאַרווערט צו דערקענען אַ ווייב אָן דער דערלויבעניש פון זייער פאָרשטייער, אדם. אָבער ווען ביי איינעם האָט זיך פונאַנדערגעברענט דער באַגער פאַר אַן אַנדערער, פלעגט ער זי נעמען פאַר דער האַנט, גיין צום פאָרשטייער און זאָגן: „פאַר איר האָט זיך פונאַנדערגעגליט מיין גייסט אין ליבע". פלעגט דער פאָרשטייער ענט־פערן: „גייט, וואַקסט און פאַרמערט זיך און פילט אָן די ערד". אַנדערע סעקטעס מיט פרייער ליבע האָבן דערביי פאַרווערט דעם סעקסועלן צונויפ־קום מיט עקרות אָדער מיט טראָגעדיקע פרויען, ווייל אַזאַ צונויפקום וואָלט

נאָר געדינט דעם יצר הרע און ניט דעם הנאה האָבן פון „גאָטס ברכה" צוליב דער פאַרמערונג.

די פרייע ליבע און די ווייבער־געמיינשאַפט וואָס פלעגן אויך פאָר־קומען אין די מאַנאַסטירן, זיינען אָבער געווען זעלטענע אויסנאַמען. אין די ערשטע פיר הונדערט יאָר פון דער קירך איז דער געדאַנק געווען פאַרנומען מער מיט דעם אייגנטום־פּראָבלעם, איידער מיט דעם פאַמיליע־פּראָבלעם. און די באַרימטסטע קירכנפאָטערס פון יענער צייט זיינען געווען אויסגעשפּראָכענע קאָמוניסטן און האָבן אין דעם קאָמוניסטישן קלויסטער־לעבן געזען דעם ענטפער אויף דעם פּראָבלעם פאַר אַ גערעכטער געזעל־שאַפטלעכער אָרדענונג בכלל.

דער הייליקער באַזיליוס (אין פערטן יאָרהונדערט) האָט זיך אין אַ פּריידיק געווענדט צו די רייכע: „איר אומגליקלעכע, מיט וואָס וועט איר זיך פאַרענטפערן פאַר דעם אייביקן ריכטער? ... איר ענטפערט: ווי אַזוי בין איך אומגערעכט, ווען איך האַלט פאַר זיך, וואָס עס געהערט מיר אַליין? איך פרעג אייך אָבער: וואָס רופט איר אייער אייגנטום? פון וואַנען האָט איר דאָס? איר באַגייט זיך ווי אַ מאַן, וואָס וואָלט זיך באַמיט צו באַלייגן אַלע פּלעצער אין טעאַטער און ניט לאָזן אַנדערע אַריינקומען, צונעמענדיק פאַר זיך דאָס, וואָס געהערט צו אַלעמען. ווי אַזוי ווערן דען די רייכע רייך, אויב ניט דורך אַוועקנעמען זאַכן, וואָס געהערן אַלעמען ?"

נאָך שאַרפער און באַרעדעוודיקער האָט פאַרטיידיקט דעם קאָמוניזם דער הייליקער יאָהאַנעס, וואָס האָט באַקומען דעם צונאָמען „כריזאָסטאָם", „דאָס גילדערנע מויל" (347—407). די פאַרטיידיקונג פון קאָמוניזם האָט ער אין זיינע שריפטן געפירט דער עיקר מיט רעליגיעזע און מאָראַלישע אַרגומענטן. ער האָט זיך אָבער אויך באַנוצט מיט ריין־עקאָנאָמישע. עס לוינט זיך בעסער פאַר אַלעמען צו לעבן אין געמיינשאַפטן, איידער אין איינצלנע באַלעבאַטישקייטן. ער האָט געפאָדערט פון די קריסטן, זיי זאָלן איינפירן אַ קאָמוניסטישע לעבנס־אָרדענונג. לסוף האָט ער זיך געמוזט באַקלאָגן, אַז „דער עולם ציטערט פאַרן קאָמוניזם נאָך מער, איידער פאַר אַ שפּרונג אין דעם וויטן ים". כריזאָסטאָמען האָט מען פאַרשיקט, און ער איז אין דער פאַרשיקונג געשטאָרבן. די הערשנדיקע קירכעס האָבן שוין גאָר ניט געוואָלט וויסן פון דעם קאָמוניזם.

דער הייליקער אויגוסטין (געשטאָרבן אין 430) האָט פאַרמשפּט דעם גלויבן אין דער טויזנט־יעריקער ממשלה (דעם „כיליאַזם"), ווי אַן אפיקוסות. די קירכן־גיטער און די מאַנאַסטיר־באַלעבאַטישקייטן, וואָס האָבן פריער געהערט צו אַלע אָרעמע אין לאַנד, זיינען אין דעם ניינטן יאָרהונדערט דער־

קלערט געוואָרן פאַר דעם אייגנטום פון יענע „גייסטלעכע", וואָס האָבן גענומען אויף זיך דעם געבאָט פון פרישות. שפּעטער, אין דעם צוועלפטן יאָרהונדערט, זיינען אַלע יענע גיטער דערקלערט געוואָרן ווי אייגנטום פונעם פּויפּסט. אין די קלויסטערס גופא האָט זיך דאָס לעבן אינגאַנצן איבערגעביטן. „פון פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון זיינען די קלויסטערס געוואָרן עקספּלואַטיר־געזעלשאַפטן", שרייבט קאַוטסקי. די אָרעמע, וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט, זיינען פאַרשקלאַפט געוואָרן צו די פאָרשטייערס.

אין אָט דער פאַרהויקערונג פון דעם אור־קריסטלעכן גלויבן, — ווי אין דער פאַרהויקערונג פון דעם נביאימשן גלויבן ביי די ידן, — איז אינגאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען דער סאָציאַל־עטישער תוך. דער קריסטלעכער רעליגיעזער געדאַנק האָט זיך אַ קער געטאָן צו דעם אידעאַל פון פּלאַטאָנס רעפּובליק, אַ געבויטער אויף פאַרשיידענע קלאַסן, ווי זיי האָבן זיך אויסגעבילדט און איינגעשטעלט אין דער הערשנדיקער ווירקלעכקייט. די פּלאַטאָנישע דיקטאַטור פון די פילאָסאָפן האָט דער קאַטאָליציזם געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען אין אַ דיקטאַטור פון דער גייסטלעכקייט, פון די מאָנאַכן, די אַבבאַטן, בישאָפס, קאַרדינאַלן, מיט דעם פּויפּסט אויף דער שפּיץ.

דער קאָמוניזם איז געבליבן אַ ריין־טעאָרעטישער „אני מאמין" פאַר דער גייסטלעכער דיקטאַטור, און וואו־ניט־וואו איז ער אויך פּראַקטיש דורכגעפירט געוואָרן אין איניקע מאָנאַסטירן און ביי די מאָנאַכן פון פאַרשידענע אָרדנס. די גייסטלעכקייט האָט אין איר אייגענעם לעבן אויך אָפּגעשאַפט די פאַמיליע און האָט פאַרלאַנגט פון יעדן מיטגליד אירן די אַבסאָלוטע פרישות און סעקסועלע אומשולד.

אָבער מער ווי דאָס, — און אויך דאָס אין אַ פאַרהויקערטער פאָרם, — איז ביי דער קאַטוילישער גייסטלעכקייט גאָר נישט געבליבן, ניט פון פּלאַטאָנען, ניט פון די נביאים, די איסיים, די אביונים און די ערשטע קריסטלעכע קהילות.

אין לעבן איז, אַ דאַנק צום טייל דעם קריסטנטום, אָפּגעשאַפט געוואָרן די שקלאַפן־ווירטשאַפט, און עס האָט זיך אויסגעבויט פּאָליטיש און עקאָנאָמיש דער פעאָדאַלער רעזשים, מיט פּריצים און „צוגעהעריקע" פּויערים און באַלמעלאָכעס. דאָס האָט געצוואונגען די גייסטלעכקייט צו טיילן זיך מיט איר פּאָליטישער מאַכט מיט די פּריצים און מיט די פּרינצלעכע אָדער קעניגלעכע הייזער. עס האָט זיך איינגעשטעלט דער אַריסטאָקראַטישער יחוס פון די „וואוילגעבוירענע אידללייט". אויך די העכערע שיכטן פון דער גייסטלעכקייט האָבן געהערט צו אָט דער נייער הערשנדיקער אַריסטאָקראַטיע. און אָט די גייסטלעכע שיכטן, מיט דעם פּויפּסט בראש, זיינען

דאָס רוב געווען נאָך מער להוט נאָך רייכטום, נאָך ערד, נאָך מער באָדן זיך אין לוקסוס; זיי זיינען געווען נאָך מער צעלאָזן און מאָראַליש צעפוילט, איידער די וועלטלעכע אַריסטאָקראַטיע.

אין דעם פעאָדאַלן רעזשים האָט זיך אָבער איינגעשטעלט אַ געזעלשאַפטלעכע מאָראַל, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן און די פּסיכאָלאָגיע פון דעם וועלטלעך־הערשנדיקן אַריסטאָקראַטישן קלאַס. פינף פונדאַמענטאַלע הייליקייטן האָט געהאַט יענער מאָראַלישער סיסטעם, וואָס זיינען נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשוואונדן עד היום. זיי האָבן געדאַרפט זיין טייער יעדן איינעם, פון קנעכט אין דער נידער, ביז צו דעם פּרינץ און דעם פּויפּסט אין דער הייך: ערשטנס, די הייליקייט פון דעם פרומען שטאַט און פון די פּרינצן און מלכים, וואָס שטייען אויף זייער שפּיץ און וואָס ווערן באַטראַכט ווי די געזאַלבטע פון גאָט. זיי זיינען הייליקע פּערזאָנען, ווי די קאַרדינאַלן און דער פּויפּסט. צווייטנס, די הייליקייט פון דעם קריסטלעכן גלויבן און פון דער קריסטלעכער קירך. דריטנס, די הייליקייט פון געבן צדקה און פון דער זאָרג פאַר דעם פרום־קריסטלעכן אָרעמאַן, פאַר זיין חיונה, געזונט און זינדיקער נשמה. דערביי איז פרומע אָרעמקייט נאָך אַלץ געשטאַנען אין הויכער מאָראַלישער חשיבות. פערטנס, די הייליקייט און ריינקייט פון דעם פאַמיליע־לעבן. ועל כולם, פינפטנס, די הייליקייט פונעם פּריוואַט־אייגנטום אויף ערד.

מערקט אייך גוט: נאָר ערד־באַזיץ האָט דעמאָלט געהאַט אַ מאָראַלישע חשיבות. האַנדל און געלט־באַזיץ, — ווי להוט די הערשנדיקע קלאַסן זיינען ניט געווען נאָך אים, — זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר מאָראַליש־נידעריקערע ענינים — דער לעצטער פאַרבלאַסטער אָפּשיין פון יענער קאָמוניסטישער שטעלונג, וואָס די איסיים האָבן געהאַט צו דעם האַנדל.

איבערפאַלן אַ האַנדלס־קאַראַוואַן, אויסהרגענען די הענדלער און אוועקרויבן זייער האָב־און־גוטס איז ניט געווען קיין גרויסער חטא, און אָפטמאָל אַ שיינע „ריטערלעכע” העלדישקייט. דעם געלט־האַנדל האָט מען אָבער איבערגעלאָזן צו די פּאַריעס פון דער דעמאָלטיקער קריסטלעכער געזעלשאַפט, צו די יידן. קריסטן האָבן זיך ניט געטאָרט באַשעפטיקן מיט אַזוינע מאָראַליש־מיאוסע זאַכן.

די גרויסע סאָציאַל־עטישע אידייען און אידעאַלן פון די נביאים ביז און מיט די ערשטע קריסטלעכע קהילות זיינען אָבער אויך דעמאָלט ניט געווען אינגאַנצן אויסגעשטאָרבן ביי די אַרבעטנדיקע מאַסן און ביי די נידעריקערע פלאַסטן פון דער גייסטלעכקייט.

.7

דער תנ"ך און קלאַסנקאַמף

דער צוועלפטער יאָרהונדערט באַטייט מיט זיך דעם אָנהייב פון דעם פאַרשאַרפטן קלאַסנקאַמף, וואָס די אונטערדריקטע מאַסן און יענע אינטע־ליגענציע, וואָס האָט געווייטיקט פאַר זייער גורל, האָבן געפירט אַנטקעגן דעם גאַנצן פעאָדאַלן סדר און אַנטקעגן דער גייסטיקער און וועלטלעכער אויבערהערשאַפט פון דער קאַטוילישער קירך.

די נשמה פון יענעם קלאַסנקאַמף איז געווען די מאָראַל פון די נביאים און פון די ערשטע יידיש־קריסטלעכע געמיינדעס, ווי זי האָט זיך אויס־געדריקט אין די עוואַנגעליעס, דער עיקר, אין דער „אַנטפּלעקונג פון יוחנן", מיט וועלכער מיר זיינען באַקאַנט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

עס פלעגן אויפשטיין איינצלנע קאָמוניסטישע דענקער און עס פלעגן זיך אויפהויבן פאָלקס־באַוועגונגען מיט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענעם סאָציאַ־ליסטישן אָדער רייך־קאָמוניסטישן כאַראַקטער, וואָס האָבן געפירט בלוטיקע קאַמפן אַנטקעגן דעם פעאָדאַלן רעזשים, דער הערשנדיקער קירך און דעם הערשנדיקן מאָראַל־סיסטעם, און וואָס פלעגן דאָס רוב דערטרונקען ווערן אין אַ ים פון בלוט. חוץ דעם זיינען געווען פרידלעכע קאָמוניסטישע און האַלב־קאָמוניסטישע סעקטעס און „אונטערערדישע" געהיימע געזעלשאַפטן, מיט אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען, מיט שליחים, וואָס פלעגן אומפאָרן פון לאַנד צו לאַנד און פאַרשפּרייטן סיי פרידלעך־קאָמוניסטישע, סיי רע־וואָלוציאָנער־קאָמוניסטישע אידייען. דעם אָנהייב מאַכן די „אַלביגענזער" אין צוועלפטן און דרייצנטן יאָרהונדערט. דעם סוף זייערן בילדן די לעוועלער מיט זייער ראַדיקאַל־קאָמוניסטישן לינקן פליגל, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער ענגלישער רעוואָלוציע פון זיבעצנטן יאָר־הונדערט.

די באַוועגונג פון די „לעוועלער" (די „גלייכמאַכער") איז אונטערדריקט געוואָרן אין 1649, אָבער פון איר ציען זיך נאָך איינצלנע רינגלעך ביז אין

דעם אָנהייב פון ניינצנטן יאָרהונדערט, ביז דעם באַרימטן קאָמוניסט ראָבערט אָוען און שפּעטער די „טשאַרטיסטן״.

עס געהערט צו די פאַרדינסטן פון דעם אויסגעצייכנטן סאָציאַליס־טישן היסטאָריקער קאַרל קאַוטסקי זיין אויפדעקן דעם היסטאָרישן המשך פון אַלע אָט די באַוועגונגען און די אַרויסהייבונג פון דעם אומשטאַנד, אַז אין אַלע „קעטצערישע״ (אַפּיקורסישע) קאָמוניסטישע, — סיי פריד־לעכע, סיי רעוואָלוציאָנערע, — באַוועגונגען האָבן די הויפּט־ראָליע געשפּילט די אויפקומענדיקע פּועלים און לוין־אַרבעטער, אָרום וועלכע עס האָבן זיך גרופּירט די אָרעמערע באַלמעלאָכעס און פּויערים. זיי אַלע זיינען גייסטיק געפּירט געוואָרן פון דער רעוואָלוציאָנערער און סאָציאַל־עטישער אינטע־ליגענציע.

דער קלאַסנקאַמף אויף דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן פעלד האָט געהאַט דעם ציל אַבסאָלוט אָפּצושאַפן קלאַסן־איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט און דעם תהום צווישן אָרעם און רייך, אויף דעם פּאָליטישן פעלד — אַ דעמאָקראַטישע פאַרוואַלטונג, און אויף דעם רעליגיעזן פעלד — די פרייהייט פון יעדן יחיד צו גלייבן אין וואָס ער וויל. די מאָראַלישע נשמה פון דעם קאַמף איז אָבער געווען, ווי געזאָגט, די מאָראַל פון די נביאים און פון די יידישע וואַנגעלן.

עס איז פאַר אונדז אינטערעסאַנט אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אַז דער תנ״ך — די תורה, נביאים און כתובים — האָבן דערביי געשפּילט אַ וויכ־טיקערע ראָליע, איידער דער קריסטלעכער „ברית חדשה״. און דאָס איז דערפאַר, וואָס דער „אַלטער טעסטאַמענט״ (דער תנ״ך) האָט אין זיך געהאַט אַ סך מער סאָציאַל־עטישע עלעמענטן, איידער אינדיווידועל־מאָראַלישע. וואָס די נביאים זיינען געווען „רעבעלן״, שאַרפע קעמפער קעגן די אונ־טערדריקער, די הערשער און די האַרן און, דער עיקר, וואָס אַ רייך־רעוואָ־לוציאָנערער באַפרייאונגס־קאַמף האָט זיך געקאָנט שטיצן אויף אַ סך פּסוקים און שטעלן זיינע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם אַנטאַגאָניזם צווישן דעם „אַלטן״ טעס־טאַמענט און דעם „נייעם״ זיינען אַ פּאָר שורות פון לוטערן, דעם פירער פון דער לוטעראַנישער רעפאָרמאַציע אין דייטשלאַנד, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין פּאַמפלעט „אַנטקעגן די רויבערישע און מערדערישע פּויערים״ אין דער צייט פונעם פּויערים־קריג. לוטער שרייבער: „עס העלפט אויך ניט די פּויערים, ווען זיי זאָגן, אַז לויט בראשית א׳ און ב׳ זיינען אַלע זאַכן באַשאַפן געוואָרן פריי פאַר אַלעמען און אַז מיר אַלע זיינען גלייך געטויפט. ווייל אין דעם נייעם טעסטאַמענט האַלט מען ניט פון משהן

און מען רעכנט זיך ניט מיט אים; גייערט דאָרטן שטייט אונדזער מייסטער יעזוס קריסטוס און וואַרפט אונדז אונטער מיט לייב און גוט אונטער דעם קיסר און דעם וועלטלעכן רעכט". (ציטירט ביי קאַוטסקין אין „די פּאָרלויפער דעס נייערן סאָציאַליזמוס", 1905, ערשטער באַנד, ז. 137).

די באַרופונג אויף דעם תנ"ך און אויף די יידיש־קריסטלעכע טיילן פון די עוואַנגעלן האָט זיך אָנגעהויבן שוין אין דעם צוועלפטן יאָרהונדערט. גלייך דער ערשטער פריידיקער פון קאָמוניזם, דער אַבבאַט (דער „אבי", דער פאָטער פון אַ קלויסטער) יאָאַכים פון פיאָרע (1145—1202), האָט געשריבן אַ פּירוש אויף ירמיהו, דעם נביא, וואָס האָט באַקעמפט דעם מלך צדקיה און איז פון אים אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ גרוב. יאָאַכים פון פיאָרע באַטראַכט די קאָמוניסטישע קלויסטער־ווירטשאַפט, ווי אַ מוסטער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. זי וועט אַריינגעפירט ווערן, האָט ער אויסגערעכנט, אין דעם יאָר 1260, דורך אַ רעוואָלוציע. דעמאָלט וועט נאָכאַמאָל קומען ישו דער משיח און עס וועט זיך אָנהייבן די טויזנט־יעריקע „מלכות שמים" אויף דער וועלט.

אין דעם זעלביקן צוועלפטן יאָרהונדערט קומען אויף די אַלביגענזער, אַ פּויערישע און ניט זעלטן אויך אַ שטאָטישע באַוועגונג, וואָס פלעגן קעמפן אין דעם נאָמען פון דער הייליקער ביבל און פלעגן זאָגן, אַז דער „אַלטער טעסטאַמענט" איז אַ סך וויכטיקער פאַר דעם מענטשנס רעליגיעז־עטישן לעבן, איידער דער נייער. („דיקונט, קוואָד לעגעס יודעאָרום מעליאָר עסט, קוואַם לעגעס קריסטיאַנאָרום"). „זיי (די אַלביגענזער) זאָגן, אַז דאָס געזעץ פון די יידן איז בעסער, איידער דאָס געזעץ פון די קריסטן". (ציטירט ביי סיודר אין זיין „איסטואַר דיו קאָמיוניזם"). אַנטקעגן די אַלביגענזער איז געפירט געוואָרן אַ יאָרנלאַנגער קריג. אין „קרייצצוג" אַנטקעגן זיי האָט געדויערט צוואַנציק יאָר און האָט אויסגעראָטן 25,000 אַלביגענזער.

די אַלביגענזער האָבן געהאָלפן אַרויסברענגען די וואַלדענזער, וועלכע זיינען באַשטאַנען דער עיקר פון וועבער. דעם קאָמוניזם האָבן די וואַלדענזער באַטראַכט פאַר אַ הייליקן צושטאַנד, וואָס איז ניט קיין חוב פאַר יעדן איינעם. פון זיי שטאַמען אָפּ די „אַפּאָסטל־ברידער", וואָס דרינגען שוין אַריין אין דעם פערצנטן יאָרהונדערט. דער קאָמוניזם איז פאַר זיי דער נייטיקסטער פאָרבאַדינג פאַר דער העכסטער מאָראַלישער מדרגה. צו די וואַלדענזער האָט אויך געהערט דאָלטשינאָ, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון יאָאַכים פון פיאָרע. ער האָט געהאָפט אויף אַ משיח פון קעניגלעכער געבורט, וואָס וועט איינפירן דעם קאָמוניזם אין דעם נאָמען פון די נביאים און די אַפּאָסטעלן. ניט דערוואַרטנדיק זיך אויף אים, האָט

דאַלטשינאַ אויפגעהויבן אַן אויפשטאַנד, צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען מאַסן פויערים. אויך פרויען האָבן געקעמפט אין זיין אַרמיי. זייער אידעאַל איז געווען דער שטרענגער קאָמוניזם און די ווייבער־געמיינשאַפט.

פון דרום־אייראָפּע (פראַנקרייך און איטאַליע) וואַרפט זיך די באַוועגונג אַריבער קיין צפון, קיין נידערלאַנד (האָלאַנד) וואָס איז נאָך געווען פאַר־בונדן מיט דייטשלאַנד. דאָרטן קומען אויף די „בעגהאַרדן" („פּיקאַרדן") פון די פאַרשיידנסטע ריכטונגען. צו זיי געהערן די „וועבער־ברידער", די אַפּאָסטאָליקער און די „ברידער פון אַ געמיינשאַפטלעכן לעבן". זיי אַלע האָט מען באַשולדיקט אין דער „כיליאַסטישער" אַפּיקורסות. זיי אַלע האָבן געלעבט אין קאָמוניסטישע פּראָדוציר־און־פאַרברויך־קהילות. זיי אַלע זיינען שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן. די לעצטערע ריכטונג האָט זיך אָבער געקאָנט דערהאַלטן ביז צו דעם מיטן פון דעם זעכצנטן יאָרהונדערט. צו די בעגהאַרדן רעכנט מען אויך צו די פּאַנטעאיסטיש־קאָמוניסטיש־אַנאַר־כיסטישע סעקע, „די ברידער און שוועסטער פון פרייען גייסט", וועלכע מיר האָבן דערמאָנט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

פון נידערלאַנד פאַרטראָגן די וועבער די באַוועגונג קיין ענגלאַנד, וואו זי ווערט באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „לאָלאַרדן". אין דער „לאָלאַרדיע" איז דאָס באַשאַפן געוואָרן דער באַרימטער פערז: „ווען אדם האָט געאַקערט און חוה האָט געשפּונען פּיין, וואו האָט דאַ געקאָנט אַן אידלמאַן זיין?"

זייער גייסטיקער פירער, דזשאָן באָל, האָט אין אַ רעדע זיך אַזוי געווענדט צו זיינע צוהערער: „ליבע לייט, אין ענגלאַנד וועט דאָס ניט בעסער ווערן, ביז עס וועט ניט אַלץ אַריבער אין געמיינשאַפטלעכן אייגנ־טום; ביז מיר אַלע וועלן ניט ווערן גלייך און די האַרן ניט מער פאַר אונדז... פאַרוואָס האַלטן זיי אונדז אין קנעכטשאַפט? מיר שטאַמען אַלע אָפּ פון גלייכע עלטערן, פון אדם און חוה". די „לאָלאַרדיע" איז אויס־געראָטן געוואָרן מיט פייער און שווערד.

די באַוועגונג רייסט זיך פון ענגלאַנד דורך קיין צענטראַל־אייראָפּע — קיין בעהמען און דייטשלאַנד. אין דעם פופצנטן יאָרהונדערט קומען אין בעהמען אויף די הוסיטן, אַ מער קירכלעך־רעפאָרמיסטישע באַוועגונג אַנטקעגן דעם קאַטאָליציזם, איידער אַ סאָציאַל־עטישע. אָבער די העכסטע מאָראַל, האָבן זיי געגלייבט, פאַרלאַנגט אַ לעבן אין אָרעמקייט. אָט די מדרגה איז אָבער ניט פאַר אַלעמען, נאָר פאַר די אמתע תלמידים פון ישו. שאַרף קאָמוניסטיש און רעוואָלוציאָנער ווערט די באַוועגונג, ווען זי פאַר־וואַנדלט זיך אונטער בעגהאַרדישע און לאָלאַרדישע איינפלוסן אין דער טאַבאָריטישער, — אַ באַוועגונג וואָס איר מאַיאָריטעט איז באַשטאַנען פון

וואַל־וועבער. זיי האָבן געבילדעט אַן אייגענעם קריגעריש־קאָמוניסטישן שטאַט, מיט דערפֿער און באַפֿעסטיקטע שטעט, אַנטקעגן וועלכן עס האָט געפֿירט אַ מלחמה האַלב אייראָפּע.

דער נאָמען „טאַבאָריטן" האָט געשטאַמט פֿון אַ באַפֿעסטיקטער שטאָט אויף אַ באַרג, וועלכן זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „הר תבור". דער שטאָט, ווי די איינצלנע קהילות, זיינען געפֿירט געוואָרן העכסט דעמאָקראַטיש. אויף זייערע פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אַ 40,000 מענטשן. אויך אין זייער רעליגיעזער רעפֿאָרם זיינען זיי געווען העכסט ראַדיקאַל, אָפּלייקע־נענדיק קירכן און איקאָנעס. ניט קוקנדיק אויף זייער אמתן, התלהבותדיק־רע־ליגיעזן גלויבן, האָבן זיי אָבער אָפּגעלייקנט אויך די פֿאַמיליע, ווי דעם יסוד פֿון פּריוואַט־אייגנטום, און איינגעפֿירט די געמיינשאַפֿט פֿון ווייבער. צו די טאַבאָריטן האָבן אויך געהערט די ווידער אויפֿגעקומענע „ברידער און שוועסטער פֿון פֿרייען גייסט", וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט. זיי האָבן זיך אויך גערופֿן „אַדאַמיטן", געשטרעבט צו לעבן ווי אדם און חוה אין גן־עדן און פֿלעגן אומגיין נאַקעט. די אַלגעמיינע טאַבאָריטן האָבן שפּעטער אַליין געררודפֿט אָט די ריכטונג.

די טאַבאָריטן האָבן געחלומט איינצונעמען די גאַנצע וועלט און אומע־טום דורכפֿירן זייער נייעם אַרט לעבן. גלייבנדיק, אַז די טויזנט־יאָריקע „מלכות שמים" איז שוין אָנגעקומען אויף דער וועלט, האָבן זיי דורך זייערע עמיסאַרן, דרשות און שריפֿטן געפֿאָדערט פֿון אַלעמען, מען זאָל אָנהייבן לעבן, ווי „גלייכע ברידער און שוועסטער". „ווי אין דער שטאָט תבור איז ניטאָ קיין מיין און דיין, נייערט אַלץ איז אינאייגעמדיק, אַזוי זאָל דאָס זיין אומעטום" — האָבן זיי געפֿאָדערט. ווער עס פֿאַרמאָגט אַן אייגנ־טום פֿאַר זיך, באַגייט אַ טויט־זינד. קיסרים ווערן אָפּגעשאַפֿט. גאָט אַליין דאַרף זיין דער הערשער. די האַרן, איידללייט און ריטער דאַרפֿן אויסגע־ראָט ווערן, ווי ווילד גראָז.

נאָך אַ שאַרפֿן לאַנגיאָריקן קריג זיינען די טאַבאָריטן באַזיגט געוואָרן. די פּויערים, וועלכע האָבן זיך באַפֿרייט אין דעם אָנהייב פֿון פֿופֿצנטן יאָרהונדערט, זיינען נאָך דעם זיג איבער די טאַבאָריטן ווידער אַריינגעפֿאַלן אין קנעכטשאַפֿט.

.8

טאָמאַס מיונצער, די „אַנאַבאַפּטיסטן" און די „לעוועלער"

די באַוועגונג פון די בעהמישע רעליגיעזע קאָמוניסטן האָט זיך ניט באַגרענעצט נאָר מיט די טאַבאָריטן און די נאָך ראַדיקאַלערע „ברידער און שוועסטער פון פרייען גייסט". מיר מוזן אָבער אַריבערהיפּן די אַנדערע סעקטעס, געהיימע געזעלשאַפטן און איינצלנע דענקער, ווייל זיי טראָגן ניט אַריין קיין נייעס אין דעם רעליגיעזן סאָציאַל־עטישן איינשטעל.

וואָס עס איז אמת פאַר די שוין אַנגעמערקטע ריכטונגען, איז אויך אמת פאַר זיי. אייניקע פון די זיינען געווען מער קאָמוניסטיש, אַנדערע ווייניקער. אייניקע האָבן געהאַלטן פון קריג און אויפשטאַנדן, כדי צו פאַרווירקלעכן די „מלכות שמים", די אַנדערע, ווי דער דענקער כעלטשיצקי, האָבן אָפּגעלייקנט שטאַט, שטאַטיש לעבן, יעדן אַרט האַנדל, און דער עיקר —יעדן מין צוואַנג, ווי די גרעסטע זינד. נאַטירלעך האָבן זיי געמוזט אויך אָפּלייקענען יעדעס בלוט־פאַרגיסן, יעדן קריג און אויפשטאַנד, ווי הייליק עס זאָלן ניט זיין די צילן.

אויך פיל פון די קאָמוניסטישע באַוועגונגען אין דייטשלאַנד, דער עיקר אין דער צייט פון דער רעפאָרמאַציע און פון דעם גרויסן פּויערים־קריג, וועלן מיר מוזן פאַרבייגיין. נאָר איין קאַלירפולע פיגור, איין מאַן פון יענער צייט מוז דאָ אַרויסגעהויבן ווערן, ווייל ביי אים, מער ווי ביי וועמען אַן אַנדערן, איז געוואָרן וואָך דער גייסט פון די אַלטע יידישע נביאים און פון די רעוואָלוציאָנערע טיילן אין דעם תנ"ך.

מיר מיינען דאָ ניט קיין אַנדערן, ווי נאָר טאָמאַס מיונצערן, דעם שאַרפן קעמפער אַנטקעגן לוטערן און מעלאַנכטאָנען, וואָס האָבן אין זייערע רעליגיעז־רעפאָרמאַטאָרישע באַוועגונגען אויסגעלאָשן יעדן סאָציאַל־עטישן פונק און האָבן פאַרראַטן דעם גרויסן פּויערים־קריג. מען מעג מיונצערן באמת

באַטראַכטן, ווי דאָס טוט קאַוטסקי, פאַר דער גייסטרייכסטער פיגור פון יענער עפּאָכע.

מיונצער האָט זיך באַטראַכט אי ווי אַ נביא, ווי ירמיהו, אי ווי אַ באַפרייאונגס־קעמפער, ווי גדעון. אין זיין אויפרוף צום קריג, בעת ער איז געשטאַנען אויף דער שפּיץ פון אַ קאָמוניסטישן אויפשטאַנד, האָט ער זיך אונטערגעשריבן „טאָמאַס מיונצער מיט גדעונס שווערד". אויף ירמיהון האָט ער געשריבן אַ פּירוש, און האָט זיך פאַרטיידיקט אַנטקעגן דעם פאַרוואורף, ער זאָל האָבן דערביי אָפּגעשריבן יאָאַכים פון פיאָרע. אַ באַזונדערן פּירוש האָט ער אויך געשריבן אויף דעם אַזוי הויך געטראַגענעם קאַפּיטל 19 פון תהילים („השמים מספרים כבוד אל"), וואו עס קומט פאַר אויך אַזאַ מין ריין סאָציאַל־עטישער פּסוק: „גם מזדים חשוך עבדיך, אל ימשלו בי; אז איתם ונקיתי מפשע רב". (אויך פאַרמייד (באַהיט) דיין קנעכט פון בייזוויליקע, זיי זאָלן ניט הערשן איבער מיר; דעמאָלט וועל איך ווידער ווערן גאַנץ און ריין פון זינד אַ סך). ער האָט אויך דעם גאַנצן ספר תהילים איבערגעזעצט אין דייטש, ניט לויט די ווערטער, נאָר לויט דעם זין, ווי ער האָט אים פאַרשטאַנען. אַלע זיינע שריפטן און פּרידיקן זיינען געווען פול מיט ציטאַטן פון די נביאים. ער שרייבט אויך אַ פּירוש אויף דעם צווייטן קאַפּיטל דניאל מיט דעם חזיון פון דעם קאָלאָס אויף די ליימענע פיס, וואָס ווען ער וועט צעשטערט ווערן, וועט גאָט פון הימל אויפבויען אַן אייביק קעניגרייך. אין זיין שאַרפער סאַרקאַסטישער פּאָלעמיק אַנטקעגן לוטערן באַרופט ער זיך אויף יחזקאל כ"ז מיט דעם חזיון פון דעם טאָל, פול מיט ביינער, וואָס ווערן ווידער לעבעדיק; ווי אויך אויף דניאל ז'. ער וואָרנט לוטערן: „דו ווילסט אונטער דעם נאָמען פונעם משיח בלייבן אַ געצנדינער און זיך צודעקן מיט פּאַולן. מ'וועט דיר אָבער פאַרלויפן דעם וועג"...

דעם „וועג פאַרלויפן" האָט זיך אָבער מיונצערן ניט איינגעגעבן. ווי אַלע קאָמוניסטישע אויפשטאַנדן פון יענער צייט, איז אויך מיונצערס דערטרונקען געוואָרן אין בלוט. אָבער זיין גייסט האָט נאָך אַ היפּשע צייט ווייטער געלעבט אין די געהיימע געזעלשאַפטן און אין די אויסגעבראָכענע אויפשטאַנדן.

די שפּעטערע קאָמוניסטן פון אַט דעם רייך־רעליגיעזן פּעריאָד האָבן איבערגעזעצט די ביבל אין פאַרשיידענע שפּראַכן און זי פאַרשפּרייט צווישן די מאַסן. אונטער איר איינפלוס האָט דער קאָמוניסט העצער אָפּגעלייקנט קריסטוסעס געטלעכקייט: ער איז פאַר אים ניט קיין גאָט, אפילו ניט קיין נביא, נאָר אַ לערער. וועגן גאָט שרייבט העצער אין אַ ליד:

איך בין אַליין דער אייביקער גאָט,
וואָס אַלץ אַן הילף באַשאַפן האָט.
איז — וויפיל דינען מיר, וועז פרעגסט דערביי?
— איך בין אַליין, איין־איינציקער, ניט דריי״.

אַן אַנדער, זייער געלערנטער קאָמוניסט פון יענער צייט, לאַנגענמאַנטעל, דרינגט אַרויס דעם קאָמוניזם פון „גאָטס העכסטן געבאָט״, דעם „ואהבת לרעך כמוך״, די ליבע צו יעדן מענטשן.

אַלע אָט די איינפלוסן און שטרעמונגען פון די וואַלדענזער, די בעג־האַרדן, די טאַבאָריטן, טאָמאַס מיונצער און די שפּעטערע קאָמוניסטן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין דעם גראַנדיעזן אויפשטאַנד פון די קאָמוניסטישע אַנאַבאַפּטיסטן, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם שניידער יאָאַן פון לײַדען. זיין דעמאָקראַטיש־קאָמוניסטיש קעניגרייך אין דער שטאָט מיונסטער האָט געטראָגן דעם נאָמען דאָס „קעניגרייך ציון״. דאָס פאָלק האָט געהייסן „די צוועלף שבטים פון ישראל״. דער מיליטערישער קאָמאַנדיר פון דער שטאָט האָט געהאַט דעם טיטל „דער מלך פון ישראל״. פאַר זיך אַליין האָט יאָאַן געלאָזן דעם עניוותדיקן ראַנג „דער מלך פון דער וועלט״...

אַן אַלוועלטלעכע, לויט איר ציל, אַן אוניווערסאַל־משיחישע באַוועגונג איז געווען דער אַנאַבאַפּטיסטן־אויפשטאַנד — אַזאַ רייכער אין סאָציאַלער עטיק און מאָראַל, אָבער אויך אַ ניט ווייניקער רייכער אין טראַגישע עפּיזאָדן פון דעם סאָציאַליסטישן מאַרטירערטום.

אַ גרויסע ראָליע ניט נאָר אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם, נאָר אויך אין דער אַלוועלטלעכער געשיכטע האָבן געשפּילט די לעוועלער (די „גלייכמאַכער״) שוין אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, אין דער צייט פון דער ענגלישער רעוואָלוציע. דער ראַדיקאַלער פליגל זייערער איז אויך געווען קאָמוניסטיש און אין דער זעלביקער צייט ביבליש־רעוואָלוציאָנער. אויך דידאַזיקע באַוועגונג איז געווען רייך אין איינצלנע פירערס און קאַלירפולע עפּיזאָדן, ווי די געשיכטע פון יעדן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. אָבער קיין בייע מאָמענטן אין דער פאַרבינדונג פון סאָציאַליזם און מאָראַל טראָגט זי ניט אַריין. באַמערקט דאַרף ווערן, אַז דער וועלטלעכער מאָמענט פון שטרענגער פּאָליטישער דעמאָקראַטיע שפּילט שוין ביי די „לעוועלער״ אַ גרעסערע ראָליע, איידער דער רעליגיעזער קאָמוניזם. פון זיי ציען זיך היסטאָרישע פעדעם ביז אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט און ביז צו דער ריין־וועלטלעכער טשאַרטיסטן־באַוועגונג, מיט דעם איבערוואָג פון שטרעבונגען צו פּאָליטי־

שער פרייהייט און ראַדיקאַלער דעמאָקראַטיע איבער די פּראָבלעמען פון סאָציאַלער גלייכהייט און געמיינשאַפטלעכקייט.

די לעוועלער האָבן געווירקט אין אַ צייט, ווען דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט זיך שוין איינגאַנצן געקאָנט באַפרייען פון זיין טעאָלאָגישן פּעריאָד. זיין ערשטן שריט אויף דעם נייעם, רייך־וועלטלעכן וועג האָט געמאַכט טאָמאַס מאָר (1480—1535) מיט דעם ווערק „אוטאָפּיאַ״ אָדער „וועגן דעם בעסטן שטאַט״, — אַ ווערק, וואָס האָט שוין געשפּילט אַ ראָליע ביי די טעאָרעטיקער פון דער לעוועלער־באַוועגונג. אויב ניט כראָנאָלאָגיש, זיי־נען די לעוועלער לאָגיש געווען דער איבערגאַנג פון דעם טעאָלאָגישן צו דעם וועלטלעכן פּעריאָד אין דער סאָציאַליסטישער קולטור־ספערע.

אין דער לעוועלער־באַוועגונג האָט שוין ניט די אויבערוואָג יענע גייסטיקע ספערע, אין וועלכער עס האָבן געלעבט און געאָטעמט די סאָציאַ־ליסטישע דענקער, סעקטעס און אויפשטאַנדן פון דעם צוועלפטן ביז דעם זעכצנטן יאָרהונדערט. שטרענג קאָמוניסטיש אָדער מער־וויניקער סאָציאַ־ליסטיש; מיט דער שאַרפסטער „טהרת המשפחה״ אָדער מיט „ווייבער־גע־מיינשאַפט״, צי גאָר מיט דער פרייסטער „פרייער ליבע״; אַנדערקענט דעם שטאַט אָדער קאָנסעקווענט אַנאַרכיסטיש; מיליטאַנטיש־רעוואָלוציאָנער, צי פּאַציפיסטיש — איבער זיי אַלע האָט זיך געטראָגן דער רעליגיעזער גייסט פון דער ביבל, דער גייסט פון אַן עמוס, אַ ירמיהו און יחזקאל, דער „באחרית הימים״־גייסט פון אַ מיכה און אַ ישעיהו. זיי אַלעמען האָט געוואָרעמט די כיליאַסטישע האָפענונג פון אַ „נייער ירושלים״, פון דניאלס „מלכו דלעלמין״ און פון „יוחננס אַנטפּלעקונג״. פאַרגעהערשט האָט דער אידעאַל פון אָרעמקייט, פון דעם „אביונימשן״ איינשטעל, ווייל „אין זאת חרפּתנו, כי אם תהילתנו״.

דאָס איז געווען דער פּראָטעסט און דער רעוואָלט פון די אונטער־דריקטע אַרבעטער־פּלאַסטן און פון דער אידל־מענטשלעכער אינטעליגענציע אַנטקעגן דעם פעאָדאַלן און קאַטויליש־קירכלעכן רעזשים, אַנטקעגן דעם „אידלמאַן״ מיט דעם מלך בראש און דער „גייסטלעכקייט״ מיט דעם פּויפּסט בראש; אַנטקעגן אַלע זייערע רעליגיעז־מאָראַלישע הייליקייטן.

די לעוועלער פון דער ענגלישער רעוואָלוציע פון 1648 האָבן שוין אָבער געלעבט אין אַ צייט פון דעם באַגינענדיקן קאַפּיטאַליזם, פון זיינע טריאומפן איבער דעם פעאָדאַל־מאָנאַרכישן רעזשים; אין דער צייט, ווען עס האָט זיך גענומען אויסבילדן אַן אייגענע בורזשואַזע מאָראַל, אַ רייך־וועלטלעכע. אויך דער פּראָטעסט פון די מאַסן און דער זיי טרייער אינטע־ליגענציע, ווי די האָפענונגען און די חלומות וועגן אַ בעסערער צוקונפט—האָבן

שוין געגומען טראָגן אַ ריין־וועלטלעכן כאַראַקטער. די רעליגיעז־קאָמר־ניסטישע און האַלב־קאָמוניסטישע סעקטעס, באַוועגונגען און געהיימע געזעל־שאַפטן זיינען ניט פאַרשוואונדן ביז טיף אין אונדזער אייגענער צייט אַריין (די קאָמוניסטישע סעקטעס אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד!). אָבער די שטייען אינגאַנצן אָן אַ זייט פון דער זיך אַנטוויקלענדיקער סאָציאַליסטישער קולטור־ספערע.

דער סאָציאַליזם־קאָמוניזם ווערט וועלטלעך און טרעט קודם אַריין אין זיין אַזוי־אָנגערופענעם אוטאָפּיסטישן פּעריאָד. דעם אָנהייב מאַכט, ווי געזאָגט, טאָמאַס מאָר מיט זיין „אוטאָפּיע”. אָבער אויך דער גאַנצער אוטאָפּיסטישער פּעריאָד איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיף־מאָראַלישן גייסט און באַוואוסטזיין, אָבער אַ ריין־וועלטלעכן, ריין־מענטשלעכן, אפילו ווען ער רעדט אינאיינעם מיט סען־סימאָנען אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט וועגן אַ „נייעם קריסטנטום”.

דאָס טרעט שוין אַרויס קלאָר אין דער ערשטער „אוטאָפּיע”, וואו עס ווערט געמאַכט, אין נאָמען פון דער גערעכטיקייט, דער ערשטער שאַרפער אָנפאַל אויף דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע. די „אוטאָפּיע” איז גע־שריבן אין דער פאָרם פון אַ געשפּרעך צווישן דעם מחבר און איינעם אַ פּאָרטוגעזער, היטלאָדעאוס, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פון אַ נאָך ניט באַקאַנטן נייעם אינדזל, וועלכן ער רופט אָן „אוטאָפּיאַ”, — דאָס הייסט: „די ערגעץ־ניט”.

גלייך אין אָנהייב פונעם געשפּרעך דערקלערט אים היטלאָדעאוס: „אָפן גערעדט, דוכט מיר בלי שום ספק, אַז וואו עס הערשט פּריוואַט־אייגנטום, וואו געלט איז אַלעמענס מאָסשטאַב פאַר אַלץ, איז שווער, נאָכמער, כמעט אוממעגלעך, אַז די געזעלשאַפט זאָל פאַרוואַלטעט ווערן גערעכט און זאָל קאָנען בליען און וואַקסן. סיידן מען זאָל אָנבעמען פאַר גערעכטיקייט, ווען אַלדאָס גוטס פאַלט אויס אויף דעם גורל פון די שלעכטע, אָדער אַז וואַקסן און בליען קומט פאַר דעמאָלט, ווען אַלץ געהערט צו אַ קליינער צאָל — און אויך זי פילט זיך ניט צום בעסטן — בעת אַלע אַנדערע פירן אַ באמת־עלנטע עקזיסטענץ”.

די אוטאָפּיער לעבן קאָמוניסטיש. זיי אַרט ניט אין וואָס איינער גלייבט, אָדער גלייבט ניט. זיי זיינען אויך ניט קיין אָנהענגער פון דעם אָרעמקייט־אידעאַל. דריי אַנדערע ריין־„וועלטלעכע” אידעאַלן ווערן אַרויסגערוקט אין פראַנט: גליק, עשירות (די פולסטע מאָס פון מאַטעריעלע גיטער) און די פולסטע גלייכהייט. מיט נאָר אַ פּאָר געזעצן האָבן די אוטאָפּיער דער־

גרייכט, אַז „יעדער מענטש לעבט אין איבערפול, הגם קיינער האָט ניט מער פאַר די אַנדערע״.

מיר וועלן זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט דער אויסמאָלונג פון דער „אוטאָפּיע״. אויך די קליין־מאָלעריי פון די אַנדערע גרויסע אוטאָפּיסטישע דענקער וועלן מיר לאָזן אָן אַ זייט. פאַר אונדז איז וויכטיק צו כאַראַקטע־ריזירן וואָס די גרויסע אוטאָפּיסטן פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט האָבן אויפגעטאָן פאַר דעם אויפבוי פון אַ סאָציאַליסטישן מאָראַלישן באַוואוסטזיין, אַ פאַרשיידענעם, סיי פון דעם פעאָדאַל־אַריסטאָקראַטישן, סיי פון דעם בורזשואַזן סיסטעם פון מאָראַלישע ווערטן. צוליב דעם וועלן מיר זיך מוזן אַביסל אָפּשטעלן אויף אָט דער רייך־בורזשואַזער מאָראַל.

9.

די בורזשואַזע מאָראַל

די קערנדלעך פון די אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַלישע ווערטן, ווי אמתדיקייט, ערלעכקייט, גוטהאַרציקייט צו דעם אָדער יענעם ענגערן אָדער ברייטערן קרייז, און באַגריפן פון מענטשלעכער חשיבות געפינען זיך שוין ביי די גאָר ווילדע פעלקער. נאָך שטאַרקער און פיל־פאַרצווייגטער האָבן זיך יענע קערנדלעך פונאַנדערגעוואַקסן אין די אַלטע ציוויליזאַציעס פון מצרים, בבל, יהודה, גריכנלאַנד און רוים. אין יהודה (ארץ ישראל) איז צו דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל צוגעקומען, אַ דאַנק די נביאים, די ספעציפישע, שוין אַ כמו קלאַסן־מאָראַל פון די אונטערדריקטע, אויסגע־זויגענע אַרבעטאַרישע מאַסן: גערעכטיקייט און מענטשנליבע — די „שקלאַפן־מאָראַל" פון די שוואַכע, ווי די אָנהענגער פון ניטצשע רופן אָן דעם יודאַ־איזם און דאָס קריסטנטום, להיפך צו דער „האַרן־מאָראַל" פון די שטאַרקע. עס ליגט אַ שטיק אמת אין ניטצשעס בליק.

אין דער אמתן נעמט יעדער געזעלשאַפטלעכער קלאַס אויף די אַלגע־מיין־מענטשלעכע מאָראַל אויף זיין שטייגער, טראָגט אַריין זיינע הגהות צו איר, באַרייכערט זי מיט נייע צוגאָבן אָדער מיט דעם אָדער יענעם אָראָפּנעם פון איר, — אַלץ כפי דעם אידעאַל פון מענטשלעכער חשיבות, וואָס אַרבעט זיך אויס ביי דעם געגעבענעם קלאַס, אין דער ערשטער ליניע, אַ דאַנק זיין עקאָנאָמישער ראַליע אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, זיין לאַגע אין אים, זיינע ספעציעלע קלאַסן־אינטערעסן און זיין קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַלץ אָט דעם.

די אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל זיינען די גרונט־מאָטיוון, וואָס יעדער קלאַס שפּילט אויס אין זיינע אייגענע וואַריאַציעס. מיר זיינען פריער באַ־קאַנט געוואָרן מיט דעם סיסטעם פון מאָראַלישער חשיבות, וואָס האָט זיך אויסגעבויט אין דעם הערשנדיקן פעאָדאַל־קירכלעכן רעזשים — אַ מאָראַל־סיסטעם, וואָס איז באַקעמפט געוואָרן אין דעם נאָמען פון דער נביאימשער,

איסיימשער און יידיש־קריסטלעכער „שקלאַפן־מאָראַל“ אין דעם משך פון דעם צוועלפטן ביז דעם זעכצנטן יאָרהונדערט. מיר דאַרפן איצטער וואַרפן אַ בליק אויף דעם בורזשואַזן סיסטעם פון דער מענטשלעכער חשיבות, ווי ער האָט זיך שוין קלאָר אָנגעמערקט אין דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, דער עיקר אין ענגלאַנד. דאָ האָבן מיר אייגענע „הייליקטימער“ און „מאָראַלישע חשיבותן“, וואָס זיינען אין אַ סך פונקטן געווען דער היפוך פון דער פעאָ־דאַל־אַריסטאָקראַטישער מאָראַל און אין אַ סך פונקטן זיינען זיי זיך היפש פונאַנדערגעגאַנגען מיט איר.

אין דער ערשטער ליניע דאַרף מען דאָ אָנמערקן דעם ביטול צו ליידיק־גייערײ, וואָס די אַריסטאָקראַטיע האָט זיך געקאָנט פאַרגינען. אין אָט דעם פּרט איז די בורזשואַזע מאָראַל געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט דער מאָראַל פון די אונטערדריקטע אַרבעטאַרישע מאַסן. אַ חשובער מענטש איז דער, וואָס איז באַשעפטיקט אין פּראָדוצירן און פאַרשפּרייטן מאַטעריעלע אָדער גייסטיקע גיטער, — דער וואָס „טוט עפּעס“ כדי צו באַפרידיקן די הצטרכותן פון אַ מענטשלעכן לעבן.

דערנאָך איז דאָס געווען אַ פּראָטעסט אַנטקעגן יענער חשיבות, וואָס קומט פון אַ יחוסדיקן אָפּשטאַם. די חשיבות פון אַ מענטשן דאַרף געמאָסטן ווערן לויט זיין יחוס־עצמו, לויט זיין אינדיווידועלן אויפטו, אַ ניצלעכן פאַר דער געזעלשאַפט. עס ווערט דאָ געבוירן דער אידעאַל פון אינדיווידואַליטעט, פון יעדן איינעם, וואָס שמידט זיין אייגענעם גורל. דער „יחיד“ באַפרייט זיך דאָ פון דער געבונדנקייט צו יענעם קיבוץ, צו וועלכן ער געהערט. ער דינט נאָר זיך אַליין. און אַפילו ווען ער יאָגט זיך צו זיינע צילן מיט דעם אומברחמנותדיקסטן עגאָאיזם, דינט ער אומבאַוואוסטזיניקערהייט דער גאַנ־צער געזעלשאַפט. דעם יחידס עוולות זיינען דאָס רוב טובות פאַרן כלל.

אַ געוואַלטיק־וויכטיקע קאַרעקטור צו דער פעאָדאַלער מאָראַל ווערט אַריינגעטראָגן אין דער שטעלונג צו פּריוואַט־אייגנטום. זיין חשיבות איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין דער בורזשואַזער מאָראַל. אָבער דאָס מאָל איז דאָס שוין ניט געווען נאָר ערד־באַזיץ. עס איז אָראָפּגענומען געוואָרן די מאָראַלישע, היפּאָקריטישע חרפה פון דעם געלט־באַזיץ. אדרבה: די עובדא פון פאַרדינען געלט איז אויפגעהויבן געוואָרן צו אַ גרויסער חשובער מדרגה. אָנגעמאָסטן צו דער הויכער סאָציאַלער חשיבות פון דעם אינדוסטריעלן און דעם האַנדלס־קלאַס, צו וועלכן אויך די יידן האָבן געהערט.

ווען קאַרל מאַרקס האָט אין זיין יוגנטשריפט אויפגעוויזן, אַז די בור־זשואַזע וועלט האָט זיך באַקערט צום „יודנטום“, וויל אויך זי בוקט זיך צום דעמזעלביקן „גאָט“ ביידנס, דעם געלט, האָט ער געהאַט אין זינען

גראַד אַט דעם איבערקער אין דער הערשנדיקער מאָראַל. עס איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער רעספּעקט פאַרן האַנדל, ווי אַ פונקציע פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, — אַ פונקציע, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן פון די איסיים, די אביונים, די ערשטע קריסטן, און פון פילע קאָמוניסטישע סעקטעס.

וויכטיק אָבער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם נייעם מאָראַלישן לעבנסבאַנעם איז געוואָרן די גלאָריפיצירונג פון רייכטום. די אָרעמקייט האָט פאַרלאָרן יעדן מאָראַלישן חן, מיט וועלכן זי איז געווען ארומגערינגלט ביי דאָס רוב קאָמוניסטישע ריכטונגען, און האָט ריין־טעאָרעטיש געהערט אויך צו די חשיבותן פון דער קריסטלעך־פעאָדאַלער מאָראַל. דערמיט איז אויך אָראָפּגעזונקען געוואָרן די חשיבות פון צדקה, די זאָרג פאַרן אָרעמאַנס לעבן און געזונט. דאָס ביסל געזעלשאַפטלעכע סאָלידאַריטעט און געמיינשאַפטלעכקייט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן אין דעם קאַטויליש־קריסטלעכן מאָראַלישן באַנעם, איז פאַרשוואונדן פון דער ריין־בורזשואַזער מאָראַל. אַנשטאָט דער געמיינשאַפטלעכקייט איז אויף דעם טראָן אַוועקגעזעצט געוואָרן דער יחיד, דער פרייער, עקאָנאָמיש־קעמפנדיקער אינדיווידואַליזם, וואָס שמידט זיין אייגענעם גורל מיט דעם האַמער פון זיין אונטערנעמערישן גייסט. און דער וואָס איז אַ שלעכטער שמיד, מעג אים נעמען דער רוח. קיין מאָראַלישער חוב צו העלפן אייגעם אין זיין נויט איז ניטאָ.

אויף אַ העכסט כאַראַקטעריסטישן אופן איז אַט דער מאָראַלישער שטריך (איך זאָג בפירוש „מאָראַלישער", ניט „אַנטי־מאָראַלישער", ווייל ער האָט געהערט צו די אידעאַלן פון דער בורזשואַזיע) — אַט דער שטריך, זאָג איך, איז אַם בולטסטן אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין טאַלייראַנס ענטפער צו זיין סעקרעטאַר, וואָס האָט זיך באַקלאָגט, אַז פון זיינע שכירות קען ער ניט לעבן. „איך זע ניט איין די נייטיקייט פון אייער לעבן" — האָט אים דערויף קאַלט געענטפערט דער באַלעבאָס. און שוין גאָר אין אונדזערע צייטן, ווען מען האָט אויף אַ רעגירונגס־פאַרהער געפרעגט מאָרגאַנען, צי ער גלייבט, אַז אַן אַרבעטער קאָן לעבן מיט ניין דאָלאַר אַ וואָך, האָט דער כהן־גדול פון דער בורזשואַזיע קאַלט געענטפערט: „אויב ער נעמט דאָס אָן, מסתמא קאָן ער"...

אַ רעכט צו לעבן האָבן נאָר די יחידים, וואָס קאָנען דורך זייער אייגענעם אויפטו זיך באַשאַפן מיטלען צום לעבן. „מיטלען" הייסט אין דער ערשטער ליניע געלט. אין מאָראַלישער חשיבות דאַרף דעריבער שטיין דער מענטש, וואָס „מאַכט געלט". דער אַמעריקאַנער גולד האָט פאַרזאָגט זיינע קינדער: „מאַכט געלט! אויב איר קאָנט, מאַכט דאָס אויף אַן ערלעכן

אופן. אָבער סיי־ווי — מאַכט געלט". און דער אַמעריקאַנער ראָקפעלער האָט אַמאָל בפירוש דערקלערט: „געלט מאַכן איז אַ רעליגיעזער געבאָט".

עס איז זייער וויכטיק צו געדענקען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ געוויסן מאָראַלישן איינשטעל. דער קאָנסעקווענטער בורזשואַ איז אין זיך מאָראַלישן געוויסן געוועזן טיף איבערצייגט, אַז דער וואָס מאַכט געלט, איז זייער אַ חשובער מענטש (וכל המרבה, הרי זה משובח!) און אַז אַלע דאַרפן קוקן אויף אים מיט דעם גרעסטן רעספעקט.

אין דעם היסטאָרישן הינטערגרונט פון אָט דעם געלט־קולט זיינען אָבער געשטאַנען שוין גאָר געהויבענע און חשובע זאַכן: באַפרייען דעם אינדיווידואום פון אַלע קייטן, וואָס אויף אים האָט אַרויפגעלייגט דער פעאָדאַל־קירכלעכער רעזשים; אַנטוויקלען די פּראָדוציר־כוחות דורך „געלט, וואָס איז טראָגעדיק מיט מער געלט", אַריינצוציען דורך דעם געלט־ברענ־גענדיקן וועלט־האַנדל די גאַנצע וועלט אין איין עקאָנאָמישער באַלעבאַטיש־קייט; די ווערט־שאַצונג פון רייכטום, דער עיקר, מאַטעריעלן, ווי אַ זייער חשובן מענטשלעכן לעבנס־ציל. איז מאַטעריעלער רייכטום נאָר אַ בורזשואַ־זער אידעאַל? — ניין! דאָס איז אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער אידעאַל, פאַר וועלכן די בורזשואַזיע האָט זיך איינגעשטעלט מיט אַ באַזונדערער קראַפט.

אין ענגן צוזאַמענבונד מיטן קולט פון פּריוואַט־אייגנטום און געלט — די הערשנדיקסטע פאָרם פון רייכטום אין אַ ניט־סאָציאַליסטישער געזעל־שאַפט — איז אויך געשטאַנען די פאַרגרעסערטע חשיבות פון דער איינצל־פאַמיליע, מיט דער פוריטאַנישער „טהרת המשפחה" און פון דעם עקאָנאָמישן ירושה־רעכט.

עס קאָן אויסדוכטן, ווי די בורזשואַזע מאָראַל וואָלט אינגאַנצן געוואָלט פטור ווערן פון דעם סאָציאַליסטישן עלעמענט און איבערלאָזן נאָר דעם אינדיווידועל־מאָראַלישן: די פאַרגעטערונג פון דער פרייער איינצל־פער־זענלעכקייט, וואָס קאָן אין קאַמף און פרייער קאָנקורענץ מיט אַנדערע אָנ־זאַמלען וואָס מער געלט־רייכטום פאַר זיך און דער אייגענער פאַמיליע.

אָבער דאָס דוכט זיך נאָר אַזוי. אין הינטערגרונט איז אויך דאָ גע־שטאַנען די געמיינשאַפט: דאָס מאָל אין דער פאָרם פון יענעם אידעאַל, וועלכן די בורזשואַזיע האָט אויפגעהויבן צו דער העכסטער הייך, דעם אידעאַל פון דעם אייגענעם פאָטערלאַנד. ניט געקוקט אויף דעם שטרעבן צו אַ וועלט־האַנדל, צו אַן אינטערנאַציאָנאַלן עקאָנאָמישן צונויפבונד פון אַלע פעלקער, איז די בורזשואַזע מאָראַל אין איר תוך נאַציאָנאַליסטיש און שאָוויניסטיש. דער קולט פון דעם אייגענעם פאָטערלאַנד פאַרנעמט אין איר דעמזעלביקן

פלאַץ, וואָס דער קולט פון דעם מאָנאַרך האָט געהאַט אין דער פעאָדאַל־קירכלעכער מאָראַל.

די גרייס פון דעם פאָטערלאַנד, זיין רייכטום, זיין קלינגענדיקער שם איבער דער וועלט, זיין דאָמינירנדיקע שטעלונג אין דעם וועלט־מאַרק — דאָס זיינען אַלץ ענינים פון גאוה העכסטער חשיבות אין דעם בורזשואַז־מאָראַלישן איינשטעל. אָט די אַלע ענינים קאָנען אָבער, לויט דעם בורזשואַזן באַנעם, דערגרייכט ווערן נאָר דורך דער פערזענלעכער יאָגעניש נאָך געלט־געלט־געלט; דורך דער מיליטערישער צוגעגרייטקייט צו אַ קריג פון יעדן פאָלקס־קינד. אין דעם אינעווייניקסטן לעבן, בנוגע צו די איינצל־קינדער פון דעם אייגענעם פאָלק, איז אָבער זיכער ניט ווייט פון אמת יענע כאַראַקטעריסטיק פון דער בורזשואַזער מאָראַל, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין די ווערטער: „יעדערער פאַר זיך און — כאַפּט דער רוח אַלע אַנדערע!״

דער בורזשואַז־מאָראַלישער באַנעם אין זיין ריינסטער פאָרם איז די פולע אָפּלייקענונג פון דעם סאָציאַליזם. און עס איז דעריבער קיין חידוש ניט, וואָס פון צייט צו צייט פלעגן נאָך פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789 ספּאָראַדיש אַרויסרייסן זיך סאָציאַליסטישע פּראָטעסטן אַנטקעגן איר. מיר האָבן דאָ אין אויג ניט נאָר די גרויסע קאָמוניסטישע באַוועגונגען, וואָס מיר האָבן פריער געשילדערט, נאָר אויך די איינצלנע „אוטאָפּיעס״ פון אַ טאָמאַס מאָר, אַ קאַמפּאַנעלאַ, אַ מאָרעלי און אַ מאַבלי.

מיט דעם סאָציאַל־עטישן איינשטעל פון מאָרס „אוטאָפּיע״ זיינען מיר שוין פריער באַקאַנט געוואָרן.

.10

די מאָראַל פון די אוטאָפּיסטן

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789 האָט פאַרזיכערט דעם טריאומף פון דער בורזשואַזיע און פון אירע מאָראַלישע אידעאַלן. ווען דער פעאָדאַלער רעזשים איז אין דער רעוואָלוציע צעשמעטערט געוואָרן, האָט זיך דער רעוואָלוציאָנערער אימפּעט פון דער בורזשואַזיע אויסגע־וועפּט. גראָד דעמאָלט האָט אין פראַנקרייך אויסגעבראָכן אַ רייך־קאָמוניסטישע באַוועגונג, וואָס טראָגט אין דער געשיכטע דעם נאָמען: „די פאַרשווערונג פון די גלייכע". איר פירער איז געווען באַבעף (1760—1797). די באַבור־וויסטן האָבן געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן, דורך אַן אַלגעמיינעם קאָמוניס־טישן לעבן, די פולסטע סאָציאַלע און עקאָנאָמישע גלייכקייט פאַר אַלע איינ־וואוינער פון דעם לאַנד. אויך אָט די באַוועגונג איז געפירט געוואָרן אין דעם נאָמען פון מאָראַלישע געבאָטן, אַנטקעגנגעזעצטע דעם בורזשואַזן וועלט־באַנעם. די באַבואוויסטישע באַוועגונג איז ביז גאָר וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, ווייל זי האָט ווידער אויפגעוועקט דעם סאָציאַליסטישן פּראָטעסט פון די מאַסן און ווייל אויך פון איר איז אַרויסגעפלאָסן יענער גרויסער סאָציאַליסטישער שטראָם, וואָס באַהערשט די באַוועגונגען פון די רעוואָלוציאָנערע מאַסן אין דעם נייַנצנטן און צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט.

אָבער פון אַ רייך־סאָציאַליסטיש־מאָראַלישן שטאַנדפּונקט טראָגט זי ניט קיין שום נייס און אין פיל פּונקטן פאַלט זי אַריין אין די פריערדיקע עפּאָכן פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, ביז צוריק צו די יידישע נביאים און דער יידיש־קריסטלעכער סעקטע פון די „אביונים". באַבעף האָט געפאָר־דערט די גלייכע פונאַנדערטיילונג פון דער ערד און פון אַלע גיטער צווישן אַלעמען. אָבער אויך אָט די גלייכקייט איז ביי באַבעפן געווען אַ גלייכקייט אין אָרעמקייט, ווי ביי די „אביונים".

אגב: צו די סאָציאַליסטישע דאָקומענטן פון דער רעוואָלוציע־צייט, וועלכע זשאָרעס שילדערט אין זיין גרויסער געשיכטע, געהערט אויך אַ

בראָשורע, וואָס האָט געהאַט צו איר מאָטאָ דעם פסוק פון תהילים ט׳, 19:
„כי לא לנצח ישכח אביון, תקות עניים תאבד לעד״ („ווייל ניט אויף אייביק וועט פאַרגעסן ווערן דער אביון, ניט אויף אייביק וועט פאַרלוירן גיין די האָפענונג פון די אָרעמע״).

אין אַן אַנדער דערקלערונג פון דער צייט, וואָס האָט געפאָדערט די גלייכע פאַרטיילונג פון דער ערד צווישן אַלעמען, ווערט בפירוש געזאָגט, אַז דער וואָס האָט צוויי מיילער און פיר הענט, „איז דער יושר״ מען זאָל אים געבן צוויי חלקים...

שאַרפער און באַדייטנדיקער איז געווען דער פּראָטעסט אַנטקעגן דער בורזשואַזער מאָראַל ביי די אוטאָפּיסטן פון פאַר דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע, ביי טאָמאַס מאָר, קאַמפּאַנעלאַ, מאָרעלי און מאַבלי. זיי האָבן אַרויסגעבראַכט דעם קלאָרסטן באַווייז, אַז אַ מאָראַליש לעבן איז ניט נאָר מעגלעך, נאָר מוז אַרויסוואַקסן פון אַ געמיינשאַפטלעכן לעבן אין רייכטום און גליק פאַר אַלעמען, און אַז רייכטום באַשטייט ניט אין געלט און אין דעם גאָלד־מעטאַל. שוין ביי טאָמאַס מאָרן שמידן די אוטאָפּיער די כלים פאַר די נידעריקסטע נויט־באַדערפענישן פון גאָלד, ווייל קיין בעסערע פאַרווענ־דונג פאַר אים האָבן זיי ניט.

אָט די אַלע „אוטאָפּיסטן״ זיינען אין זייער גלאַנץ און באַדייט פאַר־טונקלט און אייניקע אויך פאַרגעסן געוואָרן פאַר אַ לאַנגער צייט — אַ דאַנק דעם אויפקום אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט פון יענעם גרויסן דריי־שטערן אויף דעם הימל פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, — אַ דריי־שטערן, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „די גרויסע אוטאָפּיסטישע סאָציאַליסטן״. די — אינאיינעם מיט די פאַרבליבענע אַנהענגער פון באַבעפן — האָבן פאַרוואַנדלט דעם סאָציאַליזם־קאָמוניזם אין אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַ־וועגונג, וואָס האַלט נאָך אַן עד היום און וואָס פון איר וועט אָפּהענגען די פאַרווירקלעכונג פון די סאָציאַליסטישע אידעאַלן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן. דער דריי־שטערן פון די „גרויסע אוטאָפּיסטן״ איז באַשטאַנען פון דעם ענגלענדער ראָבערט אָוען און פון די פראַנצויזן סען סימאָן און פוריע.

אין דעם געוויינטלעכן לשון באַטייט אוטאָפּיסט, אַזאַ איינער, וואָס רעכנט זיך ניט מיט די אומשטענדן פון דער ווירקלעכקייט. די „גרויסע אוטאָפּיסטן״ וואָלטן לפי דעם געווען געווען די „גרויסע פאַנטאַזיאָרן״. אָבער ניט אין אָט דעם זין באַוואונדערט זיי די סאָציאַליסטישע וועלט און בייגט איר קאָפּ פאַר זייער גרייס.

זיי אַלע דריי זיינען געווען גרויסע, טיפע און אָריגינעלע דענקער און באַזונדערס אידעאַלע כאַראַקטערן דערצו. ניט אומזיסט האָט ענגעלס גע־

קאַנט זאָגן אויף זיך און קאַרל מאַרקסן, אַז זיי זיינען שטאַלץ דערמיט, וואָס זיי שטאַמען גייסטיק אָפּ פון אָזעלכע און סאַן סימאָנען. ענגעלס האָט זיכער געמעגט אַריינרעכענען אין חשבון אויך פוריען, פאַר וועמעס גייסטיקער גרייס ער און מאַרקס האָבן ניט איינמאָל אויסגעדריקט זייער באַוואונ־דערונג.

די געניאַלע אידייען פון די „גרויסע אוטאָפּיסטן" וועגן דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט, איר געשיכטלעכער אַנטוויקלונג און וועגן די יסודות פון אַ נייער סאָציאַלער אָרדענונג, וואָס דאַרף פאַרבייטן די איצטיקע, מוזן מיר דאָ לאָזן אַן אַ זייט. אונדז דאַרפן דאָ אינטערעסירן זייערע פּרינציפּיעלע שטעלונגען צו די פּראָבלעמען פון אַ מאָראַלישן לעבן.

ווי אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט ביז צו זיי, איז אויך זייער סאָציאַליזם געווען ענג צונויפגעגאָסן מיט דער מאָראַל. אויב פאַר די סאָציאַליסטן פון די פריערדיקע צייטן איז דער לאָזונג געווען: „גלייבן אין גאָט און גערעכטיקייט", איז פאַר די אוטאָפּיסטן געווען דער לאָזונג: „שטרעבן צו גערעכטיקייט, געפירט פון דעם פרייען געדאַנק". ענגעלס שרייבט וועגן זיי, אַז זיי „האָבן געוואָלט באַפרייען די גאַנצע מענטשהייט", „איינפירן די ממשלה פון דעם שכל און פון דעם אייביקן יושר". פאַר זיי איז „דער סאָציאַליזם — דער אויסדרוק פון דעם אַבסאָלוטן אמת, שכל און יושר, און ער דאַרף נאָר אַנטדעקט ווערן, כדי איינצונעמען די וועלט דורך זיין אייגענער קראַפט". (זע די פּאָלעמיק אַנטקעגן דיורינגן, זז. 3 און 4).

זייער סאָציאַליזם איז בכן געווען אין דעם פולסטן זין פון דעם וואָרט אַן עטישער סאָציאַליזם. די עטיק, די פאָדערונגען פון דער מאָראַל זיינען דער גרונט פון זייער סאָציאַליזם און אויך זיין העכסטע באַרעכטיקונג.

ראָבערט אָוען (1771—1858) בויט זיין מאָראַלישן וועלט־באַנעם אויף דיזעלביקע צוויי גרונט־פּרינציפּן, וואָס דער נביא מיכה: אויף גערעכטיקייט („עשות משפט") און מענטשנליבע („אהבת חסד"). נאָר פילט ער זיי אָן מיט אַ גאַנץ נייעם אינהאַלט. דער גרויסער טעאָרעטישער אויפטו אָוענס פאַר דער וויסנשאַפטלעכער עטיק און פאַר דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, ליגט דערין, וואָס ער האָט זיך אין זיינע געדאַנקען דערגראָבן ביז צו דעם טיפסטן וואָרצל פון דעם מאָראַלישן אויפפיר: דעם כאַראַקטער. דערמיט איז אָוען אָוועקגעשטעלט געוואָרן פּנים־לפּנים פאַר דער פראַגע: וואָס אַזוינס באַשטימט דעם מענטשלעכן כאַראַקטער?

שוין אין דעם זוכן דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע פאַרלאָזט אָוען די וועלט פון טעאָלאָגישע און מעטאַפיזישע סברות. ער זוכט אים אין דער

וועלט פון די מענטשלעכע עמפירישע דערשיינונגען. דער מענטשלעכער כאַ־ראַקטער, לערנט אָוען, איז אַ פּראָדוקט פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אומשטאַנדן, אין וועלכע ער לעבט, און אויך פון אַלע דערציערישע ווירקונגען, וואָס די סביבה, — דער עיקר, די סאָציאַלע, — האָט אויף אים.

דערפון איז ממילא אַרויסגעוואַקסן דער געדאַנק: אויב מיר ווילן האָבן מאָראַלישע מענטשן, ד״ה, אין דער לעצטער ליניע, מענטשן מיט אײדעלע כאַראַקטערן, דאַרפן מיר אויפבויען אַ נייע געזעלשאַפטלעכע סביבה, באַשאַפן נייע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אומשטאַנדן און שייכותן צווישן מענטש און מענטש, וואָס פון זיי זאָלן, ווי אַ נויטווענדיקער פּראָדוקט זייע־רער, אַרויסוואַקסן אײדעלע מענטשן.

אָוען איז געווען אַ פאַבריקאַנט. און געקומען צו זיינע געדאַנקען איז ער אויך אַ דאַנק געוויסע עקספּערימענטן, וואָס ער האָט דורכגעפירט אין זיין אייגענער פאַבריק: ניט נאָר האָט אַ דאַנק יענע פאַרבעסערונגען זיך אויפגעהויבן דער מאָראַלישער ניוואָ פון די אַרבעטער: זיי זיינען אויך געוואָרן בעסערע אַרבעטער, און דערפון האָט אויך דער געשעפט ניט ווייניק פּראָפיטירט.

עס האָט זיך אָוענען אין דער ערשטער צייט אויסגעדוכט, אַז דורך אַזעלכע רעפאָרמען אין אַ גרויסן מאַסשטאַב קאָן מען פאַרענטפערן די סאָ־ציאַלע פראַגע אין די אינטערעסן פון אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן. ער האָט זיך דעריבער געווענדט מיט זיינע סאָציאַל־רעפאָרמערישע פּלענער צו די הערשנדיקע קלאַסן, צו זייער אײדלקייט, צו זייער שטרעבן לטובת הכלל. אפילו דעם רוסישן צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט אָוען ניט דורכ־געלאָזן.

זיינע פּילפאַכע באַמיאונגען ווי אַ סאָציאַלער רעפאָרמער און זיין טיפערער איינבליק אין דעם מהות פון די קאַפּיטאַליסטישע צושטאַנדן און פון די הערשנדיקע קלאַסן האָבן אים אָבער באַלד געפירט צו דעם איינזען, אַז מיט קיינע, ווי גוטע, רעפאָרמערישע לאַטעס קאָן מען ניט איבערבייטן דעם מעמד פון דער געזעלשאַפט, כל־זמן עס הערשט אין איר דער גרונט־פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגנטום. זי מוז דעריבער פון גרונט־אויס איבער־געבויט ווערן אויף ריין־קאָמוניסטישע יסודות, וואָס זאָלן לכתחילה ניט לאָזן אויפקומען קיין אין שמץ פון אַ גראָב־עגאָאיסטישן געפיל און פון אַ שטאַרקן פּריוואַטן אינטערעס, וואָס שטערן דער אַנטוויקלונג פון גערעכטיקייט און מענטשנליבע.

איינס פון אָוענס וויכטיקע ווערק טראָגט דעם נאָמען: „די נייע מאָראַלישע וועלט“. כמעט אַן ענלעכן נאָמען טראָגט דאָס הויפּט־ווערק

פון דעם צווייטן גרויסן אוטאָפּיסט, דעם פראַנצויזישן אַריסטאָקראַט, דעם מאַרקיז סען־סימאָן, (1760—1825). איינע פון זיינע וויכטיקע שריפטן טראָגט דעם נאָמען: „דאָס נייע קריסטנטום". ווי אָזען איז אויך סען־סימאָן געוואָרן דער פאָטער פון אַן אייגענער ריכטונג אין דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, — דער „סען־סימאָניסטישער", וואָס איז באַזונדערס רייך געווען אין אידייען, וועלכע האָבן באַפרוכפּערט ניט נאָר די סאָציאַליסטישע געדאַנקען־וועלט, נאָר אויך די אַלגעמיינע קולטור, די פילאָסאָפיע, די קונסט, די אַלגעמיינע בילדונג פון דער צייט און אפילו די ריינע וויסנשאַפט. איז דאָך די פּאָזיטיוויסטישע פילאָסאָפיע, וואָס באַטראַכט די טעאָלאָגיע און די מעטאַפיזיק, ווי עפּאָכן פון דער מענטשהייטס קינדהייט און יוגנט, אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דעם סען־סימאָניסט, אָגיוסט קאָמט.

די סאָציאָלאָגיע, ווי אַ באַזונדער וויסנשאַפטלעכער צווייג, איז געבוירן געוואָרן אין דער סען־סימאָניסטישער שולע. גרויס איז אויך געווען די ווירקונג פון דעם סען־סימאָניזם אויף דער אויסבילדונג פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. אין דער סען־סימאָניסטישער ריכטונג געפינען מיר קלאָר אויסגעשפּראָכן די וויכטיקסטע קערנדלעך, פון וועלכע עס איז אויסגעוואָקסן דער מאַרקסיזם: אי דער געדאַנק, אַז דער עקאָנאָמישער פּראָצעס איז דער הערשנדיקער אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, אי אַז דער געשיכטלעכער פּראָצעס זעצט זיך דורך קלאַסן־קאַמפן (דער עיקר ביי דעם היסטאָריקער אָגוסטען טהיערי).

קאַרל מאַרקס האָט אין אַן אָרט דערקלערט, אַז זיין טעאָרעטישן אויפטו דערבליקט ער דערין, וואָס ער האָט באַוויזן, ווי אַזוי די עקאָנאָמישע קלאַסן־קאַמפן וואַקסן אַרויס פון דעם אַלץ־באַהערשנדיקן עקאָנאָמישן פּראָצעס.

פאַר דער אויסבילדונג פון דער סאָציאַליסטישער עטיק האָט דער סען־סימאָניזם גרויסע פאַרדינסטן סיי אין איינפּעסטיקן אירע פילאָסאָפישע יסודות, סיי אין דער אויפקלערונג פון אירע מאָראַלישע פאָדערונגען. פילאָסאָפיש ווערט די מאָראַל אַוועקגעשטעלט אויף אַ ריין־מענטשלעכן יסוד. די מאָראַלישע ווערטן און אָפּשאַצונגען שטאַמען ניט פון אַ גאָט און זיי זיינען ניט קיין אָפּשפּיגלונגען פון אייביקע מעטאַפיזישע אידייען, אין דעם פּלאַטאָנישן זין פון דעם וואָרט. זיי זיינען פּראָדוקטן פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, פון דעם מענטשן, אָדער נאָך ריכטיקער: פון דער מענטשהייט.

דער טיפער דענקער פון דער סען־סימאָנישער שולע, באַזאַר, דערהייבט די מענטשהייט שיר ניט צו דער מדרגה פון אַ גאָט, און שפּעטער באַשאַפט אָגיוסט קאָמט זיין „רעליגיע פון דער מענטשהייט", מיט אַ קולט פון דער מענטשהייט, וואו זי ווערט באַטראַכט פאַר „דאָס העכסטע זיין" און ווערט פאַרערט, ווי אַ גאָטהייט.

11.

די סען-סימאָניסטן

די סען־סימאָניסטישע אידעאַלן און מאָראַלישע פאָדערונגען האָבן אין זיך אַ היפּש ביסל פון יענעם איינשטעל, וואָס האָט געהערשט ביי אייניקע ראַדיקאַלע רעליגיעז־קאָמוניסטישע סעקטעס פון דעם שפּעטערן מיטל־אַלטער און דעם אָנהייב רענעסאַנס־צייט, — דער עיקר ביי די „ברידער און שוועסטער פון דעם פרייען גייסט". אָבער ביי די סען־סימאָניסטן האָבן יענע אידעאַלן און פאָדערונגען פאַרלאָרן יעדע קרובהשאַפט צו אַ טעאָלאָגישן געדאַנקען־גאַנג, מיט אַ גלויבן אין אַ פערזענלעכן גאָט און אַ פאַר־הייליקונג פון דעם „תנ"ך" און דעם „ברית חדשה".

די אינדיווידועלע מאָראַל פון דער סען־סימאָניסטישער ריכטונג אין דעם סאָציאַליזם שטייט אין ענגסטן צונויפבונד מיט איר פילאָסאָפיע און איר טעאָריע פון דערקענטעניש, וואָס באַטראַכט די מענטשהייט פאַר דעם איינציקן באַשאַפער פון אַלע קולטורעלע אוצרות, די מאַטעריעלע, די וויסנ־שאַפטלעכע, די פילאָסאָפישע, די קינסטלערישע, ווי אויך די רעליגיעזע. לויט אָט דעם אומגעהייער־קוראַזשירטן פילאָסאָפישן בליק, איז ניטאָ קיין איין זאַך אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש און דעם מענטשלעכן וויסן, וואָס זאָל ניט שטאַמען דירעקט פון דער גאַנצער געשיכטע פון דער מענטש־הייט. און קאָן דען אַ מענטש וויסן פון עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט אַריינ־געגאַנגען אין דעם וויסן פון דער מענטשהייט אָדער אין זיין אייגענעם וויסן? די מענטשהייט איז אַ גאַנצע אָרגאַנישע איינס און זי איז די איינציקע באַשאַפערין פון יענער וועלט, אין וועלכער דער מענטש לעבט באַוואוסט־זיניק ווי אַ מענטש. דעריבער דאַרף די מענטשהייט באַטראַכט ווערן ווי דער „העכסטער יש" פאַר דעם מענטשן, ד"ה, שיר ניט ווי אַ גאָט פון דעם טעאָלאָגישן איינשטעל. על־כל־פנים דאַרף די מענטשהייט זיין די העכסטע הייליקייט פאַר דעם מענטשן. רעליגיעז אויסגעדריקט, האָט, פאַר דער סען־סימאָניסטישער ריין־מאָראַלישער רעליגיע, „דינען גאָט" באַדייט ניט קיין

אַנדער זאַך, ווי דינען דער מענטשהייט, דינען אירע באַדערפֿענישן, איר פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג, און זיך אײַנגאַנצן אָװעקגעבן צו אַט דער רייך־מענטשלעכער „עבֿודת הבורא".

„מענטשהייט" באַשטייט אָבער פֿון איינצלנע מענטשן, פֿון יחידים. דער־ריבער ווערט די הייליקייט פֿון דער גאַנצער מענטשהייט אַריבערגעטראָגן אויך אויף יעדן איינצל־מענטשן. דעריבער דאַרף אויך דער מענטש, ווי ער איז, מיט זײַן פּסיכישן לעבן, און מיט זײַן קערפּערלעכן לעבן, מיט די באַ־דערפֿענישן, וואָס זיי ביידע ברענגען אַרויס, באַטראַכט ווערן פֿאַר אַ רעלי־גיעזער הייליקייט.

דערפֿון נעמט זיך דער שאַרפֿסטער פּראָטעסט, וועלכן די סען־סימאָ־ניסטן האָבן אויפֿגעהויבן אַנטקעגן דעם יידיש־קריסטלעכן ביטול צו דעם גוף, דעם „חומר", מיט זײַנע לײַבלעכע, — דער עיקר, סעקסועלע, — באַ־דערפֿענישן. עס ווערט פּראָקלאַמירט די „ווידעראויפֿריכטונג און באַפֿריי־אונג פֿון דעם מענטשלעכן לייב", מיט זײַנע הצטרכותן, זײַן ווערט און באַדייט פֿאַר אַ מאָראַליש־חשובֿן מענטשלעכן לעבן.

האַנט אין האַנט מיט אַט דער „רעהאַביליטירונג פֿון דעם גוף" גייט בײַ די סען־סימאָניסטן אויך דער פּראָטעסט אַנטקעגן דעם אַריענטאַלישן, יידיש־קריסטלעכן בליק אויף דער פֿרוי, ווי אויף דער פֿאַרקערפּערונג פֿון דער „זינד", פֿון אַלץ, וואָס איז זינדיק־תאַווהדיק און מאָראַליש מיאוס. זיי האָבן געקעמפֿט אַנטקעגן דער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון דער פֿרוי אין דער איצ־טיקער געזעלשאַפֿט און אין די איצטיקע פֿאָרמען פֿון דעם פֿאַמיליען־לעבן. קלאָר און שאַרף ווערט אין דעם סען־סימאָניזם געפּריידיקט די באַפֿרייאונג פֿון דער פֿרוי, איר „עמאַנסיפּאַציע", איר אַבסאָלוטע גלייכשטעלונג און גלייכשעצונג מיט דעם מאַנסביל. די באַוועגונג פֿאַר פֿרויען־עמאַנסיפּאַציע איז געבוירן געוואָרן אין דער סען־סימאָניסטישער ריכטונג, וואָס האָט געווירקט אויף אַלע אירע ערשטע פֿאָנען־טרעגער.

נאָך וויכטיקער אײדער די סען־סימאָניסטישע אינדיווידועלע מאָראַל זײַנען פֿאַר דעם סאָציאַליזם געווען די סאָציאַל־עטישע בליקן פֿון אַט דער שולע, דער אומגעהייער־רײַכער אין גייסטיקע אויפֿבליקן אויף אַלע פֿעלדער פֿון דער מענטשלעכער קולטור. אין דעם פֿונדאַמענט פֿון זייער סאָציאַלער עטיק ווערט אָוועקגעלייגט דער געדאַנק, אַז יעדער מענטש איז ניט נאָר אַ פּראָדוקט פֿון דער גאַנצער מענטשהייטס־געשיכטע, נאָר איז אויך אָפּ־הענגיק אין זײַן לעבן פֿון די אַנדערע מענטשן. נאָך מער: יעדער מענטש הערט אויף, אין זײַן פֿאַראײַנצעלונג, צו זײַן אַ מענטש. אַ מענטש איז ער נאָר אין דער „פֿאַרגעזעלשאַפֿטונג" מיט אַנדערע מענטשן.

ווען קאַרל מאַרקס זאָגט אין זיין „קאַפּיטאַל", אַז נאָר אין דעם אַנדער מענטשן דערקענט דער מענטש זיך אַליין, ווערט דאָס גערעדט אין אַ ריין סען־סימאָניסטישן גייסט.

אין אָט דעם אַרויסהייבן די „פאַרגעזעלשאַפטונג", ווי אַ פאַרבאַדינג פון אַ ריין־מענטשלעכער עקזיסטענץ, האָבן מיר פאַר אונדז דעם שאַרפסטן קעגנזאַץ צו דער בורזשואַזער מאָראַל, מיט איר פאַרהערלעכן דעם איינצלנעם, דעם אומאָפּהענגיקן אינדיווידואום. מענטשן זיינען אָפּהענגיק איינע פון די אַנדערע. אין דעם סאָציאַלן לעבן מוז דעריבער פאַרווירקלעכט ווערן דער געבאָט פון קעגנזייטיקער הילף. דער סאָציאַל־עטישער געשריי־וואָרט פון די סען־סימאָניסטן איז געוואָרן די „סאָלידאַריטעט", אַנטקעגן דער בורזשואַזער „קאָנקורענץ". די סאָלידאַריטעט פון אַלע וואָס טוען ניצלעכע אַרבעט. — אָט דאָס איז דער וויכטיקסטער יסוד פון דער סען־סימאָניסטישער סאָציאַלער עטיק. ניט: „יעדער פאַר זיך אַליין" ווי דאָס פאָדערט די בורזשואַזע מאָראַל, נאָר: „אַלע פאַר יעדן און יעדער איינער פאַר אַלעמען" — אָט דאָס זאָל זיין דער הערשנדיקער פּרינציפּ אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

פאַר אַזאַ לעבן פון פולער אינטערעסן־סאָלידאַריטעט איז דער שטרענג־סטער קאָמוניזם די פּאַסנדיקסטע פאָרם. ס'איז אמת, אַז דער פּרינציפּ פון סאָלידאַרישקייט לאָזט־צו אויך אַנדערע געזעלשאַפטלעכע בנינים, וואָס זאָלן געבויט זיין אויף קאָאָפּעראַציע און קעגנזייטיקער הילף. אָבער די „מאָראַ־לישע" און קאָנסעקווענטסטע פאָדערונג פון אָט דעם פּרינציפּ פירט צו דעם שטרענגסטן קאָמוניזם.

די סען־סימאָניסטן האָבן אויך געפּרוּוט בויען קאָמוניסטישע גע־מיינשאַפטן, אין וועלכע עס זיינען אינגאַנצן אָפּגעשאַפט געוואָרן פּריוואַט־אייגנטום און פאַמיליע. אין זיי האָט דער מענטש אין סאָלידאַרישער אַרבעט מיט אַנדערע געזאָלט קאָנען אין פולער מאָס באַפרידיקן זיינע לייבלעכע און גייסטיקע באַדערפעניש.

די רעגולירונג פון דעם לעבן אין זייערע געמיינשאַפטן איז געווען פול מיט איינצלנע פּרטים, וואָס אייניקע פון זיי זיינען איצטער אין אונדזערע אויגן טאַקע היפּש לעכערלעך. אַזוי האָבן זיי אויסגעטראַכט באַזונדערע מלבושים מיט אַ סך קנעפּלעך, וואָס פאַרשפּיליען זיך אויף דעם רוקן. יעדער איינער האָט געדאַרפט אָנקומען צו דער הילף פון אַן אַנדערן, כדי צו קאָנען אָנטאָן אַזאַ בגד. אָבער אויך אַזאַ לעכערלעכע קליינִיקייט האָט סימבאַליזירט דעם מענטשנס אָפּהענגיקייט פון דעם אַנדער מענטשן און די נייטיקייט אין קעגנזייטיקער הילף.

די ווירקונג פון די סען־סימאָניסטישע אידייען און פלענער אויף אַזויפיל פאַרשיידענע זייטן ניט נאָר פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט, — מיט אַ משה העס, אַ מאַרקס און אַן ענגעלס, וכו׳, וכו׳, — נאָר אויך פון דעם אַלגעמיין־פּראָגרעסיוון געדאַנק און פון דער פּראָגרעסיווער קולטורעלער שאַפונג בכלל, איז געווען אַ גוואַלטיקע. לײדער איז זי נאָך ניט אינגאַנצן סיסטעמאַטיש אויסגעפאָרשט און אָפּגעשאַצט. שוין ניט רײדנ־דיק וועגן דער סען־סימאָניסטישער ווירקונג אויף דער ליטעראַטור פון דעם נײנצנטן יאָרהונדערט (זשאָרזש זאַנד, הײנע), אויף דער פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע (דזשאָן סטיוּאַרט מיל), אויף דער סאָציאָלאָגיע (קאָמט און ספּענסער), מעג מען אויך דערמאָנען, אז זי, אָט די ריכטונג, גרײכט אַרײן אַזוי ווײט, ווי אין דער ספּערע פון דעם רײן־טעכנישן פּראָגרעס. אַזוי, צ״ב, האָבן די פּלענער דורכצוגראָבן דעם סועץ־קאַנאַל און דעם פּאַנאַמאַ־קאַנאַל, כדי אויך געאָגראַפיש צו דערנענטערן די טײלן פון דער מענטשהײט און העלפן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרקער, שוין געהערט צו די באַמיאונגען פון סען־סימאָנען אַלײן.

ניט גאַנץ אין דערזעלביקער ליניע, ווי די סען־סימאָניסטישע, האָבן זיך באַוועגט די מאָראַלישע געדאַנקען פון דעם דריטן גרויסן „אוטאָפּיסט״, שאַרל פוריע און פון זײנע תלמידים. ווען ענגעלס האָט אין זײן אײגענעם און אין מאַרקסעס נאָמען זיך געגרויסט דערמיט, וואָס זײ שטאַמען גײסטיק אָפּ פון אָוענען און סען־סימאָנען און האָבן דערבײ ניט דערמאָנט פוריעס נאָמען, איז דאָס געווען ניט דערפאַר, וואָס זײ האָבן אים, ווי אַ דענקער און גײסטיקן פירער, געשעצט ווײניקער, אײדער די ערשטע צווײ. אדרבה! אים האָבן זײ באַזונדערס הויך געשעצט אי פאַר זײן נאָענטקײט צו דעם „דיאַלעקטישן״ אַרט דענקען, אי פאַר זײן שאַרפער, „געניאַלער״ קריטיק פון די הערשנדיקע סאָציאַלע צושטאַנדן און פון זײערע יסודות. דעם גרעסטן לויב האָט ער בײ זײ פאַרדינט פאַר זײן טיפער און שנײדנדיקער קריטיק פון דעם גאַנצן ענין פון מקח־וממכר, פון האַנדל און קאָנקורענץ, וואָס דאַרפן לגמרי אויסגעראָט ווערן אין אַ סאָציאַליסטישער צוקונפט, אינאײנעם מיט דעם אָפּשאַפן לוין־אַרבעט, וואָס איז אין תוך אויך נאָר אַ האַנדל, אַ קויף־און־פאַרקויף פון מענטשלעכער אַרבעט.

דאָס אַרויסלאָזן פוריעס נאָמען בײ ענגעלסן דאַרף דערקלערט ווערן אָדער דורך אַ פשוטן צופאַל, אָדער דורך דעם, וואָס מאַרקס און ענגעלס זײנען אין גאַר וויכטיקע סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען זיך שאַרף פונאַנדער־געגאַנגען מיט פוריען און די פוריעריסטן. לאָמיר דאָ אָנמערקן נאָר דעם

אַזוי וויכטיקן פּראָבלעם פון פּאָליטישער פרייהייט און דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע.

אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דער פונאַנדערשייד פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק אין אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן שטראָם און אַן אַנאַרכיסטישן האָט זיך שוין אָנגעמערקט, ווען אפילו ניט שאַרף אויסגעקריסטאַליזירט, אין דער פאַרשיידנקייט צווישן די סען־סימאָניסטן און פוריעריסטן, מוזן מיר צוגעבן, אַז אין דעם רייך־סאָציאַליסטישן לעבנס־באַנעם זיינען מאַרקס און ענגעלס אַ סך מער באַווירקט געוואָרן פון די סען־סימאָניסטן, איידער פון די פוריעריסטן.

אין דעם סען־סימאָניזם האָבן געהערשט די טענדענצן פון צענטראַליזאַציע און קאָמוניזם. אין דעם פוריעריזם האָט די אויבערהאַנט געהאַט דער פעדעראַליסטישער פּרינציפּ, די זעלבסטשטענדיקייט פון די איינצלנע סאָציאַליסטישע גרופּעס (די „פאַלאַנסטערס”) און אַ געוויסע אומגלייכקייט אין דער פאַרטיילונג פון דעם אויסגעאַרבעטן רייכטום.

דער עיקר אָבער האָט געמוזט אָפּשטויסן מאַרקסן און ענגעלסן די פוריעריסטישע שטעלונג צו די פּאָליטישע קאַמפן פון זייער צייט. די פוריעריסטן האָבן בפירוש דערקלערט, אַז זיי זיינען לגמרי גלייכגילטיק צו אַט דעם גאַנצן ענין, ווייל זייער סאָציאַליסטישער פּלאַן קאָן פונקט אַזוי גוט דורכגעפירט ווערן „אונטער אַ טערקישן סולטאַן, ווי אין אַ פראַנצויזישער רעפּובליק”.

.12

סאָציאַליסטישע אידעאַלן

אין דעם אומגעהויער־רייכן סאָציאַליסטישן געדאַנקען־שטראָם, וואָס האָט זיך געטראָגן אין די דריי „אוטאָפּיסטישע" ריכטונגען פון די אָוועניטן, סען־סימאָניסטן און פוריעריסטן, איז אָפּטמאָל שווער צו פונאַנדערשיידן, וועלכער געדאַנק שטאַמט פון וועלכער ריכטונג. ניט קוקנדיק אויף די העפטיקע אידייאישע קאַמפן, וואָס זיי האָבן געפירט צווישן זיך, זיינען זיי בדרך כלל געווען אַ סך מער איינשטימיק סיי אין זייער קריטיק פון דעם בורזשואַזן רעזשים און פון די בורזשואַזע טעאָריעס, סיי וועגן די יסודות, אויף וועלכע די מענטשלעכע געזעלשאַפט דאַרף איבערגעבויט ווערן.

אַפילו ווען איין געדאַנק איז פריער אויפגעקומען אין די שריפטן פון איין שולע און מיר געפינען אים שפּעטער ביי די אַנהענגער פון אַן אַנדערער, הייסט דאָס נאָך ניט, אַז די אַנדער ריכטונג האָט אים איבערגענומען פון דער ערשטער. די דריי ריכטונגען האָבן געשטורעמט די פעסטונגען פון דער בורזשואַזיע לפי ערך אין איין־און־דער־זעלביקער צייט. זיי האָבן געלעבט כמעט אין איין־און־דער־זעלביקער געדאַנקען־ספערע. אין דעם אַנפלייץ פון נייע אידייען, פון ביז אַהער אומדערהערטע איינשטעלונגען, איז דער, אָדער יענער געמיינשאַפטלעכער געדאַנק פריער צופעליק אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די שריפטן פון איין שולע. די אַנדערע האָבן דאָס כשר געקאָנט אַריבערנעמען אָן אַן „אומר דבר בשם אומרו", ניט ציטירנדיק דעם קוואַל. זיי האָבן דאָס רוב ניט אַריבערגענומען פון דרויסן, נאָר געשעפּט פון דעם אייגענעם גייסטיקן שאַפן. אָבער אויך דאָס מוז מען האָבן אין זינען, אַז אַ קעגנזייטיקע ווירקונג פון די פאַרשיידענע שולעס אויפאַנאַנד האָט בלי ספק עקזיסטירט. דאָ קאָן דער היסטאָריקער נאָר אַרויסברענגען יענע פּרטים, אויף וועלכע די אָדער יענע ריכטונג האָט געלייגט די הויפּט־וואָג פון איר אַרגומענטאַציע.

דער עיקר איז דאָס אמת בנוגע זייער שטעלונג צו די אידעאַלן פון דער אינדיווידועלער מאָראַל און דער סאָציאַלער עטיק. די סען־סימאָניסטן

האָבן געלייגט זייער הויפּט־וואָג אויף די פּאָדערונגען פון סאָלידאַריטעט און קעגנזייטיקער הילף. פּוריע און די פוריעריסטן האָבן געלייגט זייער הויפּט־וואָג אויף דעם אידעאַל פון רייכטום און גליק פאַר אַלע מענטשנקינדער. דערביי ווערט ביי פוריען ווידער אויפגעלעבט דער אַלטער עפּיקורעאישער איינשטעל אין דער מאָראַל־פילאָסאָפיע, וואָס לערנט, אַז דער זין פון דעם מענטשלעכן לעבן איז דאָס שטרעבן נאָך גליק; אַז גליק באַשטייט אין דער באַפרידיקונג פון אַלע באַדערפעענישן; אַז יעדע באַפרידיקונג איז פאַרבונדן מיט אַ תענוג, און אַז וואָס מער באַדערפעענישן איינער האָט און וואָס פולער ער קאָן זיי באַפרידיקן, אַלץ מער תענוג האָט ער און ממילא אַלץ מער גליק.

דערפון האָבן די פוריעריסטן אַרויסגעדרונגען זייער הויפּט־פּרינציפּ פאַר דער סאָציאַליסטישער מאָראַל: די אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון יעדן יחיד. אַלע חושים און אַלע פייאיקייטן פון אַ מענטשן דאַרפן אַנטוויקלט ווערן ביז צו זייער העכסט־מעגלעכער הייך (דער עיקר: דער חוש פאַר מוזיק). וואָס מער חושים, ניט נאָר זינלעכע, נאָר אויך גייסטיקע, עס וועלן זיין אַנטוויקלט ביי דעם מענטשן, אַלץ מער באַדערפעענישן וועט ער האָבן זיי צו באַפרידיקן, אַלץ מער הנאה וועט ער האָבן און אַלץ גליקלעכער וועט ער זיין אין זייער באַפרידיקונג.

פון דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון יעדן מענטשן איז ביי די פוריעריסטן אַרויסגעוואַקסן אויך דער צווייטער גרונט־פּרינציפּ פון זייער סאָציאַליסטישער מאָראַל: די אַנטדעקונג, אַז יעדע אַרבעט, אפילו די ריין־פיזישע, ווען זי ווערט געטאָן פריי, לויט דעם אייגענעם פאַרלאַנג, איז ניט קיין פּיין און מאַטערניש, נאָר אַ קוואַל פון אַ גרויסן תענוג. די פּיין און מאַטערניש, וואָס זיינען איצטער פאַרבונדן מיט דער מענטשלעכער אַרבעט, — דער עיקר, דער פיזישער, — שטאַמט ניט פון איר גופא, נאָר פון די באַדינגונגען, אין וועלכע זי איז איצטער אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

די אַרבעט איז איצטער אַ פּיין ניט נאָר ווייל זי געדויערט צו לאַנג, איז שווער פאַר די מוסקולן און איז דאָס רוב אָן אַרויפגעצוואונגענע פון דרויסן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זי איז מאָנאָטאָן, איינאַרטיק. יעדע אַרבעט אין זיך גופא איז טאָקע אַ תענוג, ווייל זי איז אַ נאַטירלעכע באַטעטיקונג פון דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, פון זיינע מוסקולן, נערוון און מאַרך. אָבער יעדער תענוג דערעסט זיך באַלד (יידן זאָגן: „אפילו לעקעך עסנדיק ווערט אויך מיאוס”). כדי זי זאָל שטענדיק זיין אַ קוואַל פון הנאה, דאַרף זי פאַר יעדן איינעם אַלע מאָל זיין אַ פאַרשיידנאַרטיקע.

דורך די אַלזייטיקע אַנטוויקלונגען פון דעם יחידס חושים און פיאַי־קייטן, דאַרף דער מענטש קאָנען אַלע ווילע, לויט דעם אייגענעם פאַרלאַנג, אַריבערגיין פון איין פיזישער אַרבעט צו אַן אַנדערער, — וואָס פאָדערט אַ גאַנץ אַנדער טעטיקייט פון מוסקולן, נערוון און מאַרך, — פון דער פיזישער אַרבעט צו דער גייסטיקער, דער אינטעלעקטועלער, ווי אויך עס־טעטישער, פון דער גייסטיקער ווידער צוריק צו דער אָדער יענער פיזישער אַרבעט, לויט דער אייגענער לוסט: דער מענטש דאַרף קאָנען אַלע ווילע איבערבייטן די קוואַלן פון זיינע תענוגים. דערפון ווידער וואַקסט אַרויס אַ נייער איינשטעל אין דער אינדיווידועלער מאָראַל: דאָס שטרעבן ניט נאָר צו פרייער סעקסועלער ליבע, נאָר דווקא צו דער וואַריאירטער, דאָס הייסט, צו אַ פרייען סעקסועלן צונויפקום מיט פאַרשיידענע פערזאָנען, לויט דעם יעדעסמאָליקן פאַרלאַנג פון ביידע צדדים.

פון אָט דעם קורצן איבערבליק איבער די יסודות פון דער פוריערים־טישער אינדיווידועלער מאָראַל לאָזן זיך גרינג אַרויסברענגען די יסודות פון זייער סאָציאַלער עטיק.

די געזעלשאַפט דאַרף זיין געבויט קודם־כל אויף דעם יסוד פון דער אייגענער פיזישער און אינטעלעקטועלער אַרבעט. דאָס דאַרף געשען, ערשטנס, דערפאַר ווייל אַרבעט איז דער קוואַל פון אמתן רייכטום; צווייטנס, דערפאַר ווייל אַ לעבן אויף דעם חשבון פון דעם אַנדערנס אַרבעט איז אַן אומגע־רעכטיקייט, אָבער נאָך מער, דריטנס, דערפאַר, ווייל די פיזישע אַרבעט, אַ תמיד וואַריאירטע און אַ דורכגעפירטע בציבור, אין אַ געמיינשאַפט מיט אַנדערע אַרבעטער, וואָס העלפן איינער דעם אַנדערן, איז אַ קוואַל פון נייע תענוגים, פון וועלכע די איצטיקע מענטשן סיי די רייכע, סיי די אָרעמע, האָבן נאָך ניט קיין ברעקל השגה.

דער פרינציפּ פון פאַמיליע, פון איין־פאַרפאַלק לעבן מוז אָפּגעשאַפט ווערן, כדי ניט צו שטערן די הנאות פון אַ פרייען סעקסועלן צונויפקום. אָבער נאָך אַ וויכטיקערע זאַך מוז אין אַ נאָרמאַלער געזעלשאַפט אָפּגע־שאַפט ווערן: די דיפערענצירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, די ספּעציאַליזאַציע אירע, איר פונאַנדערטיילונג צווישן פאַרשיידענע גרופּן און פאַכן, פון וועלכע דער מענטש ווערט נאָר אַ טייל פון אַ מענטשן (אַ שניידער, אַ געלערנטער, אַ מוזיקער, אַן ערד־אַרבעטער). די אַנטוויקלונג פון דעם געזעלשאַפטלעכן רייכטום דאַרף פאַרקומען ניט אַ דאַנק דער אויסבילדונג פון ספּעציאַליסטן אין יעדן פאַך, נאָר אַ דאַנק דעם כסדרדיקן אויפטו פון די אַסאָציאירטע אַרבעטער, וואָס שטייען אַלע אויף דער זעלביקער הייך פון

אַלזייטיקער אַנטוויקלונג, דער פיזישער, אינטעלעקטועלער, מאָראַלישער און עסטעטישער.

דער גרויסער פּראָבלעם פון ספּעציאַליזאַציע, פון אַרבעטס־טיילונג און להיפּוך דערצו פון אַלזייטיקער אַנטוויקלונג שטייט נאָך עד היום אויף דעם סדר־היום פון דעם מענטשלעכן געדאַנק. קאַרל מאַרקס האָט אין זיין „קאַפּיטאַל" גרינטלעך דורכגענומען דעם פּראָבלעם, בלייבנדיק אין תוך טריי צו דעם פוריעריסטישן איינשטעל. אויך אַזאַ מאָדערנער, אַנטי־סאָציאַליסטישער דענקער, ווי פרידריך ניטשע, האָט היפּש העפטיק געקעמפט אַנטקעגן אָט דער ספּעציאַליזאַציע, דער עיקר, אויף די פעלדער פון דער אינטעלעקטועלער און עסטעטישער קולטור.

אָבער מער פאַר אַלץ האָבן די פוריעריסטן געלייגט די וואָג פון זייער אַרגומענטאַציע אויף דער נייטיקייט אויסצואוואָרצלען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן דעם גאַנצן ענין פון מקח וממכר, פון קויף־פאַרקויף, פון האַנדל און קאָנקורענץ. דורך אַ שאַרפזיניקער קריטיק פון דעם ענין אין וועלכן פוריע איז געווען אַ גרויסער בקי, — ער איז אין דער יוגנט געווען אַ האַנדלס־אַנגעשטעלטער, — האָט ער באַוויזן, אַז האַנדל און קאָנקורענץ, — ניט נאָר זיי פאַרמערן ניט דעם געזעלשאַפטלעכן רייכטום, נאָר זיי צעשטערן אים, איינשלינגענדיק אַ גרויסן טייל פון דער געזעלשאַפטלעכער ענערגיע, ניט אויף צו פּראָדוצירן נייטיקע גיטער, נאָר אויף צו פאַרקויפן זיי, און דירעקט חרוב־מאַכנדיק גיטער, אָדער איינהאַמעווענדיק זייער פּראָדוקציע, לויט די פאָדערונגען פון דעם מאַרק.

גיטער טאָרן ניט פּראָדוצירט ווערן, ווי סחורות פאַרן מאַרק, נאָר ווי פּראָדוקטן פאַר דעם געברויך, און וואָס מער אַלץ בעסער. דאָס איז די הויפּט־פאָדערונג פון די פוריעריסטן. פרידריך ענגעלס האָט איבערגעזעצט פוריעס שריפט „וועגן האַנדל" אין דייטש, און סיי ער, סיי מאַרקס האָבן אַ סך געלערנט פון דער פוריעריסטישער שול פאַר דער אויסאַרבעטונג פון זייערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע בליקן.

וואָס איז שייך די פּאָזיטיווע יסודות, אויף וועלכע אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט דאַרף אָפּגעשטעלט ווערן, לויט די אידעאַלן פון די פוריעריסטן, קאָנען מיר זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט זיי. די געהערן צו דער אַלגעמיינער געשיכטע פון דעם סאָציאַליזם און ניט צו אונדזער ספּעציעלן ענין.

נאָך די גרויסע „אוטאָפּיסטן", וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט כמעט אַלע יסודות פון אַ נייער סאָציאַליסטישער מאָראַל, האָבן מיר דאָ אָנצומערקן נאָך צוויי אַנדערע גרויסע סאָציאַליסטישע דענקער, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר דעם אָפּשלוס פון דעם ענגליש־פראַנצויזישן שטראָם אין דער געשיכטע

פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און דעם איבערגאַנג צו דעם דייטשן שטראָם, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם סיסטעם פון דעם מאַרקסיזם. די צוויי לעצטע, גרויסע פראַנצויזישע טעאָרעטיקער זיינען דער „דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט" לואי־בלאַן און דער „אַנאַרכיסט" פּרודאָן.

לואי־בלאַן באַגרינדעט אַ רייך־קאָמוניסטישן סיסטעם אויף דעם יסוד פון גערעכטיקייט, לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז פון יעדן מענטשן דאַרף די געזעלשאַפט פאָדערן אַרבעט, לויט זיינע פייאיקייטן און געבן יעדן איינעם אַלערליי מיטלען לויט זיינע באַדערפעניש.

פּרודאָן איז דער ערשטער (פאַר מאַרקסן) שאַרפער קריטיקער פון אַלע „אוטאָפּיסטן", דער עיקר, פון די קאָמוניסטישע. אויך ער בויט זיין סיסטעם אויף דעם מאָראַלישן יסוד פון גערעכטיקייט. אין זיין מאָראַל־פילאָסאָפיע באַקעמפט ער דעם פוריעריסטישן געדאַנק, אַז די פיזישע אַרבעט ברענגט הנאה. פיזישע אַרבעט איז, לויט פּרודאָנען, אַ שווערע זאַך, וואָס ווערט פאַר דער געזעלשאַפט ניט גרינגער, אַ דאַנק די טעכנישע דערפינדונגען. אדרבה! וואָס מער מאַשינעס, אַלץ מער מענטשלעכע אַרבעט קאָסט דאָס לעבן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. אָבער די אַרבעט—אַ שווערער עול — איז אַ מאָראַלישער חוב, און וואָס שווערער זי ווערט, אַלץ הייליקער דאַרף זי זיין פאַר דעם מענטשן.

.13

דער „אמתער סאָציאַליזם"

אַחוץ די „גרויסע אוטאָפּיסטן" מיט זייערע שולעס, אַחוץ פּרודאָנען און לואי־בלאַנען, האָט דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־שטראָם אין פראַנקרייך אַרויסגעבראַכט אַ גאַנץ היבשע צאָל ריין־קאָמוניסטישע טעאָרעטיקער און פּראַקטישע סאָציאַליסטישע טוערס, ווי קאַבע, געי און דעזאַמי. זייערע נעמען און אידייען האָבן אָבער ניט געשפּילט די ראָליע פון פאָנען פאַר פאַרשיידענע ריכטונגען. פון טעאָרעטישן באַדייט פאַר דעם סאָציאַליזם פאַרבלייבן פון אָט דעם פּעריאָד נאָר די שריפטן פון לואי־בלאַן און פּרודאָן. אין זייער צייט, — דער אָנהייב פון די פערציקער יאָרן, — הייבט זיך אָן אויסבילדן דער גייסטיק־סאָציאַליסטישער צענטער אין דייטשלאַנד, וואָס דערגרייכט זיין העכסטע אַנטוויקלונג אין די אַרבעטן פון פרידריך ענגעלס און קאַרל מאַרקס, וועמעס נייע געדאַנקען־גאַנגען און איינשטעלונגען עס ווערן די הערשנדיקע אין דער סאָציאַליסטישער וועלט ביז אויף דעם הייניקן טאָג.

בעת דער פּראָגרעסיווער געדאַנק האָט אין פראַנקרייך, אין די ערשטע דריי־פיר צענדליק יאָר פון דעם פאָריקן יאָרהונדערט, זיך קאָנצענטרירט אויף די פּראָבלעמען פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, פון דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר פרייהייט און פון דער פּאָליטישער היסטאָרישער פאָרשונג, האָט דער קאַמף צווישן פּראָגרעס און רעאַקציע געברויזט אין דייטשלאַנד אויף די פעלדער פון דער ריינער פילאָסאָפיע. אויפגעוואַקסט צו אַ זעלבסטשטענדיקן פאַרטיפטן דענקען דורך עמנואל קאַנטס „קריטיק פון דעם ריינעם שכל", איז דער יונגער פילאָסאָפישער שוואונג באַלד אַרויפגעפלויגן צו די הייכן פון אַ שפּינאָזיסטישן פאַנטעאיזם, אַ סינטעטיש־צונויפגעגאָסענעם מיט דעם געדאַנק פון אַן אינעווייניקסטער „דיאַלעקטישער" וועלט־אַנטוויקלונג.

פיכטע, שעלינג און העגעל זיינען די פאָנען־טרעגער און עטאַפּן פון אָט דעם נייעם מעטאַפיזישן גייסט־שוואונג. פון די דריי האָט נאָר פיכטע

אַ פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט. לויט זיין פילאָסאָפיע איז די גאַנצע וועלט אַרויסגעקומען ווי אַ דיאַלעקטישע אַנטוויקלונג פון אַ מעטאַפיזישן „איך", אַזוי־צו־זאָגן, אַן „אַל־איך", וואָס זיין עצם איז — די שטרעבונג צו אַ פאַרווירקלעכטער „מאָראַלישער וועלט־אָרדענונג". זיין צעצווייגן זיך אין איינצלנע מענטשלעכע „איכן" איז געשען נאָר צוליב דעם, כדי זיי זאָלן, דורך געמיינשאַפטלעכער אַרבעט אין אַ שטאַט, דורכפירן די פאַרקעפערונג פון די מאָראַלישע פליכטן אין דעם מענטשלעכן לעבן. די וויכטיקסטע מאָראַלישע פליכט פון אַ מענטשן איז דעריבער די אַרבעט.

דער סאָציאַליסטישער געדאַנק פון אַן „אַלגעמיינער אַרבעטס־פליכט", וואָס דער שטאַט לייגט אַרויף אויף אַלע זיינע בירגער, — און וואָס איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער מאָדערנער ראַטנלאַנדישער קאָנסטיטוציע, שטאַמט אין דער לעצטער ליניע פון פיכטען, וועלכן ער האָט אַנטוויקלט אין דעם יאָר 1800 אין זיין שריפט: „דער געשלאָסענער האַנדלס־שטאַט". די חשיבות פון דער מענטשלעכער אַרבעט ווערט ביי פיכטען דערהייבן ביז צו דער מדרגה פון אַן אַלוועלטלעך מאָראַלישן פּרינציפּ.

די צוויי שפּעטערע פילאָסאָפן, — שעלינג און העגעל, — וואָס האָבן ווייטער אַנטוויקלט און איבערגעפורעמט פיכטעס דיאַלעקטישע אַנטוויקלונגס־לערע, האָבן אינגאַנצן אַרויסגעלאָזן פון זייערע פילאָסאָפישע בנינים דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. אָבער אין דעם אָנהייב פערציקער יאָרן האָבן זיך שוין געגומען אָנמערקן אין דייטשלאַנד סימנים פון אַ קאָמוניסטישער באַוועגונג, סיי ביי די דייטשע פּועלים, וואָס האָבן געאַרבעט אין פראַנקרייך און אין שווייצאַריע, סיי ביי דער אינטעליגענציע. ביידע קאָמוניסטישע שטרעמונגען זיינען געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם. פאַר אונדזער צוועק איז וויכטיק צו ציען דעם אויפמערק צו דעם אינטעליגענטישן שטראָם, דעם אַזוי אָנגערופענעם „אמתן סאָציאַליזם", וואָס זיין טעאָרעטישער וואָרט־פירער איז געווען משה העס, און צו וועלכן אויך ענגעלס און מאַרקס האָבן אַ געוויסע צייט געהערט. אָט דער „אמתער סאָציאַליזם" איז געווען אַ דורך־און־דורך עטישער. פילאָסאָפיש האָט ער זיך אָנגעלענט אָן פייערבאַכן, אַ געוועזענעם תלמיד פון העגעלן, וואָס האָט אָבער דעם העגעלשן „וועלט־גייסט" פאַרוואַנדלט אין „נאַטור" און „מענטש". אַלץ, וואָס עס איז דאָ אין דער וועלט איז „נאַטור", און אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער מענטשלעכער וועלט איז אַ פּראָדוקט פון דער מענטשלעכער נאַטור, פון דעם „מין" מענטש. אויך „גאָט" איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי דער אידעאַל פון אַ מענטשן, וואָס

איז „פאַרדרויסנט געוואָרן“ פון אים אין דער געשטאַלט פון אַן איבערנאַ־טירלעכער, אַלמאַכטיקער, אַלוויסנדיקער און אַלץ באַהערשנדיקער קראַפט. פייערבאַך האָט אין זיין מאָראַל געפאָדערט די ליבע צו דעם מענטשלעכן „מין“.

דאָס שלאַגוואָרט פון דעם אמתן סאָציאַליזם איז געוואָרן דער קאַמף אַנטקעגן די עגאָאיסטישע יסודות און דערשיינונגען אין דער געזעלשאַפט און די ליבע צו דעם מענטשן. אויך דער יונגער מאַרקס, ווי מיר ווייסן איצטער, האָט היפש „אונטערגעזינדיקט“ אין פריידיקן די דאָזיקע ליבע. שפּעטער האָבן מאַרקס און ענגעלס אויסגעבויט זייער אייגענעם סיסטעם און האָבן דעם „אמתן סאָציאַליזם“, אין וועלכן זיי האָבן זיך אויפגעצויגן, ווי סאָציאַליסטן, שטאַרק אַרונטערגעריסן אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“.

עס איז ניט דאָ דער אָרט צו פאַרטיידיקן משה העסן, דעם פילאָסאָפישן סאָציאַליסט, וואָס האָט זיך, אגב, באַלד אָוועקגעשטעלט אונטער דער גייס־טיקער פירערשאַפט פון זיין תלמיד, קאַרל מאַרקס. דאָ דאַרף נאָר דער־מאָנט ווערן, אַז מאַרקסעס און ענגעלסעס קריטישע אָפּשאַצונגען פון זייערע אידייאישע קעגנער אין דעם סאָציאַליזם, טאָרן קיינמאָל ניט „געגעסן ווערן אַזוי הייס, ווי זיי ווערן געקאָכט“.

משה העס, וואָס האָט געמאַכט מאַרקסן פאַר אַ קאָמוניסט, האָט גע־שטרעבט צו פאַראייניקן פייערבאַכס „הומאַניזם“ מיט די בעסטע רעזול־טאַטן פון דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער געדאַנ־קען־ספערע. ניט גאָר קיין קלאָרער און צעפלאָסענער דענקער, איז ער אָבער זיכער געווען אַן אייגנאַרטיקער דענקער, מיט אַ סך אייגענע געדאַנקען, וואָס פילע פון זיי זיינען אַריינגעאַרבעט געוואָרן אויך אין דעם מאַרקסיסטישן סיסטעם.

פון אים שטאַמט, צ״ב, דער געדאַנק, אַז די געשיכטע פון דער מענטש־הייט איז די געשיכטע פון דעם „פאַרגעזעלשאַפטלעכן מענטשן“, אָדער פון דער „מענטשלעכער געזעלשאַפט“, און אַז ביז צו דעם טריאומף פון דעם קאָמוניזם, איז די געזעלשאַפט נאָך ניט קיין „מענטשלעכע“ — אַ געדאַנק, וועלכן אויך מאַרקס נעמט אויף אין זיין מסקנא, אַז מיט דער קאָמוניס־טישער רעוואָלוציע וועט זיך פאַרענדיקן „די פאָר־געשיכטע פון דער מענטש־הייט“. פון העסן שטאַמט אויך דער געדאַנק, אַז דער פּראָלעטאַריאָט וועט זיין דער „קבר־גראָבער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם“.

די שאַרפסטע פיילן פון זיין קריטיק שיסט העס אָפּ אין דעם סיסטעם פון מקח וממכר, פון האַנדל, און דער עיקר, פון דעם געלט—פון געלט אין דער הענדלערישער וועלט און פון דער געלט־באַלעבאַטישקייט בכלל.

אין אָט דער קריטיק שליסט ער זיך אָן אָן דער ניט־קאָמוניסטישער שולע פון פוריע. ער ברענגט אָבער אַרויס ריין קאָמוניסטישע אויספירן. ניט אומזיסט האָט אים שפּעטער, נאָך זיין טויט, די דייטשע סאָציאַליסטישע וועלט באַקרוינט מיט דעם נאָמען „דער אַלט־פאָטער דעם דויטשן קאָמוניזמוס״.

פון פוריען האָט ער נאָך פאַר קאַרל מאַרקסן אַריבערגענומען דעם האַס צו האַנדל און צום... יידנטום. משה העס — און האַס צום יידנטום? — אָט לאָזט מיר ציטירן אַ פּאָר שטעלן פון איינעם פון זיינע וויכטיקערע טעאָרעטישע שריפטן, וואָס רופט זיך: „וועגן דעם עצם ענין געלט״ („איבער דאָס געלדוועזען״), און וואָס פּרואווט געבן אַ פילאָסאָפיע פון דער ביזאַהעריקער געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אַרויסגייענדיק פון דעם געדאַנק, אַז די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט געמוזט פריער זיין אַ חיהשע, איידער זי איז געוואָרן אַ מענטשלעכע, און אַז דערצו האָט זי פריער געמוזט ווערן ניט נאָר אַ פּשוט חיהשע, נאָר דווקא אַ רויבערישע, אַ בלוט־דאָרשטיקע, שרייבט משה העס: „מיר זיינען שוין ניט מער קיין גראָז־פרעסער, ווי אונדזערע גוטמוטיקע אור־עלטערן, וואָס זיינען, אַמאָל, אויך געווען סאָציאַלע חיות, אָבער ניט קיין סאָציאַלע רויב־חיות און האָבן זיך געלאָזט פיטערן, ווי די גוטמוטיקע שטוב־חיות. מיר זיינען בלוט־זויגער, וואָס שינדן איינער דעם אַנדערן און פרעסן איינער דעם אַנדערן אויף... געלט איז דאָס סאָציאַלע בלוט, אָבער דאָס פאַרדרויסנ־לעכטע, דאָס פאַרגאָסענע בלוט. די יידן, וואָס האָבן אין דער נאַטור־געשיכטע פון דער סאָציאַלער חיה־וועלט געהאַט דעם וועלט־היסטאָרישן באַרוף צו אַנטוויקלען פון דער מענטשהייט אַ רויב־חיה, האָבן איצטער לסוף פאַרענדיקט זייער באַרוף־אַרבעט. — די מיסטעריע (דער געהיימער פאַרבאָרגענער זין — זש.) פון יידנטום און קריסטנטום איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין דער מאָ־דערנער יידיש־קריסטלעכער קרעמער־וועלט. די מיסטעריע פון קריסטוסעס בלוט, ווי די מיסטעריע פון דער אַלט־יידישער בלוט־פאַרערונג, דערוויזט זיך איצט גאַנץ נאַקעט, ווי די מיסטעריע פון דער רויב־חיה״. (זע דאָס ווערק: „מאָזעס העס. סאָציאַליסטישע אויפזעצע (1841־1847)״, אַרויסגעגעבן פון טעאָדאָר זלאָציסטי, בערלין, 1921, ז. 182).

געלט, שרייבט ער ווייטער, מאַכט אַלעמען גלייך. אַלע ווערן „גלייכ־באַרעכטיקטע רויב־חיות, וואָס זויגן אויס איינער ביי דעם אַנדערן דאָס בלוט״. זיי אַלע באַקומען זייער רעכט נאָר „מיט דעם כוח פון זייער נאַטור־רעכט, מיט דעם כוח פון זייער בשותפותדיקער קוואַליטעט, ווי רויב־חיות, ווי בלוט־זויגער, ווי יידן, ווי געלט־וועלף״... „די דערפינדונג פון געלט

און פון דעם אלף־בית ווערט צוגעשריבן צו די פעניקיער, דעם זעלביקן פאָלק, וואָס האָט אויך דערפונדן דעם יידישן גאָט". (ד. ג. ז. 183).

די גאַנצע חקירה וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט אין איר „קאַניבאַלישן, מענטשנפרעסערישן" צושטאַנד, וואו עס הערשט דער קאַמף פון אַלע אַנטקעגן אַלע, פאַרענדיקט העס אַט מיט וועלכע פאַר געדאַנקען: „דורך אַט דעם קאַמף האָבן מיר אָבער אַ גאַנץ אַנדער זאַך אויסגעקעמפט, איידער דאָס, וואָס מיר האָבן געשטרעבט און געהאָפט אויסצוקעמפן. מיר האָבן געגלייבט, אַז מיר דערווערבן אַ דרויסנלעך גוט, און מיר האָבן נאָר אונדז אַליין דעריין אַנטוויקלט. אָט די משוגעת איז אָבער אונדז געווען אַזוי לאַנג צו געזונט און צו הילף, אויף וויפיל זי האָט געהאָלפן צו אַנטוויקלען אונדזערע כוחות און השלמות. נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך שוין אַנטוויקלט, וועלן מיר איינע די אַנדערע נאָר חרוב מאַכן, אויב מיר זאָלן ניט איבערגיין צום קאָמוניזם... אויף דער אַנטוויקלונג־שטופע, וואָס מיר האָבן דערגרייכט, וועלן מיר איינע די אַנדערע נאָר קאָנען אויסרויבן און אויפפרעסן, אויב מיר זאָלן זיך ניט פאַראייניקן אינאיינעם אין ליבע. עס וועלן ניט אַריבערגיין קיין יאָרהונדערטער, ווי די ליבעראַלע שוטים מיינען, ניט קיין יאָרצענדליקער וועלן אַריבערגיין, ביז די הונדערט־פאַך געשטייגערטע פּראָדוציר־קרעפטן וועלן אַריינשטירצן אין דעם טיפסטן עלנט די גרויסע מערהייט פון יענע, וואָס מוזן לעבן פון דער אַרבעט פון זייערע אייגענע הענט, ווייל זייערע הענט וועלן פאַרלירן זייער ווערט; בעת אייניקע וויניקע, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט אָנקלייבן קאַפּיטאַלן, וועלן זיך באָדן אין איבערפול און וועלן אונטערגיין אין זייער עקלהאַפטער יאָגעניש נאָך הנאה, אויב זיי זאָלן ניט נאָך פריער זיך איינהערן אין דער שטים פון ליבע און שכל, אָדער זיך אונטערוואָרפן אונטער אַ געוואַלטזאַמער מאַכט" (ד. ג. ז. 186).

אַזוי געשריבן אין דעם יאָר 1845, ווען מאַרקס האָט, לויט דער עדות פון ענגעלסן, ערשט אויסגעאַרבעט דאָס קערנדל, פון וועלכן עס האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט זיין סיסטעם. אָבער אין דעם זעלביקן יאָר 1845 איז אין דער דייטשער ראַדיקאַלער געדאַנקען־וועלט אויך אויפגעקומען אַ שריפט, וואָס האָט געשטרעבט צו מאַכן אַ תל פון דעם גאַנצן מאָראַלישן איינשטעל, וואָס האָט געהערשט אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט אין אַ משך פון איבער צוויי טויזנט פינף הונדערט יאָר.

.14

מאַקס שטירנער

איבער אַ פערטל יאָרטויזנט האָבן די סאָציאַליסטישע געדאַנקען, סיס־טעמען און באַוועגונגען געקעמפט אַנטקעגן דעם עגאָאיזם און דער האַרט־האַרציקייט פון די הערשער און האָבן געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון אָרעם און רייך אין דעם נאָמען פון די העכערע מענטשלעכע אידעאַלן. די טרייבנ־דיקע קראַפט אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט איז געווען די מאָראַל פון מענטשנליבע און גערעכטיקייט, וואָס האָט געפונען די באַגייסטערטסטע פאַרטיידיקער ביי די אָנהענגער פון דעם „פילאָסאָפישן" אָדער „אמתן" סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד. אָבער גראָד אויף דער העכסטער הייך פון אָט דעם מין רייך־מאָראַלישן איינשטעל האָט דער סאָציאַליזם אַרויסגעבראַכט דאָרטן אַ ווערק, וואָס האָט אַ קער געטאָן דעם געדאַנק אין אַ פונקט אַנטקעגנגעזעצטער ריכטונג. מיר מיינען דאָ מאַקס שטירנערס שריפט: „דער איינציקער און זיין אייגנטום", פון דעם יאָר 1845, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט זיך אַ שאַרפן קריזיס אין דער מאָראַלישער באַגרינדונג פון די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען.

פאַר שטירנערן איז דער פירנדיקער שטערן אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַלטער וועלט ניט די „מענטשהייט", ווי ביי די סען־סימאָניסטן, ניט דער „כלל־מענטש", ווי ביי פייערבאַכן, ניט דער „עצם־מענטש", „דער טובת הכלל־מענטש" („גאַטונגסוועזען") אָדער דער „פאַרגעזעלשאַפטלעכער מענטש", ווי ביי העסן, נאָר דער מענטשלעכער יחיד, דער אינדיווידועלער איינצל־מענטש. פאַר דעם איינצל־מענטשן, זאָגט שטירנער, זיינען ניטאָ אַזעלכע זאַכן, ווי „אידעאַלן", ווי אַבסאָלוטער אמת, אָדער אַבסאָלוטער יושר, וואָס זאָלן קאָנען וואָס עס איז פאָדערן פון דעם איינצל־מענטשן — אידעאַלן, וועמען דער יחיד זאָל דאַרפן דינען. ניטאָ איבער אים קיין וועלכער עס איז גייסטיקער אויבער־האַר. ער איז די איינציקע רעאַליטעט און דער אַבסאָ־לוטער סואַווערען. אויך די ליבע צו דער מענטשהייט, אָדער צו דעם מענטשן,

איז אַ געוואַלטיקער טעות אין פּשט און אַן איינגערעדטער דמיון. אין תּוך איז גאָר ניטאָ במציאות אַזאַ מין זאַך, ווי די ליבע צו אַן אַנדער מענטשן. דער איינצל־מענטש, ד״ה, יעדער מענטש, איז אין תּוך אַן עגאָאיסט, וואָס זוכט אין לעבן נאָר זיין אייגענעם פּערזענלעכן פאָרטייל.

ווען אַ מענטש שטרעבט נאָך דעם „אמת״, מיינט ער דאָס אַזעלכע געדאַנקען, וואָס זאָלן אים ברענגען די אָדער יענע פּערזענלעכע באַפרידיקונג. אפילו ווען ער גייט אויף מסירת־נפש, טוט ער דאָס, ווייל אים ווילט זיך אַזוי. ממילא זיינען אויך די העכסטע קרבנות, וואָס אַ מענטש ברענגט פאַר אַ וועלכער־עס־איז „הייליקער זאַך״, נאָר דער אויסדרוק פון זיין אייגענעם עגאָאיזם.

אין דער איינטיילונג פון אָרעם און רייך זיינען שולדיק ניט אַזוי די עגאָאיסטישע הערשער און באַזיצער, ווי די אָרעמע אַליין. אַלע זיינען עגאָ־איסטן. די אָרעמע און די אונטערדריקטע האָבן זיך אָבער געלאָזט פאַרפירן פון אַלערליי אילוזיעס און פאַנטאַזיעס, דער עיקר, — פון דעם באַגריף „אייגנטום״. דעם אַנדערנס אייגנטום, האָט ער זיך איינגעשמועסט, דאַרף זיין „הייליק״, און ער טאָר עס ניט אָנרירן. אָבער עס איז ניטאָ אַזאַ מין זאַך ווי דעם אַנדערנס אייגנטום. עס איז נאָר דאָ מיין אייגנטום. און מיין אייגנטום, מאַטעריעלעס, ווי גייסטיקס, איז אַלץ, וואָס איך וויל האָבן און וואָס איך קאָן קריגן, אָדער דורך דער אייגענער מאַכט, אָדער מיט דער הילף פון פרייוויליקע שותפים, אויך אַזעלכע קלוגע און קלאָר־זעעוודיקע עגאָאיסטן, ווי איך.

מענטשן וועלן זיך באַפרייען פון אַלע פּלאָגן, ווען זיי זאָלן אָפּשאַפן אַלע צוואַנג־געזעצן, אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס פאָדערן די אָדער יענע אונטערוואַרפונג פון דעם יחיד „לטובת הכלל״, אַלע אידעאַלן, וואָס זאָלן מאָנען פון זיי עפּעס. רעליגיע, רעכט, שטאַט, מאָראַל, „ליבע״ און אַזוי ווייטער, זיינען איבערבלייבענישן פון אַ קינדישן צושטאַנד אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. דער אויסגעוואַקסענער און פריי־דענקענדיקער מענטש דערבליקט זייער פאַנטאַסמאַגאָרישן כאַראַקטער און באַפרייט זיך פון זיי.

ווען אַלע מענטשן וועלן דערגרייכן אָט דעם צושטאַנד פון גייסטיקער באַפרייאונג, וועלן זיי זיך פאַראייניקן אין פרייע פאַרבאַנדן פון פרייע עגאָאיסטן, וואָס וועלן מיט געמיינשאַפטלעכע כּוחות העלפן איינער דעם אַנדערן אין דער דערגרייכונג פון זייערע אייגענע עגאָאיסטישע צילן און פּערזענלעכע פאַרלאַנגען. און העלפן איינער דעם אַנדערן וועלן זיי נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס וועט ליגן אין זייער אייגענעם פאַרלאַנג, לויט זייער אייגענעם פרייען באַשלוס און אייגענעם פאָרטייל.

שטירנערס „דער איינציקער און זיין אייגנטום" איז די ראַדיקאַלסטע שריפט, וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם רעוואָלוציאָנערן, צו פרייהייט־שטרעבנדיקן געדאַנק. שפּעטער איז זי דערהויבן געוואָרן צו אַ מין „ברית חדשה", אַן עוואַנגעליום פאַר די ריכטונגען פון דעם אינדיווי־דואַליסטישן אַנאַרכיזם. אונטער פּרודאָנס אַנאַרכיסטישע געדאַנקען האָט שטירנער געפּרואווט אונטערבויען אַ ראַדיקאַל־פילאָסאָפישן פונדאַמענט. און דער גרונט־געדאַנק פון זיין פילאָסאָפיע איז באַשטאַנען אין יענעם ריכטיקן איינזען, וואָס האָט שוין אויפגעפלאַמט ביי דעקאַרטן אין דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט, אַז די אייגענע אינדיווידועלע עקזיסטענץ און דער אייגענער באַוואוסטזיניקער דענקען איז די זיכערסטע זאַך, וואָס עס איז דאָ אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש.

עס איז אַבסאָלוט ריכטיק, מוזן מיר מודה זיין, אַז אַלץ, וואָס דער מענטש ווייסט און פאַרלאַנגט, שטאַמט, פון אינעווייניק באַזונדער, פון זיין אייגענעם „איך", און אַז אַלץ, וואָס איז „ניט־איך", סיי אין מיין דענקען, סיי אין מיינע שטרעבונגען, איז מיר באַקאַנט נאָר דערמאָלט, ווען עס ווערט אַ פּראָדוקט פון פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין מיר גופא. ווען איך זע פאַר מיר אַ ים, עקזיסטירט פאַר מיר דער ים נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל איך זע אים, אָדער דענק וועגן אים, אַ דאַנק זע־ און דענק־פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין מיר. און ווען איך זע, ווי איינער טרינקט זיך אין ים, און איך וואַרף מיך צו ראַטעווען אים, איז מיין שטרעבן אויך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פּראָדוקט פון פּסיכישע פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין מיר און גיבן מיך אַ שטויס אין אַ געוויסער ריכטונג.

אַזאַ איינזען פירט אין דער אַלגעמיינער פילאָסאָפיע קאָנסעקווענט צו דעם שטאַנדפּונקט פון דעם סאָליפּסיזם, פון דעם „אני ואפסי עוד": נאָר איך עקזיסטיר און די גאַנצע דרויסנוועלט איז נאָר אַ דמיון אין מיר. אין דער מאָראַל־פילאָסאָפיע פירט ער קאָנסעקווענט צו דעם אַבסאָלוטן עגאָאיזם, וואָס איז אויך אַ מין „סאָליפּסיזם", אַ מין „אני ואפסי עוד". נאָר מיין באַפרי־דיקונג איז די אמתע טרייב־קראַפט פון אַלע מיינע געפילן, שטרעבונגען און האַנדלונגען, און דער אַזוי־גערופענער אַלטרואיזם, אָדער די ליבע צו דעם אַנדערן אָדער צו אַן אַנדער זאַך און אפילו צו „מסירת־נפש" צוליב אים אָדער צוליב אַן אַנדער זאַך, צוליב אַ „ניט־איך", איז אין תוך ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר אַ געוויסע מאָדיפיקאַציע, אַן אַרט פון מיין אייגענער זעלבסט־באַפרידיקונג. אָט דער מאָראַל־פילאָסאָפישער עגאָאיזם איז שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער אַלט־גריכישער פילאָסאָפיע מיט אַריסטיפּס דערקלערונג: „עכאָ, אוק עכאָמאַי" („איך האָב. קיין זאַך האָט ניט מיך").

עס איז ניט דאָ דער אָרט צו שילדערן, ווי אַזוי דער פילאָסאָפישער געדאַנק באַפרייט זיך פון דעם „סאָליפּסיזם" און ווי אַזוי עס דאַרף דערקלערט ווערן די אמת טיפע רעטעניש, וואָס שטעקט אין דעם ענין „איך". דאָ מוז אָבער אַרויסגעבראַכט ווערן יענער טעאָרעטישער פעלער, וואָס דער „סאָליפּסיזם", — סיי אין דער אַלגעמיינער פילאָסאָפיע, סיי אין דער מאָראַל-פילאָסאָפיע, — באַגייט, ווען ער בלייבט שטיין ביי זיין ערשטן איינזען, אַזאַ זיכערן אויף דעם ערשטן, אָבער טיפן אַריינבליק.

דער פעלער באַשטייט דערין, וואָס דער סאָליפּסיזם זעט ניט איין, אַז אין „מיינע" אייגענע פּסיכישע פּראָצעסן הערשט אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם „איך" און דעם „ניט-איך", אָדער דעם „דרויסן פון מיר". איך זע דעם ים. לייג איך די הויפּט-וואָג און דעם הויפּט-אינטערעס אויף דעם „איך" און די פּראָצעסן, וואָס קומען אין „מיר" פאָר, דעמאָלט איז קיין חילוק ניט, צי איך זע אַ ים אין חלום, אָדער אויפן וואָר. איןביידע פאַלן איז דער ים אַ פּסיכישע דערשיינונג אין מיר, אַ באַשטימטע מאָדיפיקאַציע פון מיין באַוואוסטזיין, און ער הערט פאַר מיר אויף צו זיין אַ „ניט-איך". אָבער ווען איך זאָג: איך זע—אַ זאַך, וואָס איז דרויסן, דעמאָלט לייג איך די וואָג אויף מיין פּראָצעס פון זען, און מיך אינטערעסירט דערביי ניט דאָס, וואָס איך זע, נאָר דאָס וואָס איך זע: אַ זאַך, וואָס איז דרויסן פון מיר, מיט וועלכער איך דאַרף זיך רעכענען און אָפּטמאָל אויך זיך היטן פאַר איר, — דעמאָלט הערט דער ים אויף צו זיין פּסיכיש אַ טייל פון מיין „איך", אַ באַשטימטע מאָדיפיקאַציע פון מיין „איך"-באַוואוסטזיין. ער ווערט אַ „ניט-איך", אַ רעאַל-עקזיסטירנדיקע דרויסנדלעכע זאַך.

דאָס אייגענע איז אויך ריכטיק בנוגע דעם סאָליפּסיזם, דעם אני ואפסי עוד, אין דער מאָראַל-פילאָסאָפיע, אין דער עגאָאיסטישער טעאָריע פון די מאָראַלישע געפילן. ווען איך וואַרף מיך אין ים צו ראַטעווען דעם אַנדערנס לעבן און דערביי שטייט אין דעם צענטער פון מיין געפיל דאָס אייגענע „איך", דער קלאָרער באַוואוסטזיין, אַז דאָס טו איך נאָר צוליב מיין אייגענער צופרידנקייט, — אפשר כדי צו באַווייזן פאַר אַנדערע אָדער פאַר זיך אַליין מיין אייגענע העלדישקייט, — איז דאָס בלי ספק, אַן עגאָאיסטישער אַקט. די רעטונג פון דעם „ניט-איך" איז דעמאָלט אַ טפל. דער עיקר איז די אייגענע באַפרידיקונג.

אָבער ווען איך וואַרף מיך אין ים, און אין דעם צענטער פון מיין אינטערעס שטייט ניט די יאָגעניש נאָך אַן אייגענער באַפרידיקונג, נאָר דער ווּנטש צו ראַטעווען דעם אַנדערנס לעבן, איז דעמאָלט די הויפּט-זאַך ניט דאָס „איך" און מיין „פּאַרטייל", אָדער באַפרידיקונג. די הויפּט-זאַך איז דע-

מאָלט פאַר מיר דעם אַנדערנס לעבן, ניט די אייגענע באַפרידיקונג, הגם אין דעם אונטער־באַוואוסטזיין האָט דאָס שטרעבן צו דער אייגענער באַפרידי־קונג געמעגט שפּילן אַ געוויסע ראָליע. אין אַט דעם פאַל זיינען די געפילן און די שטרעבונג שוין ניט קיין עגאָאיסטישע, נאָר ריין אלטרואיסטישע.

אָדער: טראַכט זיך אַריין אין דער פסיכאָלאָגיע פון אַ מוטער, וואָס זיצט אין טיפסטן צער ביי דער וויג פון איר מסוכן קראַנקן קינד. זיכער האָט דער אַבסטראַקטער טעאָרעטיקער דערביי אַ רעכט צו זאָגן: די זיצט אין איר טיפסטן צער, ווייל ס׳איז איר קינד, און דאָס איז איר טייער, ממילא איז דאָס אַ ריין עגאָאיסטישער פסיכאָלאָגישער פּראָצעס. אָבער אין דעם פּסי־כאָלאָגישן אינטערעס פון דער מוטער איז גאָר דערביי פאַרשוואונדן אי איר אייגענער „איך”, אי איר צער. אין דעם צענטער פון דעם באַוואוסטזיין שטייט און שמאַרצט די זאָרג פאַר דעם קינד, פאַר אַ „ניט־איך” אין דעם אייגנטלעכן זין פון דעם וואָרט.

אַלע מאָראַלישע געפילן מעגן טאַקע זיין אַ פּראָדוקט פון פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין אַ מענטשלעכן „איך”. אָבער אויב אין דעם צענ־טער פון דעם באַוואוסטזיין שטייט די זאָרג פאַר זיך אַליין און פאַר דער אייגענער באַפרידיקונג, איז דאָס — עגאָאיזם. אויב אָבער אין דעם צענטער פון דעם באַוואוסטזיין שטייט די זאָרג פאַר דעם אַנדערן, אָדער דער איב־טערעס צו עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרטויבט די שטים פון דער אייגענער עק־זיסטענץ, האָבן מיר פאַר אונדז אַן אַלטרואיסטישן אָדער אידעאַליסטישן פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס.

שטירנער אַליין לייקנט ניט, אַז אַזוינע פּראָצעסן זיינען פאַראַן. אָבער ער איז אַזוי נתפעל געוואָרן פון דער אַנטפּלעקונג, אַז אויך זיי זיינען מאָדי־פיקאַציעס פון אַן „איך”־באַוואוסטזיין, אַז פון זיין אויג פאַרשווינדט דער פּסיכאָלאָגישער תהום, וואָס עקזיסטירט צווישן די צוויי אַזוינע פאַרשיידענע פּסיכאָלאָגישע מאָדיפיקאַציעס, ווי עגאָאיזם און אַלטרואיזם.

מיט שטירנערס שריפט האָט זיך אָבער אין דער ראַדיקאַל־סאָציאַליס־טישער געדאַנקען־וועלט אַנגעהויבן אַ קריגס־דערקלערונג דער מאָראַל.

.15

די סאָציאַלע מאָראַל פון מאַרקס און ענגעלס

שטירנערס „דער איינציקער און זיין אייגנטום" פון דעם יאָר 1845, שטעלט מיט זיך פאָר די שאַרפסטע קריטיק פון דעם מאָראַלישן איינשטעל אין די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע טעאָריעס און באַוועגונגען. אַנשטאָט דעם פייערבאַכשן „הומאַניזם" מיט זיין קולט פון דעם „מענטשן בכלל", וואָס איז כולל אין זיך די אידעאַלן און מאָראַלישע מעלות פון דעם „מענטשלעכן מין"; אַנשטאָט דעם „גאָטונגס-וועזן", דעם „תוך פון דעם מענטשלעכן מין" (אייגנטלעך: „אַ מענטש, וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דעם עצם ענין: מענטש"), האָט שטירנער אַוועקגעזעצט אויפן טראָן דעם יחיד, דעם „איינצל-מענטשן", וואָס וויל ניט דולדן איבער זיך קיין אַנדער מאַכט, אַ חוץ דעם אייגענעם סאָוועריענעם ווילן און פאַרלאַנג: ניט די מאַכט פון דעם שטאָט, ניט די מאַכט פון דער געזעלשאַפט, ניט די אידייאישע מאַכט פון אַ וועלכן עס איז מאָראַלישן פּרינציפּ אָדער אידעאַל. אַנשטאָט דער „מענטשנליבע" און די אידעלע איינזעעניש פון דעם „מענטשלעכן שכל", וואָס פון זיי האָבן משה העס, קאַרל מאַרקס און פרידריך ענגעלס אַרויסגעדרונגען זייער קאָמוניזם, האָט שטירנער אָנגעשריבן אויף זיין פאָן דעם עגאָאיזם, ווי די לעצטע, איינציקע טרייב-קראַפט פון אַלע מענטשלעכע שטרעבונגען און מעשים.

אָט דער קריטישער איבערבראָך אין דעם סאָציאַליסטישן געדאַנקען-גאַנג האָט געפונען זיין טעאָרעטישן אָפּקלער און באַגרינדונג אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" פון מאַרקס און ענגעלס, וואָס איז שוין פאַרטיק געוואָרן צום דרוק אין דעם יאָר 1847.

דער וואָס שטודירט די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון יענער צייט, — דער עיקר, די ווערק פון משה העס, מאַרקס און ענגעלס, — פאַר יענעם קאָן גאָר קיין ברעקל ספק ניט זיין, אַז שטירנערס שאַרפע קריטיק האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג פריער אויף מאַרקסן און ענגעלסן, דערנאָך אויף העסן, ווען ער איז אַריבער צו זיינע פריערדיקע תלמידים און האָט זיך אידענטיפיצירט מיט זיי.

אין די שריפטן פון מאַרקס און ענגעלס פאַר די יאָרן צווישן 1843 און 1847 קאָנען מיר געפינען סיי אומצייליקע שטעלן, אין וועלכע עס טרעט קלאָר אַרויס אי זייער פייערבאַכיש־העסישער הומאַניזם, אי דער איבערגאַנג צו אַ קריטיק פון „מענטשנליבע", סיי דעם ווייטערדיקן איבער־גאַנג צו דעם קאָנסעקווענטן אָפּוואַרפן פון יעדער מאָראַל.

מיר וועלן דאָ ברענגען נאָר אַ פּאָר כאַראַקטעריסטישע שטעלן אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר.

אין זיין שריפט: „צו דער ידנפראַגע" פון דעם יאָר 1843 קריטיקירט מאַרקס די ריין־פּאָליטישע דעמאָקראַטיע, אין וועלכער די יידן ווילן ווערן גלייכבאַרעכטיקט, ווי בירגער פון אַ שטאַט. די ריין־פּאָליטישע דעמאָקראַטיע איז, נאָך זיין מיינונג נאָך, אַ קריסטלעכע. קריסטלעך איז זי דערפאַר, שרייבט ער, „וואָס פאַר איר איז דער מענטש, ניט נאָר אַ מענטש, נאָר יעדער מענטש, אַ סואווערענער, העכסטער יש. אָבער דאָס איז אַ מענטש, וואָס איז נאָך... פאַרדאָרבן דורך דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע פון אונדזער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אַליין פאַרלאָרן, פאַרדרויסנט, וואָס געפינט זיך אונטער דער שליטה פון אוממענטשלעכע צושטאַנדן און עלעמענטן, — מיט איין וואָרט, דער מענטש, וואָס איז נאָך ניט קיין עצם־מענטש" („גאַטונגס־וועזן"). (זע „גע־זאַמלטע שריפטן פון מאַרקס און ענגעלס, 1841 ביז 1850", ערשטער באַנד, ז. 414).

קריטיקירנדיק די „מענטשנרעכט" אין די בורזשואַזע קאָנסטיטוציעס פון פראַנקרייך און די פאַראייניקטע שטאַטן, באַמערקט מאַרקס, אַז דאָס זיינען נאָר „די רעכט פון אַ מיטגליד אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, דאָס הייסט, פון אַן עגאָאיסטישן מענטשן" (ד. ג. ז. 417). וועגן דער זיכערקייט, וואָס די קאָנסטיטוציעס זאָגן־צו יעדן איינעם, דערקלערט מאַרקס, אַז „מיט דעם באַגריף זיכערקייט האָט זיך די בורזשואַזע געזעלשאַפט ניט אויפגעהויבן איבער איר עגאָאיזם. די זיכערקייט איז די פאַרזיכערונג פון איר עגאָאיזם", און בכלל: אין אַלע אַזוי־גערופענע מענטשנרעכט, איז „מען ווייט דערפון, אויפצונעמען דעם מענטשן, ווי אַ יש פון דעם מענטש־לעכן מין" (ז. 419), אָבער: „יעדע עמאַנסיפּאַציע איז די צוריקפירונג פון דער מענטשלעכער וועלט, פון די אומשטאַנדן, אויף דעם מענטשן גופא" (ז. 423).

די שריפט שליסט מאַרקס אָפּ אָט מיט וועלכע שורות, וואָס דערקלערן דעם ענין פון „מענטשלעכער באַפרייאונג": „ערשט ווען דערווירקלעכער אינדיווידועלער מענטש וועט צוריק אַריינגעמען אין זיך דעם אַבסטראַקטן שטאַט־בירגער און וועט, ווי אַן אינדיווידועלער מענטש, ווערן אַ „גאַטונגס־

ווערן" (אַ מענטש בעצם. — זש.) אין זיין עמפּירישן לעבן, אין זיין אינדיווידועלער אַרבעט, אין זיינע אינדיווידועלע שייכותן; ערשט ווען דער מענטש וועט זיינע אייגענע כּוחות האָבן דערקענט און אָרגאַניזירט, ווי געזעלשאַפטלעכע כּוחות, און וועט דעריבער ניט אָפּטיילן פון זיך די געזעלשאַפטלעכע קראַפט אין דער געשטאַלט פון אַ פּאָליטישער קראַפט, ערשט דעמאָלט וועט זיין דורכגעפירט די מענטשלעכע עמאַנסיפּאַציע" (ז. 424).

פון אָט דעם, ריין־העסישן, שטאַנדפּונקט האָט מאַרקס באַטראַכט אויך דאָס ייִדנטום. „אין דער ייִדישער רעליגיע", זאָגט ער, „ליגט אַבסטראַקט דער ביטול צו טעאָריע, צו קונסט, צו געשיכטע, צו דעם מענטשן, ווי אַ צוועק אין זיך גופא. דאָס איז דער ווירקלעכער, באַוואוסטזיניקער שטאַנדפּונקט, די צדקות („טוגנט") פון דעם געלט־מענטשן... דעם ייִדנס כימערישע נאַציאָנאַליטעט, איז די נאַציאָנאַליטעט פון דעם סוחר, פון דעם געלט־מענטשן בכלל". (זז. 428־429).

דער זעלביקער ריין־הומאַניסטישער, ריין־מאָראַלישער איינשטעל טרעט אַרויס ביי מאַרקסן אין אַלע שריפטן פון יענער צייט. ער איז דער הערשנדיקער אויך ביי ענגעלסן, פון וועמען מיר וועלן ברענגען נאָר איין ציטאַט, פון זיין רעדע אין עלבערפעלד, אין וועלכער ער האָט פאַרטיידיקט דעם קאָמוניזם פאַר אַ קרייז אינטעליגענטן. „עס גייט אין דעם, צו באַשאַפן אַזאַ לעבנס־לאַגע פאַר אַלע מענטשן, אַז יעדערער זאָל קאָנען פריי אַנטוויקלען זיין מענטשלעכע נאַטור, זאָל קאָנען לעבן מיט דעם צווייטן אין אַ מענטשלעכן אויפטראָג, און זאָל ניט דאַרפן מורא האָבן, אַז זיין לעבנס־לאַגע וועט מיט געוואַלד פונאַנדערגעטרייסלט ווערן. איינצלנע וועלן דערביי מוזן עפּעס מקריב זיין. אָבער דאָס וועט ניט זיין זייער באמת מענטשלעכע הנאה פון לעבן, נייערט נאָר דער דמיון פון אַ הנאה אין לעבן, אַן אַרויסגעבראַכטע פון אונדזערע שלעכטע צושטאַנדן, עפּעס אַזוינס, וואָס איז צואווידער דעם אייגענעם שכל און אייגענעם האַרצן פון אַלע די, וואָס באַנוצן זיך מיט יענע כלומרשטדיקע פאַרטיילן" (ז. באַנד צוויי, ז. 402).

הייסט עס, אויך דאָ — אַ רוף ניט נאָר צו דעם פּראָלעטאַריער, נאָר צו יעדן מענטשן, זיך אָנצושליסן אָן דעם קאָמוניזם, צוליב דער באַשאַפונג פון אַן „אמת־מענטשלעכן" לעבן פאַר אַלעמען, אַן אַלטרואיסטישער אַפּיל צו „שכל און האַרץ" פון יענע, וואָס פאַרנעמען פּריווילעגירטע פּאָזיציעס אין דעם געזעלשאַפטלעכן בנין. דאָס איז דער זעלביקער איינשטעל, וואָס האָט נעהערשט ביי אַלע סאָציאַליסטישע שולעס אין פראַנקרייך און אויך אין דעם „אמתן סאָציאַליזם" פון משה העס.

אָבער שוין אין 1846 האָט געגומען קלאָר ווערן מאַרקסן, אַז די באַגרינדונג פון דעם קאָמוניזם קאָן ניט געזוכט ווערן אויף דעם וועג פון מאָראַלישע דרשות. ער פאַלט העפטיק אָן אויף דעם יונגן קאָמוניסט הערמאַן קריגע, וואָס האָט געהערט צו דעם זעלביקן גייסטיקן קרייז, ווי ער, פאַרוואָס ער „פאַרלירט זיך אין פאַנטאַסטישע צעפלאָסענע געפילן״, פאַרוואָס ער „באַווייזט ניט מיט די פאַקטישע צושטאַנדן די נייטיקייט פון אַ בשותפותדיקן שאַפן און ווירקן״; פאַרוואָס ער „דערוואַרט די פאַרווירקלעכונג פון דעם קאָמוניזם ניט ווי די רעזולטאַטן פון דער וועלט־היסטאָרישער אינדוסטריעלער באַוועגונג און אירע נויטווענדיקע קאָנסעקווענצן״, נאָר פון „די געפילפולע הערצער פון די באַזיצנדיקע״.

גלייך אין דעם אָנהייב פון דעם ערשטן אָפּשניט פון זיין פּאָלעמיק, שרייבט מאַרקס: „דאָס געפילפולע האַרץ, וואָס שוידערט אויף ביי דעם אָנבליק פאַר דעם הערשנדיקן עלנט, איז, ווי הער גוצקאָוו זאָגט, דער לעבעדיקסטער אַדוואָקאַט פון דעם קאָמוניזם. בלי ספק איז די אַלגעמיינע מענטשנליבע, ווי זי איז געפּריידיקט געוואָרן פון דעם אורקריסטנטום, — וועלכן אייניקע האָבן באַטראַכט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון קאָמוניזם, — געוועזן איין קוואַל, פון וועלכן עס זיינען אויפגעקומען די אידייען פון סאָציאַלע רעפאָרמען... להיפּוך צו דער שלעכטער ווירקלעכקייט און צו דעם האַס האָט מען געפּריידיקט די ממשלה פון ליבע... אָבער די דער־פאַרונג לערנט, אַז אָט די ליבע האָט אין 1800 יאָר גאָרנישט אויפגעטאָן״ און „האָט ניט געקאָנט גרינדן איר ממשלה. דערפון איז דאָך קלאָר געדרונ־גען, אַז אָט די ליבע, וואָס האָט ניט געקאָנט מנצח זיין דעם האַס, גיט אונדז ניט יענע ענערגישע קראַפט צו מעשים, וואָס איז נייטיק פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען. אָט די ליבע פאַרלירט זיך אין סענטימענטאַלע פראַזן, וואָס דורך זיי קאָן מען ניט אָפּשאַפן קיין ווירקלעכע פאַקטישע צושטאַנדן. זי שלאָפט אָפּ דעם מענטשן מיט איר וואַרעמען געפיל־געקעכטס, מיט וועלכן זי שפּייזט אים. אָבער די נויט גיט דעם מענטשן קראַפט. ווער עס מוז זיך אַליין העלפן, דער העלפט זיך טאַקע. און דעריבער זיינען די ווירקלעכע צושטאַנדן פון אונדזער וועלט, דער שאַרפער קעגנזאַץ אין דער הייִנטיקער געזעלשאַפט צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט, צווישן בורזשואַזיע און פּראָלע־טאַריאַט, ווי זיי האָבן זיך אויף דעם העכסטן אופן אַנטוויקלט אין דעם אינדוסטריעלן משא־ומתן, — זיי זיינען דער צוויטער, דער שטאַרקער ברויזנדיקער קוואַל פון אַ סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם, פון פאַרלאַנגען סאָציאַלע רעפאָרמען. אָט די צושטאַנדן שרייען צו אונדז: „אַזוי קאָן דאָס ניט בלייבן. דאָס מוז ווערן אַנדערש, און

מיר אַליין, מיר מענטשן, מוזן דאָס איבעראַנדערשן״. אָט די אייזערנע נויטווענדיקייט פירט צו דער פאַרשפרייטונג פון די סאָציאַליסטישע שטרע־בונגען, און באַשאַפט פאַר זיי מעשים־קרעפטיקע אָנהענגער. זי וועט דורכ־ברעכן אַ וועג פאַר די סאָציאַליסטישע רעפאָרמען, גיכער אײדער די גאַנצע ליבע, וואָס גליט אין אַלע געפּילפּולע הערצער פון דער וועלט״. (ז. באַנד צוויי, ז. 416).

אָט די מערקווירדיקע שטעלע פאַר דער געשיכטע פון דעם מאַרקסיזם, גיט אונדז דעם איבערגאַנג פון מאַרקסעס אידעאַליסטישן איינשטעל צו זיין ריין אָביעקטיוו־רעאַליסטישן וועלט־באַנעם אין דעם „מאַניפעסט״. דאָ ווערט די הויפּט־וואָג אַלץ נאָך געלייגט אויף דעם מענטשן, זיינע נויטן און נויטווענ־דיקייטן; דאָ ווערט נאָך די מענטשנליבע אַלץ נאָך באַטראַכט, ווי איין קוואַל פון אַ „סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם״. דאָ איז נאָך אַלץ דער „מענטש („מיר, מענטשן״) דער שמיד פון זיין אייגענעם גורל. מער נישט די מענטשלעכע נויט און נויטווענדיקייט איז אַ פּיל שטאַרקערע, אומגעשטאַלטנדיקע קראַפט, איידער די מענטשנליבע, איידער מענטשלעכע „שכל און האַרץ״.

אין דעם „מאַניפעסט״ ווערט די סוביעקטיווע מענטשלעכע נויט און נויטווענדיקייט פאַרוואַנדלט אין אַן אָביעקטיווער היסטאָרישער אומפאַרמייד־לעכקייט. „מענטש״, „מענטשלעכע געזעלשאַפט״, ווי אויך דער „עצם־מענטש״ ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ קלאַסן־קאַמף, וואָס טרייבט אַלעמאָל די רעדער פון דער געשיכטע, און די גאַנצע מאָראַל, ווי אַלע אַנדערע „אייביקע אמתן״ און פּרינציפּן, ווערן פאַרוואַנדלט אין שאָטנס, וועלכע דער קלאַסן־קאַמף וואַרפט אויף דעם עקראַן פון אונדזער באַוואוסטזיין. דער סאָציאַליזם רייסט דאָרטן איבער, שאַרף און אַבסאָלוט, זיין פערטל־טויזנט־יאָריקן זיווג מיט דער מאָ־ראַל און בויט אויס פאַר זיין באַגרינדונג אַ ריין־„וויסנשאַפטלעכן״ פונדאַ־מענט, אַ פרייען פון יעדער אינדיווידועלער מאָראַל און סאָציאַלער עטיק.

.16

קאַרל מאַרקס׳ מאַניפעסט און די סאָציאַלע מאָראַל

ביי פייערבאַכן זיינען די באַגריפן: „מענטש״ און „מענטשלעכער מין״ געווען דער אומבאַוואוסטזיניקער תוך פון אַלע רעליגיעזע און מאָראַלישע אידייען און אידעאַלן, ווי אויך פון אַלע פּאָליטישע לעבנספאָרמען אין דעם לויף פון דער געשיכטע. די זעלביקע באַגריפן האָבן געזאָלט אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן דינען ווי די פירנדיקע שטערן אין דעם קאַמף אַנטקעגן דער אַלטער וועלט פאַר אַ בעסערער צוקונפט. ביי משה העסן איז אָט דער „מענטש״, דער באַשאַפער פון דער מענטשלעכער געשיכטע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם „סאָציאַליזירטן מענטשן״, דעם מענטשן, וואָס פירט אַ געזעלשאפטלעך לעבן. שטירנער וויל ניט וויסן פון דעם „כלל-מענטשן״ און אויך ניט פון דעם סאָציאַלן מענטשן, ווי אַ פירנדיקן שטערן אין דעם באַפרייאונגס-קאַמף. „מענטש״ איז פאַר אים דער איינצל-מענטש, דער יחיד, וואָס ווערט באַהערשט אין זיינע מעשים פון זיין אייגענעם עגאָאיסטישן אינטערעס, און וואָס וויל ניט וויסן פון וועלכע עס איז „אידעאַלן״, וועלכע ער זאָל דאַרפן „דינען״.

ביי קאַרל מאַרקסן ווערט דער העסישער „פאַרגעזעלשאפטלעכער מענטש״ מגולגל אינעם „סכום פון געזעלשאפטלעכע שייכותן״, און נאָך שפּעטער ווערט דער דאָזיקער „סכום פון געזעלשאַפטלעכע שייכותן״, — ניט אָן דער איינווירקונג פון שטירנערס אַנטי-אידעאַליסטישן, אַנטי-מאָראַלישן עגאָאיזם, — פאַרוואַנדלט אין די באַגריפן פון „מאַטעריעלער פּראָדוקציע״ און פון „קלאַסן-קאַמף״, וואָס נעמען איבער אויף זיך די ראָל פון אַלץ דערקלערנדיקע פּרינציפּן פאַר דער געשיכטע פון דער מענטשהייט און פאַר דעם פירנדיקן שטערן אין דעם פּראָלעטאַריאַטס באַפרייאונגס-קאַמף.

עס איז ניט דאָ דער אָרט צו שילדערן, ווי אַזוי עס זיינען — אין דער דייטשער פילאָסאָפישער געדאַנקען-וועלט — פאַרגעקומען אָט די אַלע גלגולים; ווי אַזוי פּיכטעס געטלעכער „אַל-איך״ איז מגולגל געוואָרן אין

העגעלס „וועלט־גייסט“, אין פייערבאַכס „מענטש“, אין שטירנערס „איינצל־איך“, אין מאַרקסעס „סכום פון געזעלשאַפטלעכע שייכותן“ און לסוף — אין דער צייט פון דעם „מאַניפעסט“ — אין „מאַטעריעלע פּראָדוקציע“ און „קלאַסן־קאַמף“.

דאָ דאַרפן מיר נאָר באַווייזן, וואָס פאַר אַ פּנים עס האָבן באַקומען אין דעם „מאַניפעסט“ די מענטשלעכע אידייען און אידעאַלן בכלל און די מאָראַלישע בפרט.

„וואָס באַווייזט אונדז די געשיכטע פון די אידייען“, — פרעגן מאַרקס און ענגעלס אין דעם „מאַניפעסט“, — „אויב ניט דאָס, אַז די גייסטיקע פּראָדוקציע האָט זיך איבערגעאַנדערשט אין איינעם מיט דער מאַטעריעלער? די הערשנדיקע אידייען פון אַ צייט זיינען אַלע מאָל געווען נאָר די אידייען פון דעם הערשנדיקן קלאַס.

„מען וועט זאָגן: אָבער די רעליגיעזע, מאָראַלישע, פילאָסאָפישע, פּאָליטישע, רעכטלעכע אידייען האָבן זיך טאַקע געביטן אין דעם לויף פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. די רעליגיע, די מאָראַל, די פילאָסאָפיע, די פּאָליטיק, דאָס רעכט האָבן זיך דאָך דערהאַלטן אין אָט דעם אומבייט. אויסער דעם זיינען פאַראַן אייביקע אמתן, ווי פרייהייט, גערעכטיקייט, אאַז״וו, וואָס האָבן אַ קיום אין אַלע געזעלשאַפטלעכע צושטאַנדן. דער קאָמוניזם אָבער שאַפט אָפּ די רעליגיע, די מאָראַל, אַנשטאָט צו געבן זיי אַ נייע געשטאַלט. בכן גייט ער להיפוך צו דער גאַנצער ביזאַהעריקער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

„וואָס פאַר אַ זין האָבן אין דער לעצטער ליניע אָט די טענות? — די געשיכטע פון דער גאַנצער ביזאיצטיקער געזעלשאַפט האָט זיך באַוועגט אין קלאַסן־היפוכים, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע עפּאָכן אָנגענומען פאַרשיידענע געשטאַלטן. אָבער וואָס פאַר אַ פאָרם זיי זאָלן ניט האָבן אָנגענומען, די עקספּלואַטאַציע פון איין טייל געזעלשאַפט דורך דעם אַנדערן איז אַ פאַקט, אַ בשותפותדיקער פאַר אַלע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער. עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס דער געזעלשאַפטלעכער באַוואוסטזיין פון אַלע יאָרהונדערטער, הגם אַ פאַרשיידנאַרטיקער און פיל־געשטאַלטיקער, האָט זיך פּאַרט באַוועגט אין געוויסע בשותפותדיקע פאָרמען, אין באַוואוסטזיינס־פאָרמען, וואָס וועלן דורכאויס פאַרשווינדן מיט דעם פאַרשווינדן פון דעם קלאַסן־היפוך“. (מיר ציטירן די שטעלן פון דעם „מאַניפעסט“, לויט דער יידישער איבערזעצונג פון 1906, פאַרלאַג „די וועלט“, זז. 55־56, אָבער קאָרעגירט פון אונדז לויט דעם דייטשן טעקסט). דער געדאַנק פון דעם „מאַניפעסט“ איז קלאָר: ניט נאָר וועלן אין דער צוקונפט לגמרי פאַר־

שווינדן רעליגיע, פילאָסאָפיע, פּאָליטיק און רעכט, נאָר אויך די מאָראַל. די איינטיילונג אין מאָראַלישן „טוב ורע" (גוט און שלעכט), ווערט דאָ באַטראַכט ווי, זאָגן מיר, די איינטיילונג אין „כשר" און „טריף", לויט דעם ייִדישן שולחן-ערוך. די מאָראַל איז ניט קיין אייביקער, נאָר אַ היסטאָרישער צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, אויפגעקומען אין איין צייט און פאַרמשפּט צו פאַרשווינדן אין דער צוקונפט. דאָס איז אַ ריין-שטירנערשער שטאַנדפּונקט, ווען מען זאָל אין אַט דער גרויסער גייסטיקער שחיטה שענקען דאָס לעבן דער פילאָסאָפיע, ווי אַ פּריוואַט-פאַרגעניגן פאַר דעם איינצל-מענטשן, ווי דאָס טוט שטירנער.

אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט" ווערט דער מענטש דערטרונקען אין דעם קלאַסן-היפּוך פון בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט. די „מענטשלעכע באַפרייאונג" ווערט פאַרוואַנדלט אין דער באַפרייאונג פון דעם פּראָלעטאַריאַט, אין זיין פאַראייניקונג צו אַ קלאַס, אין זיין דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט, אין זיין אָפּשאַפן אַלע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן און ממילא אויך זיך אַליין, ווי אַ קלאַס פון לוין-אַרבעטער.

ביז צו יענער צייט איז נאָך ניטאָ קיין „געזעלשאַפט", וואָס זאָל שטיין מחוץ פון די קלאַסן, איבער זיי און זיך אַריינמישן אין דעם גאַנג פון דעם קלאַסן-קאַמף. די „געזעלשאַפט" איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ „סכום פון געזעלשאַפטלעכע שייכותן" און — אין דער אונטערשטער שורה — אַ סכום פון קלאַסן און קלאַסן-היפּוכים. דאָס וועט זיך ענדערן ערשט נאָך דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווען „אויף דעם אָרט פון דער אַלטער בורזשואַזער געזעלשאַפט מיט אירע קלאַסן און קלאַסן-היפּוכים טרעט אַריין אַן אַסאָציאַציע, אין וועלכער די פרייע אַנטוויקלונג פון יעדן איינעם איז דער באַדינג פאַר אַלעמענס פרייער אַנטוויקלונג" (ז. 58).

איז אָבער מאַרקס געבליבן ביי אַט די בליקן זיינע אויף „מענטש", „געזעלשאַפט" און „מאָראַל"? דאָס רוב מאַרקסיסטן מיינען, אַז דעם שטאַנדפּונקט פון דעם „מאַניפעסט" האָט מאַרקס קיינמאָל ניט געביטן. זיי באַמערקן ניט די גרויסע פּרינציפּיעלע ענדערונג, וואָס איז ביי אים פאָרגעקומען גראָד כנוגע אַט די ענינים. געשען איז דאָס אין די זעכציקער יאָרן, און צום אויסדרוק איז די ענדערונג אַמשאַרפסטן אַרויסגעטראָטן אין זיין קלאַסישן ווערק: „דאָס קאַפּיטאַל".

אין אַט דעם ווערק האָבן מיר פאַר אונדז אַ גאַנץ אַנדער קאַרל מאַרקס. עס ווערט ווידער גערעדט וועגן „מענטש" און „מענטשלעכקייט". עס ווערט גערעדט וועגן דער איצטיקער געזעלשאַפט, ווי אַ גאַנצעס, וואָס מישט זיך

אריין אין דעם גאַנג פון דעם קלאַסן־קאַמף. און עס טרעט ווידער אויף דער גרויסער באַטייט פון דער מענטשלעכער מאָראַל.

מיר וועלן באַלד ברענגען בפירושע ציטאַטן פון מאַרקסעס הויפּט־ווערק. מיר מוזן אָבער דאָ לכתחילה באַמערקן, אַז די ענדערונגען זיינען ביי אים אַרויסגעוואַקסן פון יענעם נייעם בליק אויף דעם מהות פון אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך ביי אים איינגעשטעלט. „די איצטיקע געזעלשאַפט", שרייבט ער אין דעם פאַרוואָרט צו דער ערשטער אויפלאַגע פון דעם „קאַפּיטאַל", „איז אַן אָרגאַניזם, וואָס איז פעיאיק זיך צו פאַרענדערן און געפינט זיך שטענדיק אין דעם פּראָצעס פון פאַרענדערונג".

אַן אָרגאַניזם איז ניט בלויז אַ סכום פון איינצלנע אברים. אַן אָרגאַניזם איז דער סכום פון די טיילן פּלוס דאָס גאַנצע, די לעבנס־קראַפט, וואָס ווירקט אין אַלע טיילן. אַזוי איז אויך די געזעלשאַפט ניט בלויז אַ סכום פון איינצלנע קלאַסן און זייערע אַנטאַגאָניזמען. ווי דאָס לעבן פון דעם גאַנצן אָרגאַניזם ווירקט אויף די לעבנס־פּראָצעסן פון די איינצלנע אברים, אַזוי ווירקט דאָס לעבן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט אויף די פּראָצעסן, וואָס שפּילן זיך אָפּ אין די פאַרשיידענע קלאַסן.

ניט די פאַרשיידענע קלאַסן שטעלן מיט זיך צונויף די געזעלשאַפט, נאָר דער וואוקס פון דער געזעלשאַפט רופט אַרויס די איינטיילונג אין קלאַסן, זייערע רייבונגען און אַנטאַגאָניזמען, ווי אויך דעם גאַנג פון די קלאַסן־קאַמפן גופא, ביז זיי ווערן אינגאַנצן אָפּגעשאַפט.

מיר ברענגען דאָ אייניקע שטעלן פון דעם „קאַפּיטאַל", אין וועלכע די „געזעלשאַפט" טרעט אַרויס, ווי אַ גאַנצעס, וואָס שטייט איבער דער קלאַסן־איינטיילונג.

רעדנדיק וועגן דער עקספּלואַטאַציע פון דער מענטשלעכער אַרבעט אין דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם, שרייבט קאַרל מאַרקס: „קאַפּיטאַל שאַנעוועט ניט דאָס געזונט און די אריכת ימים פון דעם אַרבעטער אומעטום, וואו ער ווערט ניט געצוואונגען דערצו פון דער געזעלשאַפט"... (מערקט אייך: ניט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר „פון דער געזעלשאַפט!" זש.) „אין גרויסן און גאַנצן הענגט דאָס (די עקספּלואַטאַציע) אָבער ניט אָפּ פון דעם קאַפּיטאַליסטס גוטן אָדער שלעכטן ווילן... די אינעוויינעקסטע געזעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע ווירקן, ווי אַ צוואַנג־געזעץ פאַר יעדן איינצלנעם קאַפּיטאַליסט" (זע „קאַפּיטאַל", ערשטע אויפלאַגע, באַנד 1, ז. 243).

אויך וועגן דער אַרבעטער „פאַרקויפט זיין בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן", טוט ער דאָס, ווייל ער איז דערצו „פרייוויליק גרייט, ד"ה, ער ווערט געזעלשאַפטלעך געצוואונגען" (ז. 244).

די פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג אין ענגלאַנד („דער צען־שטונדן־טאָג") איז, לויט מאַרקסן געווען אַ רעזולטאַט דערפון, וואָס די אומגעהייערע קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע האָט אַרויסגערופן, „ווי אַ קעגן־געוויכט דעם קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפט, וואָס גרענעצט איין, רעגולירט און אוני־פאָרמירט דעם אַרבעטס־טאָג מיט די אָפּרו־שטונדן" (ז. 276). הייסט עס, אַז דאָ האָט די „געזעלשאַפט" באַשטימט, ווע׳לכער צד זאָל אַריבערוועגן אין דעם קלאַסן־קאַמף צווישן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסטן.

רעדנדיק וועגן דער וויסנשאַפט, וואָס דינט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיס־טעם, באַטראַכט ער זי ניט, ווי אַ פּראָדוקט פון דער בורזשואַזיע. ער זאָגט, אַז דער קאַפּיטאַליזם „נעמט אַריין אין זיך פאַר אומזיסט און אומנישט דעם דערגרייכטן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט" (ז. 591).

דאָס באַטייט אַ געוואַלטיקע פּרינציפּיעלע ענדערונג לגבי דער שטעלונג פון דעם „מאַניפעסט" צו דעם ענין „הערשנדיקע אידייען פון דער צייט". עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ניט אַלע זייערע זיינען די „אידייען נאָר פון דעם הערשנדיקן קלאַס". דאָ האָבן מיר פאַר אונדז אַ פאַל, וואו די „הערשנדיקע אידייען" פון דער וויסנשאַפט, ווי אויך די הערשנדיקע אידייע אין דער סאָ־ציאַל־פּאָליטיק, וואָס פאָדערט די פאַרקירצונג און די רעגולירונג פון דעם אַרבעטס־טאָג, שטאַמען ניט פון די „הערשנדיקע קלאַסן", נאָר „פון דעם גאַנצן פּראָגרעס פון דער געזעלשאַפט".

.17

דער „אַנדער“ קאַרל מאַרקס

אין דער צייט פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“ (די לעצטע העלפט פון די פערציקער יאָרן) איז „דער מענטש“ געווען פאַר מאַרקסן אַ „סכום פון געזעלשאַפטלעכע שייכותן“ און די „געזעלשאַפט“ — אַ סכום פון אַנטאַגאָניסטישע קלאַסן, על־כל־פנים ביז צו יענער צייט, ווען די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע וועט אָפּשאַפן די קלאַסן־איינטיילונג און פאַרוואַנדלען אַלע יחידים אין „אַסאָציאַציעס“ פון „פרייע פּראָדוצירער“.

אין דער צייט פון דעם „קאַפּיטאַל“ (די זעכציקער יאָרן) האָט מאַרקס גענומען קוקן אויף דעם ענין „געזעלשאַפט“, ווי אויף אַן אָרגאַניזם, ד״ה, אויף אַן איינהייטלעכן יש, וואָס באַשטייט ניט נאָר פון דעם סכום איינצלנע קלאַסן, טיילן און זייערע „געזעלשאַפטלעכע שייכותן“, נאָר אויך פון יענער באַלעבנדיקער קראַפט, וואָס בינדט זיי אַלעמען צונויף אין איינעם און באַהערשט זייערע שייכותן. מיר האָבן דאָס געזען אין דעם פאָריקן קאַפּיטל.

האַנט אין האַנט מיט אָט דעם נייעם בליק ענדערט זיך ביי מאַרקסן סיי דער בליק אויף די ענינים: „מענטש“, „מענטשלעך“ און „מענטשלעכקייט“, סיי זיין בליק אויף, — און זיין אינטערעס צו, — דעם ענין: „מענטשלעכע מאָראַל“. אויך אין דעם אַריינגרייף פון דער „געזעלשאַפט“ אין די „סאָציאַלע שייכותן“ צווישן „קאַפּיטאַליסט“ און „לוין־אַרבעטער“ צוליב דער פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג שפּילט שוין אַ ראָליע דער ריין־מאָראַלישער עלעמענט, ווי מיר זעען דאָס קלאָר אָט פון וועלכע שטעלן, — ניט די איינציקע, — אין דעם קאַפּיטאַלן ווערק: „דאָס קאַפּיטאַל“.

מאַרקס שרייבט וועגן דעם אַרבעטס־טאָג: „אַ חוץ דעם ריין פיזישן גרענעץ, שטויסט זיך אָן די פאַרלענגערונג פון דעם אַרבעטס־טאָג אויף מאָראַלישע גרענעצן. דער אַרבעטער דאַרף האָבן צייט אויף צו באַפרידיקן גייסטיקע און סאָציאַלע באַדערפענישן, וואָס זייער פאַרנעם און זייער צאָל

ווערן באַשטימט פון דעם אַלגעמיינעם קולטור־צושטאַנד" (ערשטע אויפ־לאַגע, ז. 199).

דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס רעכנט זיך ניט דערמיט. פאַר אים „איז ממילא מובן, אַז דער אַרבעטער איז אין זיין גאַנצן לעבן גאַרנישט, אַ חוץ אַרבעטס־קראַפט. דעריבער געהערט זיין גאַנצע פרייע צייט, על פי טבע און על פי דין, דעם קאַפּיטאַליסט. צייט צו אַ מענטשלעכער בילדונג, צו אַ גייסטיקער אַנטוויקלונג, צו אויספירן געזעלשאַפטלעכע פונקציעס, צו אַ חברשן פאַרקער, צו אַ פרייען שפיל פון זיין לייבס פיזישע און גייסטיקע קרעפטן — אויך די זונטיק־רו, אפילו אין דעם לאַנד פון די שבת־פאַר־הייליקער — דאָס אַלץ — ריינע נאַרישקייטן! אָבער אין זיין שטרעבן אָן אַ מאָס, אין זיין וואָלפישן הייס־הונגער נאָך מער־אַרבעט לויפט אַריבער דער קאַפּיטאַל ניט נאָר די מאָראַלישע, נייערט אויך די ריין פיזישע מאַקסימאַל־גרענעצן פון דעם אַרבעטס־טאָג" (ז. 235). „די פאַרלענגערונג פון דעם אַרבעטס־טאָג", — ציט מאַרקס דעם סך־הכל, — „רויבט אַוועק ביי דער מענטשלעכער אַרבעטס־קראַפט די באַדינגונגען פאַר איר מאָראַלישער און פיזישער אַנטוויקלונג" (ז. 238).

אַנאַליזירנדיק און באַלייכטנדיק דעם אויפקום פון דעם מאַנופאַקטור־פעריאָד, וואָס האָט אַריינגעוואָרפן אין עלנט די ענגלישע פּויערימשאַפט, וואָס האָט זי געצוואונגען, צו פאַרדינגען אירע קליינע קינדער צו דעם קאַפּיטאַליסט און וואָס האָט פאַרוואַנדלט דערנאָך אירע זין און טעכטער אין „פּראָלעטאַריער", אין „אָפּגעפליקטע" הינער און הענער (מאַרקסעס אַן אויסדרוק אויף ז. 741), לאָזט מאַרקס ניט אַרויס פון אויג דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן, מאָראַלישן עלעמענט.

אין אַ דעם פּראָצעס, זאָגט מאַרקס, „גייען דער לאַנדמאַן און זיין פאַמיליע, וואָס האָבן אין אַ די שמוציקסטע אומשטאַנדן אָפט באמת וואונ־דערבאַר אויפגעהיט די ערלעכקייט און ריינקייט פון דעם כאַראַקטער, פּשוט־פּשוט צום טייוול" (ז. 674. די ענגלישע איבערזעצונג גיט איבער דאָס וואָרט: „טיכטיקייט", וואָס איז אויך דער טייטש: „ערלעכקייט", מיט „אינטעגריטי", ז. 752).

אין אַן אַנדער אָרט, וואָס האָט צו טאָן מיט דעם ענין פאַרקויפן קינדער אין לוין־שקלאַפעריי, שרייבט מאַרקס: „אונטער די פאַרשאַלטנדיקסטע צושטאַנדן, אין וועלכע „די דעליקאַטע" האָבן אַריינגעטריבן דעם לאַנדמאַן, וואָלט מען געקאָנט פאַרשטיין, ווען ער וואָלט זיינע אייגענע קינדער אויפגעגעסן. באמת וואונדערבאַר איז יענע כאַראַקטער־ערלעכקייט, וואָס ער האָט צום גרעסטן טייל אויפגעהיט" (ז. 688, ענגל., 766).

שילדערנדיק דאָס לעבן פון דעם אויפקומענדיקן פּראָלעטאַריאַט אין די שטעט, לויט די באַריכטן פון די פאַבריק־אינספּעקטאָרן, באַמערקט מאַרקס, אַז „אונטער די באַשריבענע אומשטאַנדן מוז אויפן גראָבסטן אופן אָנגעגריפן ווערן דער געפיל פון בושה און אָנשטענדיקייט, און די גאַנצע מאָראַליטעט מוז כמעט על־פּי־הכרח רואינירט ווערן" (ז. 675).

אויב מאַרקס שטעלט זיך ניט אָפּ לענגער אויף דעם גורל פון דער מענטשלעכער מאָראַל אונטער דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים איז דאָס דערפאַר, ווייל „די מאָראַלישע פאַרהויקערונג, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע עקספּלואַטאַציע פון ווייבער־ און קינדער־אַרבעט ברענגט אַרויס, איז שוין אַזוי אויסשעפּנדיק געשילדערט געוואָרן אין פרידריך ענגעלסעס בוך וועגן דער „לאַגע פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן אין ענגלאַנד" און פון אַנדערע שרייבער", אַז דאָ דערמאָנט ער נאָר וועגן דעם (ז. 388). (אגב: ענגעלסעס בוך איז געשריבן געוואָרן נאָך אונטער דעם איינפלוס פון פייערבאַכס הומאַ־ניזם).

מאַרקס רעדט אויך איצטער ווייניק, אָבער דערפאַר וואָגיק וועגן דער מאָראַל, און כמעט יעדע זייטל פון זיין ווערק, וואָס איז געווידמעט דער שילדערונג פון פאַקטישע צושטאַנדן, איז אָנגעזאַפּט מיט אַ הויך־גראַדיקן מאָראַלישן צאָרן, ווען אפילו מאַרקס איז אים נאָר זעלטן מתיר, עפנטלעך אַרויסצוברויזן. צייטנווייז קאָן ער זיך אָבער ניט איינהאַלטן, און ציענדיק דעם סך־הכל פון דעם מאַנופאַקטור־פּעריאָד אין איראָפּע, שלידערט ער אים אין פּנים זיין שאַרפסטן אויפברויז פון מאָראַלישן פּראָטעסט: „מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם מאַנופאַקטור־פּעריאָד האָט די עפנטלעכע מיי־נונג פון איראָפּע פאַרלוירן דעם לעצטן רעשט פון בושה און געוויסן" (ז. 740).

דעם סך־הכל פון זיין אַנאַליז פון דעם גאַנצן קאַפּיטאַליסטישן רע־זשים ברענגט מאַרקס אַרויס אין אַ וועלכע פּאָר שורות, וואו דער מאָראַ־לישער עלעמענט שפּילט שוין גאָר אַ גרויסע ראָליע: די אָנזאַמלונג פון עשירות אויף דעם איין־פּאָל איז בכן אין דער זעלביקער צייט אַן אָנזאַמ־לונג פון עלנט, אַרבעטס־פּיין, שקלאַפעריי, עם־הארצות, ברוטאַלישקייט און מאָראַלישע דעגראַדאַציע אויף דעם קעגן־פּאָל, ד"ה, אויף דער זייט פון דעם קלאַס, וואָס פּראָדוצירט זיין אייגענעם פּראָדוקט ווי קאַפּיטאַל" (ז. 632).

אין מאַרקסעס הויפּט־ווערק באַקומען ווידער זייער ריכטיקן „תיקון" ניט נאָר די „געזעלשאַפט", ווי אַן אָרגאַניש איינס, ניט נאָר די מענטשלעכע מאָראַל, נאָר, ווי אַ לאָגיש נויטווענדיקער קאָררעלאַט צו איר, אויך „דער

מענטש", "די מענטשלעכע נאַטור", וואָס איז שוין פאַר מאַרקסן ניט בלויז אַ "סכום פון געזעלשאַפטלעכע שייכותן", וועלכע בייטן זיך פון צייט צו צייט, נאָר אַן אייגנאַרטיקער יש, אַ סכום פון אייגנשאַפטן, וואָס כאַראַקטע־ריזירן נאָר דעם מענטשן, אין אונטערשייד פון אַלע אַנדערע ברואים.

אַ שאַרפער אויפבליץ פון אַט דעם "תיקון", געפינט זיך אין "קאַפּיטאַל" אין יענע פאַר פּאָלעמישע שמיץ, מיט וועלכע מאַרקס איז מכבד דעם פילאָסאָף פון "ניצלעכקייט", יערעמיאַס בענטהאַם. פאַר בענטהאַמען איז די ניצלעכקייט יענע טרייב־קראַפט, וואָס שטאַמט פון דער "מענטשלעכער נאַטור" און באַשטימט אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען. דער אָנפאַל אויף בענטהאַמען איז אין דער זעלביקער צייט, לויט זיין תוך, אַ פּאָלעמיק אַנטקעגן שטירנערס עגאָאיסטישער מאָראַל־פילאָסאָפיע, מיט דעם קולט פון דעם פּערזענלעכן פאָרטייל.

סיי ווייל דאָס איז אַזוי וויכטיק פאַר אונדזער ענין פון "סאָציאַליזם און מאָראַל", סיי ווייל מיר קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן, צו זען ווי מען שטראָפט אַ קעגנער מיט אָנגעברענטע אייזערנע ריטער, ברענגען מיר דאָ די שטעל נאָר מיט אַ פּאָר אָפּקירצונגען.

"דעם ניצלעכקייט־פּרינציפּ האָט ניט בענטהאַם אויסגעפונען. ער האָט נאָר אָן אַ ברעקל גייסט רעפּראָדוצירט דאָס, וואָס העלוועציאוס און אַנדערע פראַנצויזן פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט האָבן גייסטרייך געזאָגט. ווען מען וויל, צ"ב, וויסן, וואָס איז ניצלעך פאַר אַ הונט, דאַרף מען זיך דערגרונטעווען ביז צו דער הונט־נאַטור. אָט די נאַטור גופא קאָן מען ניט אויסבויען בלויז פון דעם "ניצלעכקייט־פּרינציפּ". טראָגט מען דאָס אַריבער אויף דעם מענטשן און מען וויל אַלע מענטשלעכע מעשים, באַ־וועגונגען, שייכותן אאַז"וו אָפּשאַצן לויט דעם פּרינציפּ פון ניצלעכקייט, דאַרף מען דאָ קודם האָבן אין אויג די מענטשלעכע נאַטור בכלל און דערנאָך די מענטש־נאַטור, ווי זי ווערט מאָדיפיצירט אין יעדער עפּאָכע. בענטהאַם מאַכט ניט קיין סך מחזקות. מיט דער נאַאיווסטער טרוקנקייט שטעלט ער אַוועק דעם מאָדערנעם פיליסטער, ספּעציעל דעם ענגלישן פיליסטער, ווי דעם נאָרמאַל־מענטשן. וואָס עס איז ניצלעך פאַר אָט דער משונהדיקער בריאה פון אַ נאָרמאַל־מענטשן און פאַר איר וועלט, דאָס איז ניצלעך אין זיך גופא. מיט אָט דעם מאַסשטאַב שאַצט ער אָפּ דעם עבר, דעם הווה און דעם עתיד. צ"ב, די קריסטלעכע רעליגיע איז "ניצלעך", ווייל זי פאַר־וואָרפט רעליגיעז יענע חטאים, וואָס דער שטראָף־קאָדעקס פאַרמשפּט יורידיש. קונסט־קריטיק איז "שעדלעך", ווייל זי שטערט חשובע לייט הנאה צו האָבן פון מאַרטין טופּערן אאַז"וו... וואָלט איך געהאַט דעם קוראַזש פון מיין

פריינט היינריך היינע וואָלט איך הערן יערעמיאַס אַ נאָמען געגעבן: דער נאַון אין בורזשואַזער טיפּשות״ (ז. 596־597).

מיר זעען דאָ קודם, ווי אַזוי מאַרקס פירט ווידער אַריין אין זיין וועלט־באַנעם דעם באַגריף פון אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער נאַטור, און ווי אַזוי ער שליידערט אָפּ פון זיך דעם אוטיליטאַריסטישן בליק אויף איר, וואָס זעט אין דער מענטשלעכער נאַטור נאָר אַ שטרעבן צו דעם אייגענעם פּערזענלעכן נוצן, ווי דאָס איז געווען ביי שטירנערן, אָדער צו דעם נוצן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, ווי דאָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן ביי אַ סך אַנדערע אוטילי־טאַריסטן.

ניט ניצלעכקייט, נאָר עפּעס אַן אַנדער זאַך דערבליקט מאַרקס אויף דעם יסוד פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער נאַטור. צו דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער מאָראַל, פאַר וועלכער מאַרקס שטעלט זיך אין די אויבן־געבראַכ־טע שטעלן (כאַראַקטער־ערלעכקייט, אַנשטענדיקייט, בושה און געוויסן, ווי אַ הויכע מאָראַלישע מדרגה בכלל) קומען צו ביי מאַרקסן נאָך אַנדערע מאָראַלישע פּרינציפּן, וואָס שטאַמען פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער נאַטור און וואָס זיינען שוין ניט „ניצלעכקייט״, ניט מאָטיוון „על מנת לקבל פרס״.

.18

וואָס קאַרל מאַרקס האָט געזאָגט

אויך אין „קאַפּיטאַל״, דעם הויפּט־ווערק פון קאַרל מאַרקס, שפּילט דער קלאַסן־קאַמף צווישן בורזשואַזיע און אַרבעטערשאַפט (פּראָלעטאַריער און פּויערים), זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַן אומגעהייער וויכטיקע ראָליע. אָבער עס ווערט דאָרטן אַוועקגעשטעלט איבער די קלאַסן די געזעלשאַפט, ווי אַן אָרגאַנישער איינס, וואָס איז אַ סך מער, איידער דער סכום פון אירע איינצל־טיילן. איר אַנטוויקלונג רופט־אַרויס די קלאַסן־איינטיילונג. זי מישט זיך אַריין אין די אַנטאַגאָניזמען פון די קלאַסן, און איר אַנטוויקלונג, ווידער, פירט צו דער פולער אָפּשאַפונג פון דער איינטיילונג אין קלאַסן.

און נאָך אַ גרעסערע ראָליע איידער די „געזעלשאַפט״ און דער „קלאַסן־קאַמף״ הייבן־אָן צו שפּילן דער מענטש און די מענטשלעכע נאַטור אין דעם גאַנצן טעאָרעטישן בנין פון דעם „קאַפּיטאַל״ — אַ ראָליע וואָס פירט צו דער ווידעראויפלעבונג פון דער מאָראַל, ווי אַן איביקער צווייג אין דער מענטשלעכער קולטור, און צו דער געווינונג פון אַ גאָר וויכטיקער טעאָרעטישער פּאָזיציע אין קאַרל מאַרקסעס מאָראַלישן לעבנס־באַנעם, וואָס איז געבויט אויף דער פאַרשטעלונג וועגן דער באַזונדערער חשיבות, וואָס עס האָט די מענטשלעכע אַרבעט.

שוין אין דעם סוף פערציקער יאָרן, אין זיין לעקציע וועגן „לויך־אַר־בעט און קאַפּיטאַל״, זאָגט מאַרקס אַרויס דעם געדאַנק, אַז „די אַרבעט איז דער לעבנס־אַרויסווייז פון דעם מענטשן״, אָבער נאָר אין דעם „קאַפּיטאַל״ שטעלט זיך מאַרקס אָפּ מער באריכות אויף דער דערקלערונג פון דעם ענין מענטשלעכע אַרבעט.

די מענטשלעכע אַרבעט ווערט דאָ כאַראַקטעריזירט דורך דעם, וואָס זי „ווירקט אויף דער נאַטור און פאַרענדערט זי״. „אַ דאַנק אָט דעם פּראָצעס פאַרענדערט דער מענטש אויך זיין אייגענע נאַטור״. וועלכע ענדערונגען קומען דערביי פאָר אין זיין נאַטור? — דער מענטש „אַנטוויקלט יענע מעג־לעכקייטן („פּאָטענצן״), וואָס דרעמלען אין איר, און וואַרפט־אונטער דעם שפּיל פון אירע כוחות אונטער זיין אויבער־מאַכט״. אָנגעהויבן זיך אַנטוויקלען

אין דער ווייטער אור־צייט, ווען זי איז נאָך געווען ריין אינסטינקטיוו, ווי ביי אַלע לעבעדיקע ברואים, ווי, צ״ב, ביי דער בין, דערגרייכט די מענטש־לעכע אַרבעט „אַ פאָרם, וואָס געהערט דורכאויס נאָר דעם מענטשן״. איר כאַראַקטעריסטישער שטריך באַשטייט דעריו, וואָס „צו דעם סוף פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס באַקומט זיך אַ רעזולטאַט, וואָס איז שוין פריער געווען אין דער פאָרשטעלונג פון דעם אַרבעטער, ד״ה, אידעעל („סוף מעשה במחשבה תחילה!״ — זש.). „ניט נאָר פאַרענדערט ער דערביי די פאָרם פון דעם נאַטירלעכן מאַטעריאַל, אויף וועלכן ער אַרבעט, נאָר ער פאַר־ווירקלעכט דערביי זיין צוועק, וועגן וועלכן ער ווייסט״. אַט דער צוועק „באַ־שטימט, ווי אַ געזעץ, דעם אופן פון זיין טאָן, און אים מוז ער אונטערוואַרפן זיין ווילן״. דער „צוועקמעסיקער ווילן״ מוז אָנהאַלטן אין דער גאַנצער צייט פון דער אַרבעט, „און דאָס מער, וואָס וויניקער די אַרבעט רייסט דעם אַרבעטער צו זיך דורך איר אייגענעם אינהאַלט און דורך דעם אופן, ווי ער ווערט אַרויסגעבראַכט, וואָס וויניקער ער קאָן לפי דעם נהנה זיין פון איר, ווי פון אַ שפּיל פון זיינע אייגענע קערפּערלעכע און גייסטיקע כוחות״ (ערשטער באַנד, ז. 141־142).

אין אַט דעם איינשטעל צו דעם ענין פון דער מענטשלעכער אַרבעט קאָנען מיר קלאָר דערבליקן, וואו מאַרקס גייט זיך פונאַנדער סיי מיט פוריען, סיי מיט פּרודאָנען. פאַר פוריען קאָן די מענטשלעכע אַרבעט אין דער סאָציאַליסטישער צוקונפט אַלעמאָל געמאַכט ווערן ווי אַ שפּיל, וואָס ברענגט נאָר תענוג, אויב דער מענטש טוט זי נאָר ווען עס ווילט זיך אים. פאַר פּרודאָנען איז די אַרבעט אַ שווערער און האַרטער מאָראַלישער חוב, וועלכן דער אַרבעטער מוז נעמען אויף זיך אין כמעט אַ רעליגיעזער הייליקייט. מאַרקס שיידט דאָ פונאַנדער די צוויי אַרטן אַרבעט: איין אַרט, אין וועלכן ער מוז צווינגען זיין ווילן צו טאָן זי, ווייל דער פּראָצעס גופא ברענגט אים ניט קיין ברעקל הנאה. און די אַנדערע אַרט איז אַזאַ אַרבעט, אין וועלכער דער מענטש קאָן אַלץ מער און מער הנאה האָבן פון איר, ווי פון אַ שפּיל פון זיינע אייגענע כוחות.

אַט די וויכטיקע שטעל געפינט זיך, ווי אָנגעמערקט, אין ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל״, כמעט ווי ביים אָנהייב פון זיין טעאָרעטישן וועג. דער זעל־ביקער געדאַנק בליט זיך פונאַנדער און ברענגט אַרויס אַ מאָראַלישע פרוכט אין דעם דריטן באַנד, כמעט ווי ביים סוף פון דעם וועג — דעם סוף, וואָס איז כולל אין זיך אַלץ און באַקרוינט דעם גאַנצן טעאָרעטישן בנין.

תמיד, ווען מיר קומט אויס צו ציטירן אינגאַנצן אָדער טיילווייז די שטעל וואָס איך האָב אין זינען — און איך לאָז ניט דורך קיין איין פּאַסיקע

געלעגנהייט צו טאָן דאָס — נעמט מיך דורך אַ געפיל פון יראת הרוממות פאַר מאַרקסן, דעם מאָראַל־פילאָסאָף, דעם קאָנסעקוועטסטן אידעאַליסט אין דער מאָראַל־פילאָסאָפיע. לאָזט מיך דאָ ציטירן זי — צום וויפלטן מאָל — אינגאַנצן. און לאָמיר זי לייענען מיט קאָפּ און האַרץ און געשטאַרקטער האָפענונג פאַר דער צוקונפט פון דער אַרבעטאַרישער מענטשהייט!

רעדנדיק אַזוי שטרענג עקאָנאָמיש וועגן דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע (ד״ה, דער פּראָדוקציע פון מאַטעריעלע גיטער) און וועגן די באַדינגונגען פאַר פאַרמערן די עשירות פון דער געזעלשאַפט, רייסט זיך מאַרקס פלוצלונג אָפּ פון דער ערד, שפּרייט פונאַנדער זיינע אַדלער־פליגלען, טוט אַ פלי אין דער בלויער אומענדלעכקייט פון דעם אידעאַל און הייבט־אָן מיטאַמאָל צו רעדן וועגן אַ „ממשלה פון פרייהייט״, וועלכע ער האָט קיינמאָל פריער ניט דערמאָנט.

„די ממשלה פון פרייהייט״, זאָגט ער, „הייבט זיך אין דער אמתן אָן ערשט דאָרטן, וואו עס הערט־אויף די אַרבעט, וואָס ווערט באַשטימט דורך דער נויט און דער חיצוניותדיקער (דרויסנדלעכער) צוועקמעסיקייט. זי ליגט דעריבער, לויט דעם עצם ענין, אויף יענער זייט ספערע פון דער אייגנט־לעכער מאַטעריעלער פּראָדוקציע.

„ווי דער ווילדער מוז זיך ראַנגלען מיט דער נאַטור, כדי צו באַפרידיקן זיינע באַדערפעניש, כדי צו דערהאַלטן און צו רעפּראָדוצירן זיין לעבן, אַזוי מוז דאָס טאָן אויך דער ציוויליזירטער מענטש, און ער מוז דאָס טאָן אין אַלע פאָרמען פון דער געזעלשאַפט און אונטער אַלע מעגלעכע פאָרמען פון דער פּראָדוקציע. מיט זיין אַנטוויקלונג ברייטערט זיך אויס די ממשלה פון דער נאַטירלעכער נויטווענדיקייט, ווייל עס פאַרמערן זיך די באַדער־פעניש; אין דער זעלביקער צייט ברייטערן זיך אָבער אויס די פּראָדוציר־קרעפטן, וואָס באַפרידיקן זיי.

„די פרייהייט אויף אָט דעם פעלד קאָן באַשטיין נאָר דערין, וואָס דער פאַרגעזעלשאַפטלעכער מענטש (אַ העסישער ליבלינג־אויסדרוק — זש.), די אַסאָציאירטע פּראָדוצענטן, רעגולירן אָט דעם שטאָף־אומבייט זייערן מיט דער נאַטור אויף אַ ראַציאָנאַלן אופן, שטעלן אים אַוועק אונטער זייער אַלגע־מיינעם קאָנטראָל, אָנשטאָט באַהערשט צו ווערן פון אים, ווי פון אַ בלינדער מאַכט; זיי פירן דאָס דורך אונטער באַדינגונגען, וואָס פאָדערן דעם קלענסטן אָנווענד פון קראַפט און וואָס זיינען אויף דעם פאַסיקסטן און חשיבותדיקסטן אופן אָנגעמאָסטן אָן זייער מענטשלעכער נאַטור („אירער מענטשלעכער נאַטורווירדיקסטן אונד אַדעקוואַטעסטן״), אָבער דאָס בלייבט תמיד אַ ממשלה פון נויטווענדיקייט.

„פון יענער זייט אירער הייבט זיך אָן די אַנטוויקלונג פון דער מענטש־לעכער קראַפט, וואָס טראָגט איר ציל אין זיך גופא, די אמתע ממשלה פון פרייהייט, וואָס קאָן נאָר אויפבליען אויף יענער ממשלה פון נויטווענדיקייט, ווי אויף איר פונדאַמענט. די פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג איז איר גרונט־באַדינג" („קאַפּיטאַל", דריטער באַנד, צווייטער טייל, ז. 355. ענג.: ז. 954).

וואָס לערנען אונדז אָט די ערנסטע, צונויפגעפּרעסטע, קלוגשאַפּענע רייד, דורכגעגליטע מיט אַ באַהאַלטענעם נביאימשן פּאַטאָס?

קודם געפינען מיר דאָ אַ נייע איינטיילונג אין דעם ענין: מענטשלעכע אַרבעט. אין דעם ערשטן באַנד האָט זי מאַרקס איינגעטיילט אין אַזאַ, וואו דער אַרבעטער צווינגט זיין ווילן צו טאָן ניט דאָס, וואָס אים ווילט זיך, נאָר דאָס וואָס ער מוז, אין די אינטערעסן פון דעם באַוואוסטזיניקן צוועק פון דער אַרבעט, און אין אַזאַ, וואָס אים ווילט זיך זי טאָן, צוליב דער הנאה פון דעם אַרבעטס־פּראָצעס גופא, ווי פון אַ שפּיל פון זיינע כוחות. דאָס איז אַן איינטיילונג, לויט דעם סוביעקטיוו־פּסיכאָלאָגישן איינשטעל פון דעם אַרבעטער.

אין דער שטעל פון דעם דריטן באַנד ווערט אָט די איינטיילונג ניט אָפּגעשאַפט, נאָר באַרייכערט מיט אַ נייער: לויט דעם כאַראַקטער פון דעם אָביעקטיוון באַוואוסטזיניקן צוועק פון דער אַרבעט. איין אַרט אַרבעט איז אַזאַ, וואָס שטאַמט פון דער נויטווענדיקייט, פון אַ „חיצוניותדיקן נוצן", פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציע, וואָס ברענגט אַרויס נאָר מיטלען צו אַ ציל. די אַנדערע אַרט אַרבעט שטאַמט פון דער פרייהייט, פון דער מענטשלעכער קראַפט, וואָס איז „אַ זעלבסט־צוועק פאַר זיך אַליין". וואָס איז דאָס פאַר אַ קראַפט? אויף אָט דער שאלה האָט אונדז מאַרקס געגעבן דעם ענטפער אין אַ שטעל, שוין אַמאָל ציטירטער פון אונדז, וואו ער האָט גערעדט וועגן „די מאָראַלישע גרענעצן", וועלכע דער קאַפּיטאַליסט צווינגט דעם אַרבעטער אַריבערצוטרעטן אין אַ פאַרלענגערטן אַרבעטס־טאָג: דער אַר־בעטער דאַרף האָבן „צייט צו אַ מענטשלעכער בילדונג, צו אַ גייסטיקער אַנטוויקלונג", הייסט עס דאָרטן. דאָ זעען מיר, אַז דאָס מיינט, ער דאַרף האָבן צייט פאַר דער באַשאַפונג פון יענע גיטער, וואָס דינען דער מענטשלעכער בילדונג און דער גייסטיקער אַנטוויקלונג, ניט לשם אַ וועלכן עס איז „נוצן", נאָר לשם זיך אַליין. גראָד אין אַזאַ שאַפן דריקט זיך אויס די מענטשלעכע קראַפט, וואָס טראָגט איר ציל אין זיך גופא. אויב אין דער „ממשלה פון נויטווענדיקייט" באַשטייט דער אָביעקטיווער צוועק פון דער אַרבעט אין דער פּראָדוקציע פון מאַטעריעלע גיטער, באַשטייט אין דער „ממשלה פון פריי־

הייט״ דער אָביעקטיווער צוועק פון דער מענטשלעכער אַרבעט אין אַרויס־ברענגען גייסטיקע רייכטימער: אין וויסנשאַפט לשם וויסן, אין קונסט לשם עסטעטישער שיינקייט, און אויך אין דער מאָראַל לשם אַ מענטשלעכער בילדונג און אויסבילדונג.

די מאָראַל איז, ווי מיר האָבן געזען גאָר אין אָנהייב פון דער איצטיקער אַרבעט, די אָפּשאַצונג פון די איינצלנע ווערטקייטן אין אַ מענטשלעכן לעבן ניט לויט דעם מאָסשטאַב פון „ניצלעך־שעדלעך״, וואָס איז דאָס „גוט״ און „שלעכט״ אין דער אוטיליטאַרישער ספערע, נאָר לויט דעם מאָסשטאַב פון „איידל״ און „געמיין״, פון „חשוב״ און „שפל״, פון „מענטשלעך״ און „אוממענטשלעך״ („בעסטיאַל״).

אין דעם ציטירטן פראַגמענט זעען מיר, ווי אַזוי מאַרקס טראָגט אַריין אַט דעם ריין מאָראַלישן מאָסשטאַב אויך אין די מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן, כדי אויסצובויען „די ממשלה פון נויטווענדיקייט״, ווי דעם פונדאַמענט, אויף וועלכן עס דאַרף זיך אויפהייבן די „ממשלה פון פרייהייט״. זי דאַרף דורכגעפירט ווערן אונטער באַדינגונגען, וואָס זיינען אָנגעמאָסטן אָן דער „מענטשלעכער נאַטור״ און דערצו נאָך אָנגעמאָסטן אויף דעם „חשיבותדיקסטן אופן״.

ווי ווייט איז דער צווייטער מאַרקס אין דעם „קאַפּיטאַל״ פון דעם ערשטן מאַרקס אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״! דאָרטן איז די מאָראַל, ווי אַלע אַנדערע „אידעאָלאָגיעס״, אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס וועט פאַרשווינדן אינאיינעם מיט אים. דאָ איז זי, די מאָראַל, אַן אייביקער צווייג אין דער מענטשלעכער קולטור. אויב עס זאָל געפרעגט ווערן: אין וואָס זאָל דער מענטש דערבליקן די חשיבות פון זיין מענטש־לעכן לעבן? אין דער יאָגעניש נאָך מאַטעריעלן רייכטום אָדער אין דער „גייסטיקער אַנטוויקלונג״, אין דעם אָנזאַמלען פון גייסטיקע אוצרות, צוליב זיי גופא און ניט צוליב אַ וועלכן עס איז נוצן? — וואָלט דער ענטפער, אין דעם זין פון דעם אָפּגעקלערטן, שפּעטערן מאַרקס, געמוזט זיין אַזאַ: די מאַטעריעלע עשירות איז נאָר אַ פאַרבאַדינג, אַ „פונדאַמענט״. מען לעבט אָבער ניט אין דעם פונדאַמענט. מען לעבט אין דעם בנין, וואָס ווערט אויפ־געבויט אויף אים, מען לעבט אין אים דאָרטן, וואו ער הערט־אויף צו זיין פונדאַמענט, אין דער ממשלה פון פרייהייט, אין דער ממשלה פון ריין גייס־טיקער עשירות, פון ריין „אידעעלע״ אוצרות, ווי מאַרקס וואָלט געזאָגט: „פון ריין אידעאַליסטישע אוצרות״, ווי מיר פאָרמולירן דאָס איצטער.

אַזאַ ענטפער, אפילו אין מאַרקסעס אייגענער טערמינאָלאָגיע, איז בפירוש ניט קיין מאַטעריאַליסטיש־אוטיליטאַרישער, נאָר אַ דורך און דורך

אידעאַליסטישער, וואָס האָט שוין גאָר אַ גרויסן באַדייט פאַר דעם ענין: „סאָציאַליזם און מאָראַל״.

דער סאָציאַליזם איז, לויט מאַרקן און ענגעלסן, די באַפרייאונג פון דער מענטשלעכער אַרבעט. אָבער דאָס הייסט ניט נאָר די באַפרייאונג פון איר פאַרשקלאַפונג, אין דער פּראָלעטאַרישער פאָרם פון לוין־אַרבעט, פון פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישער אָדער שטאַט־קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. די באַפרייאונג פון דער מענטשלעכער אַרבעט אין דעם סאָציאַליזם באַדייט דאָס פריי־ווערן פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט פאַר אַ מאָראַליש חשובערן, מענטשלעכן לעבן אין די העכערע עולמות פון דער ריין גייסטיקער שאַפונג לשמה.

מיר האָבן אַריינגערעכנט אין יענע עולמות נאָר די וויסנשאַפט, די קונסט און די מאָראַל, ווייל וועגן אָט די דריי קולטור־צווייגן האָבן מיר די פּאָזי־טיווסטע באַווייזן, אַז מאַרקס האָט שוין אויפגעהערט צו באַטראַכטן די הערשנ־דיקע אידייען אין זיי, ווי נאָר די אידייען פון אַ הערשנדיקן קלאַס, ד״ה, ווי אָפּשפּיגלונגען פון אַ פאַזע אין דעם קלאַסן־קאַמף.

וואָס איז אָבער מיט דער פילאָסאָפיע? מיט דער רעליגיע? — לויט אַלץ, וואָס מיר ווייסן וועגן די שפּעטערדיקע בליקן פון מאַרקסן און ענגעלסן, גייען זיי ניט אַריין אין דער „ממשלה פון פרייהייט״. און ווען אַריינגעגאַנגען אַהין, וועלן זיי ביסלעכווייז לגמרי פאַרשווינדן. נו — מילא! אַמפּערן זיך וועגן זיי מיט די צוויי גרעסטע תנאים פון דעם סאָציאַליזם איז ניט דאָ דער פּלאַץ. דאָ איז פאַר אונדז וויכטיק, וואָס די מאָראַל גייט אַריין אין דער „ממשלה פון נויטווענדיקייט״, ווי אַ פאָדערונג, זי זאָל צונויפשטימען מיט די באַדינגונגען פון מענטשלעכער חשיבות. זי, די מאָראַל, שפּילט אָבער נאָך אַ גרעסערע ראָליע אין דער „ממשלה פון פרייהייט״, ווייל די חשיבות פון דער מענטשלעכער נאַטור ווערט דאָרטן געמאָסטן לויט דער מאָס פון גייסטיקער שאַפונג און אַנטוויקלונג, לויט דער מאָס פון דעם מענטשנס אויסלעבן זיך אין די אינעווייניקסטע, רוחניותדיקע, אָדער, לויט מאַרקס, די „אידעעלע״ רייכקייטן און ווערטקייטן, בפירוש שלא על מנת לקבל פרס; בפירוש ניט צוליב „חיצוניותדיקן נוצן״, נאָר אין די אינטע־רעסן „פון דער מענטשלעכער קראַפט, וואָס האָט איר ציל אין זיך גופא״.

אַזוי אַרום האָט מאַרקס, צום סוף פון זיין טעאָרעטישן שאַפן, באַ־וואוסטזיניק אָנועקגעשטעלט דעם סאָציאַליזם ניט נאָר אויף דעם יסוד פון אַן אָביעקטיווער עקאָנאָמישער און היסטאָרישער וויסנשאַפט, נאָר אויך אויף דעם יסוד פון אַן אַלגעמיין מענטשלעכן, ריין מאָראַלישן לעבנס־באַנעם.

.19

די מאָראַל פון קלאַסנקאַמף

מאַרקס האָט אין דעם „מאַניפעסט" צעשטערט דעם מאָראַלישן יסוד פון דעם סאָציאַליזם. ער האָט אים אָבער ווידער אויפגעבויט אין זיין הויפּט־ווערק, „דאָס קאַפּיטאַל", סיי אין דעם מאָראַלישן אָפּשאַץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, סיי אין זיינע בליקן אויף דער מענטשלעכער נאַטור, אויף איר חשיבות, און אויף אַ מענטשלעכן לעבן אין דער „ממשלה פון פרייהייט".

און ניט נאָר דאָס. ער האָט קלאָר אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז אין דער „ממשלה פון פרייהייט" וועט די חשובע מענטשלעכקייט באַשטיין ניט אין אַ שטרעבן צו מאַטעריעלער עשירות, ניט צו אַ „דרויסנלעכן נוצן", נאָר אין אַ שטרעבן צו „אידעעלע" גייסטיקע אוצרות (צו „פּנימיות" און „רוחניות", וואָלטן מיר דאָס פאָרמולירט!), אין וועלכע עס ווערט פאַרווירקלעכט די „מענטשלעכע קראַפט, וואָס האָט איר ציל אין זיך גופא". דורך דעם האָט מאַרקס באַרייכערט די סאָציאַליסטישע מאָראַל מיט נאָך אַ גרונט־פּרינציפּ: די העכערשטעלונג פון אַ גייסטיקן לעבן איבער אַ לעבן פון אַ מאַטעריעלער רייכקייט; די הויכשאַצונג פון אַזאַ ריין גייסטיקער אַנטוויקלונג, ווי דאָס העכסטע ציל אין אַ מענטשלעכן לעבן, ווייל זי, דער אויסדרוק פון אַ „ציל אין זיך גופא", קאָן שוין ניט באַטראַכט ווערן, ווי אַ מיטל צוליב אַ וועלכן עס איז אַנדער ציל.

דערמיט האָט זיך אין דער געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט פאַרענדיקט די אַנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, ווי אַ באַשטימטע מאָדיפיקאַציע פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל און ווי אַ צוגאָב צו איר.

די שפּעטערדיקע סאָציאַליסטן האָבן קיין נייע מאָראַלישע גרונט־פּרינציפּן ניט אַרויסגעבראַכט און ניט אַלע זייערע זיינען געשטאַנען אויף יענער הייך, אויף וועלכער מאַרקס האָט אויפגעהויבן דעם ענין. מיר מוזן אָבער

זיך אָפּשטעלן אויף די וויכטיקסטע פון זיי, דער עיקר, צוליב דער כאַראַק־טעריסטיק פון זייער שטעלונג צו דער מאָראַלישער פראַגע.

אין דער ערשטער ליניע דאַרפן מיר זיך דאָ רעכענען מיט ענגעלסן, דעם מיט־מחבר פון דעם מאַרקסיזם בכלל און פון דעם „מאַניפעסט" בפרט. אויך ער האָט, נאַטירלעך, פאַרלאָזן דעם שטאַנדפּונקט פון דעם „מאַניפעסט", וואָס האָט באַטראַכט די מאָראַל, ווי אַ ריין היסטאָרישן קולטור־צווייג, ד"ה, אַזאַ, וואָס מוז אין דער צוקונפט לחלוטין פאַרשווינדן. ענגעלס גלייבט, אדרבא, אַז ערשט אין דער צוקונפט וועט מעגלעך ווערן אַ „ווירקלעך מענטשלעכע מאָראַל". דערווייל האָבן מיר אָבער ניט איין אַלגעמיין־מענטש־לעכע מאָראַל, נאָר גאַנצע דריי מאָראַל־סיסטעמען: די פעאָדאַל־אַריסטאָקראַ־טישע, די בורזשואַזע און די פּראָלעטאַרישע. דער גלויבן אין אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל פאַר דער ווייטער צוקונפט, — אַ גלויבן, וואָס האָט ניט קיין ברעקל אָנלען אין דעם היינט, — ווערט לײדער ביי ענגעלסן אָוועקגעשטעלט אויף דעם הינטער־פּלאַן. אין דעם פאָדערגרונט ווערט אַרויס־גערוקט די לערע פון דער רעלאַטיוויטעט אין די ענינים פון מאָראַל, לויט דעם אָדער יענעם קלאַס, וואָס ברענגט אַרויס די אָדער יענע מאָראַלישע פאָדערונגען.

אָט די צוויי גרונט־געדאַנקען, — מענטשלעכע מאָראַל און קלאַסן־מאָראַל, — זיינען לײדער ניט קלאָר אויסגעבאַלאַנסירט ביי ענגעלסן. שטאַ־מען שטאַמט עס דערפון, וואָס ער האָט זיך ניט געגעבן די מי שטרענגער פונאַנדערצושיידן די צוויי וויכטיקע ענינים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער מאָראַל: אונטער מאָראַל, ווי אַ צווייג פון דער מענטשלעכער קולטור, דאַרף מען פאַרשטיין, ערשטנס, אַ שטרעבן אָפּצושאַצן מענטשלעכע האַנד־לונגען, כוונות, געפילן און כאַראַקטערן, לויט דעם מאַסשטאַב פון אַ מאָ־ראַלישן טוב ורע, אַ פאַרשיידענעם פון דעם אוטיליטאַרישן, עסטעטישן און לאָגיש־טעאָרעטישן „גוט" און „שלעכט". אָט די זייט פון דער מאָראַל איז אַן אייביקער צווייג אין דער מענטשלעכער קולטור. פון דער אַנדער זייט געהערט אָבער אויך צו דער מאָראַל אַ באַשטימטע מאָראַלישע אָפּשאַצונג, אַ סיסטעם פון מאָראַלישע „דאָגמען" און פאַרשריפטן, וואָס דאַרפן אונדז ווייזן, וועלכע באַשטימטע האַנדלונגען, געפילן, שטרעבונגען און כאַראַק־טערן זיינען מאָראַליש גוט, אָדער מאָראַליש שלעכט. ענגעלס האָט אין זיין חקירה וועגן דער מאָראַל גראָד אָט דעם באַשטימטן „שולחן־ערוך" פון דער מאָראַל אין אויג, אירע באַשטימטע מצוות און עבירות, — אַ שולחן־ערוך, וואָס בייט זיך פון צייט צו צייט. און אויך דאָס לאָזט ער אַרויס פון אויג, אַז אפילו אין די איצטיקע מאָראַלישע קאָדעקסן און בליקן קאָנען דאָך זיין

אייביק־מענטשלעכע עלעמענטן, וועלכע שטאַמען פון דער „מענטשלעכער נאַטור" בכלל און וועלכע מאַרקס האָט אַנדערקענט. דערפון אַ גרויסע אומקלאָרקייט אין ענגעלעסעס שטאַנדפונקט.

די חקירה הייבט זיך אָן מיט דער קאָנסטאַטירונג פון דעם פאַקט, אַז די פאַרשטעלונגען פון „טוב" און „רע" האָבן זיך פון פאָלק צו פאָלק, פון עפּאָכע צו עפּאָכע אַזוי שטאַרק געביטן, אַז זיי זיינען פשוט סותר איינס דאָס אַנדערע. — אָבער, וועט אימיצער פרעגן, „גוט" איז דאָך ניט „בייז", און „בייז" איז ניט „גוט". אויב מען זאָל צונויפוואַרפן אינאיינעם גוט און בייז, הערט דאָך אויף יעדע מאָראַליטעט, און יעדער קאָן טאָן אָדער ניט טאָן, ווי ער וויל. ענטפערט דערויף ענגעלס: „ווען דאָס וואָלט געווען אַזוי פשוט, וואָלט דאָך גאָר קיין פלוגתא ניט געווען וועגן גוט און בייז. יעדערער וואָלט געוואוסט, וואָס איז גוט און וואָס איז בייז" (אַנטי־דירינג, ז. 88).

וואָס איז דערפון געדרונגען? געדרונגען איז דערפון, ווי מיר מיינען, אַז יעדערער וויל אַפּשאַצן געוויסע זאַכן, לויט אַ מאָראַלישן מאַסשטאַב פון טוב ורע, ד"ה, אַז די מאָראַל איז אַן אייביקער צווייג אין דער מענטשלעכער קולטור, נאָר באַשטימטע אינהאַלטן, מאָראַלישע דינים און משפטים רופן אַרויס פלוגתאס און בייטן זיך פון צייט צו צייט, פונקט אַזוי, ווי אויך די נאַטור־וויסנשאַפט איז אַן אייביקער צווייג, וואָס באַשטימטע אינהאַלטן אירע וויינען אָפט אָפּגעפרעגט געוואָרן און האָבן זיך געביטן אין דעם לויף פון די צייטן. ענגעלס גיט אָבער ניט אָט דעם נאַטירלעכן, לאָגישן ענטפער. זיין אויפמערק איז פאַרנומען ניט מיט דעם אייביקן עצם ענין מאָראַל, נאָר מיט דעם שולחן־ערוך אירן, דעם היסטאָריש זיך בייטנדיקן.

ער שרייבט: „וועלכע מאָראַל ווערט אונדז היינט געפּרידיקט? דאָס איז, ערשטנס, די קריסטלעך־פעאָדאַלע, אַריבערגענומען פון די פריערדיקע גלייביקע צייטן... לעבן איר פיגורירט די מאָדערן־בירגערלעכע און לעבן איר ווידער די פּראָלעטאַרישע צוקונפט־מאָראַל, אַזוי, אַז עבר, הווה און עתיד ליווערן אונדז בלויז אין די פּראָגרעסיווסטע אייראָפּייאישע לענדער דריי גרויסע גרופּעס פון מאָראַלישע טעאָריעס, וואָס ווערן געשעצט אין דער זעלביקער צייט און איינס לעבן דעם אַנדערן. נו — וועלכע איז די אמתע? קיין איינע פון זיי, אין דעם זין פון אַן אַבסאָלוטן לעצטן וואָרט. אָבער זיכער וועט יענע מאָראַל האָבן אין זיך די גרעסטע צאָל דויערהאַפטיקע עלעמענטן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אין דער קעגנוואַרט דעם אומשטורץ פון דער קעגנוואַרט, די צוקונפט, ד"ה, די פּראָלעטאַרישע מאָראַל" (ד. ג. 88־89).

האָבן די דריי איצטיקע מאָראַל־טעאָריעס וואָס עס איז בשותפות? — יע, ענטפערט ענגעלס: זיי „שטעלן פאָר מיט מיט זיך דריי פאַרשידענע

שטופּן פון דער זעלביקער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. זיי האָבן דעריבער אַ בשותּפותדיקן היגטער־גרונט, און שוין דעריבער על פּי הכרח—פּיל בשותּפות... פון דעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך אַנטוויקלט פּריוואַט־אייגנטום אויף מטלטלין, האָבן אַלע געזעלשאַפטן, וואָס האָבן אַנדערקענט אָט דאָס פּריוואַט־אייגנטום, געמוזט האָבן אַ בשותּפותע מאָראַלע פאָדערונג: דו זאָלסט ניט גנבענען. ווערט דעריבער אָט די פאָדערונג אַן אייביקע מאָראַלישע פאָדע־רונג? — בשום אופן ניט. אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די מאָטיוון צו גנבה... ווי ווערט מען דאָס אויסלאַכן אַ מאָראַל־פּריידיקער, וואָס זאָל הדרת־קודשדיק פּראָקלאַמירן דעם אייביקן אמת: דו זאָלסט ניט גנבענען!" (ד. ג., 89).

דאָ טרעט קלאָר אַרויס, וואָס אַזוינס ענגעלס האָט אין זינען, ווען ער רעדט וועגן דער טעאָריע פון מאָראַל, ער מיינט דאָ דעם סכום פון די דינים, פון די מצוות און עבירות, אין אַ געוויסן מאָראַלישן „שולחן־ערוך". אָבער אויך אין דעם פּרט וואָלט מען די מענטשלעכע מאָראַל געקאָנט פאַרגלייכן מיט אַ בוים, פון וועלכן געוויסע צווייגעלעך ווערן פאַרדאַרט און פאַלן אַראָפּ. רעדט מען אָבער וועגן אַ טעאָריע פון מאָראַל, דאַרף מען דאָך האָבן אין זינען ניט די אָדער יענע פאַרדאַרטע און אַראָפּגעפאַלענע צווייגעלעך, נאָר דעם גאַנצן „עץ הדעת טוב ורע".

און אויך דעמאָלט, איז ניט יעדער געבאָט, אין וועלכן מען נייטיקט זיך ניט מער, וועלכן מען דאַרף שוין גאָר ניט האָבן אין זינען, אַ טויטער פאַרבאָט. אָט אַפילו דער געבאָט פון ניט טאָרן גנבענען. אויב קיין מענטשן זאָל אַפילו ניט קאָנען אַרויף אויפן זינען צו גנבענען, הייסט עס דען, אַז אָט דעם פאַרבאָט האָט דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין אַראָפּגענומען פון דעם מענטשן? הייסט ער דען, אַז גנבענען איז געוואָרן מאָראַליש מותּר? בשום אופן ניט!

מיט די מאָראַלישע געבאָטן, איז, זאָגן מיר, ווי מיט די פאָדערונגען פון דער היגיענע. „זע, אַז די וואוינונגען זאָלן געהאַלטן ווערן ריין; אַז אין זיי זאָל זיין פיל פרישע לופט און זון!" איצט איז דאָס נאָך אַ דרינגענדיקע היגיענישע פאָדערונג. אָבער אַפילו דעמאָלט, ווען דאָס וועט זיין אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע, פון יעדן אין אַלע פּרטים אָפּגעהיטע זאַך, — וועט דאָס דען אויפהערן צו זיין אַן אייביקער געבאָט פון דער היגיענע? דער היגיעני־שער ווערט און באַדייט פון אָט דער פאָדערונג בלייבט פאַר אַלע צייטן, צי מען נייטיקט זיך נאָך אין פּריידיקן אים, צי ניט.

אָדער — נאָך אַ שלאָגנדיקערן ביישפּיל. איצטער „פּריידיקן" מיר דעם אידעאַל פון אייביקן פרידן צווישן פעלקער און פּראָטעסטירן אין דעם

העכסטן צאָרן אַנטקעגן קריג אָדער אפילו אַנטקעגן פאָגראָמען. אין דער צוקונפט, גלייבן מיר, וועלן מענטשלעכע שחיטות און הריגות אויפהערן, און עס וועט זיין לעכערלעך צו פריידיקן אַזעלכע זאַכן. איז פון דערפון געדרונגען, אַז דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט וועט אַראָפּנעמען זיין פאַרבאָט אויף זיי? זיכער ניין. דער פאַרבאָט בלייבט, אָבער מען וועט ניט טראַכטן וועגן אים, ווי מען טראַכט ניט וועגן דעם אייגענעם צאָנווייטיק, ווען די ציין זיינען געזונט.

געוויס זיינען פאַראַן אין דער מאָראַל סיי אַ היפּש ביסל גרונט־פּרינציפּן, סיי נאָך מער איינצלנע דינים, — דער עיקר אין דער סעקסועלער מאָראַל, — וואָס זיינען שוין לאַנג אָפּגעדאַרט אָדער האָלטן אין פאַרדאַרט ווערן און אַראָפּפאַלן. אָבער וואָס איז מיט אַזוינע געבאָטן, ווי זאָגן מיר, „ואהבת לרעך כמוך" (האָב ליב דעם צווייטן ווי זיך אַליין), ווי „מאי דיסני לך לחברך, לא תיעבד" (וואָס דיר איז ניט ליב, טו ניט דעם אַנדערן)? וואָס — מיט דער הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן; מיט קאַנטס מאָראַלישן פּרינציפּ: „דו זאָלסט דעם אַנדערן אַלעמאָל באַטראַכטן, ווי אַ זעלבסט־צוועק, און אים קיינמאָל ניט באַנוצן נאָר ווי אַ מיטל צו אַ צוועק", אָדער דיהרינגס גרונט־פּרינציפּ: „האָב רעספּעקט פאַר דעם אַנדערנס ווילן, ווי פאַר דיין אייגענעם"?

טראָגן דען ניט אָט די און אַנדערע אַזעלכע גרונט־פּרינציפּן, ווי פּירנדיקע שטערן אויף דעם וועג פון מאָראַלישע מעשים און מאָראַלישע געפילן, אַ שטראָל פון אייביקייט אין זיך, צי מען קאָן זיי איצטער דורכפירן בשלימות און אונטער אַלע אומשטאַנדן, צי ניט; צי מען וועט זיי אייביק דאַרפן דערמאָנען דער מענטשהייט, צי ניט?

ענגעלסעס „אַבסאָלוטער רעלאַטיוויזם" אין מאָראַלישע ענינים וואַרפט אויך אַזעלכע אייביקייטס־שטראָלן פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין צוזויף אין איין טאָפּ מיט די פאַרדאַרטע „היסטאָרישע" צווייגעלעך פון דעם מאָראַלישן „עץ הדעת", צו דעם גרעסטן שאָדן פאַר דער סאָציאַליסטישער שטעלונג צו דעם ענין „מאָראַל": איז דאָך ענגעלס געווען דער מיט־באַגרינדער און דער טאַלאַנטפולסטער פאַרטיידיקער פון דער הערשנדיקער ריכטונג אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט, דעם „מאַרקסיזם". אָבער גראָד אין דער מאָראַל האָט ער, איך מיין, ענגעלס, ליידער זיך ניט געקאָנט אויפהייבן ביז צו יענער הייך, אויף וועלכער מאַרקס האָט זיך אַרויפגעשוואונגען אין דעם דריטן באַנד „קאַפּיטאַל", הגם אויך ענגעלס האָט געלאָזן ווייטער הינטער זיך זייערביידנס יוגנטלעכן שטאַנדפּונקט פון דעם „מאַניפעסט".

אויך ענגעלס שפּירט, אַז עס איז דאָ עפּעס אייביקעס פאַר דעם מענטשן,

וויניקסטנס, אין דעם ענין „מאַראַל", אָבער דאָס קומט ביי אים ניט אַרויס צו אַ קלאָרן אויסדרוק.

זיין חקירה וועגן דער מאָראַל פּרעסט פרידריך ענגעלס צונויף אַט אין וועלכע שורות:

„יעדע ביז־אַהעריקע מאָראַל־טעאָריע איז אַ רעזולטאַט, אין דער אונטערשטער שורה, פון דער יעדעסמאָליקער עקאָנאָמישער לאַגע פון דער געזעלשאַפט. און אַזוי ווי די געזעלשאַפט האָט זיך ביז אַהער באַוועגט אין קלאַסן־קעגנזאַצן, איז אויך די מאָראַל תמיד אַ קלאַסן־מאָראַל. אָדער זי באַרעכטיקט די הערשאַפט און די אינטערעסן פון דעם הערשנדיקן קלאַס, אָדער ווי נאָר דער אונטערדריקטער קלאַס ווערט גענוג מעכטיק, פעדערט זי דעם אויפשטורעם אַנטקעגן אַט דער הערשאַפט און די צוקונפט־אינטערעסן פון די אונטערדריקטע.

„אַז דערביי איז פאָרגעקומען אַ פּראָגרעס סיי אין דער מאָראַל, סיי אין אַלע אַנדערע צווייגן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש, — דאָס ווערט ניט אַריינגעוואָרפן אין ספק. אָבער די קלאַסן־מאָראַל האָבן מיר נאָך ניט אַריבערגעשפּרייזט. אַ מאָראַל, וואָס זאָל שטיין העכער פון די קלאַסן־גרעגעצן און העכער פאַר די זכרונות וועגן זיי, אַ ווירקלעך מענטשלעכע מאָראַל וועט ערשט מעגלעך ווערן אויף אַזאַ שטופע פון דער געזעלשאַפט, וואָס וועט ניט נאָר גובר זיין די קלאַסן־קעגנזאַצן, נאָר וועט זיי אויך האָבן פאַרגעסן אין דער פּראַקטיקע פון לעבן" (אַנטי־דיורינג, זז. 89־90).

מיר האָבן שוין אויבן געזען אויף דעם ביישפּיל פון מלחמות צווישן פאָלק און פאָלק און פון רציחות צווישן מענטש און מענטש, אַז ווען זיי זאָלן פאַרשווינדן און פאַרגעסן ווערן אין דער פּראַקטיקע פון לעבן, וועט דאָס ניט הייסן, אַז דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין האָט זיך מיט זיי אויסגעאיינט און אַז זיי זיינען פון אַ מאָראַלישן שטאַנדפּונקט גאַנץ חשובע אָדער, זאָל זיין, נאָר גלייכגילטיקע זאַכן. דער מאָראַלישער משפּט איבער זיי בלייבט, און ער בלייבט דער אייגענער, צי זיי קומען פאָר, צי ניט. הייסט דאָך דאָס, אַז עס איז דאָ עפּעס אייביקעס, „ווירקלעך מענטשלעכעס" אין דער מאָראַל אויך אויף דער איצטיקער שטופע פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, וואָס שטייט נאָך אונטער דער שליטה פון די קלאַסן־קעגנזאַצן.

ענגעלס אַליין מוז דאָך מודה זיין, אַז אין דעם לויף פון דער גאַנצער ביז־אַהעריקער געשיכטע, דער באַהערשטער פון קלאַסן־קעגנזאַצן, איז פאָרגעקומען „אַ פּראָגרעס אין דער מאָראַל". אָבער ווי אַזוי קאָן איינער וויסן, צי די מאָראַל האָט פּראָגרעסירט, איז געגאַנגען פאָראויס און ניט צוריק,

אָדער דעם שטאַט, אָדער דער „געזעלשאַפט". אין דער צייט פון רדיפות אויף די רעליגיעז־קאָמוניסטישע סעקטעס האָט איינער, אַ רעליגיעז־קריסט־

דער מאָסשטאַב קאָן דאָך ניט באַשטיין דערין, וואָס אויב איין מאָראַל שטאַמט פון גאָר פריער, פון דעם פעאָדאַלן רעזשים, איז זי די ערגסטע, און אויב די בירגערלעכע מאָראַל שטאַמט פון דעם היינט, איז זי נאָך גענוג שלעכט, און אויב די „פראָלעטאַרישע" מאָראַל „פאַרטרעט די צו־קונפט", איז זי שוין דערפאַר אַליין די בעסטע פון די דריי. די מאָס פון „פריער" און „שפּעטער" איז איין זאַך. די מאָס פון „גוט" און „שלעכט" איז אַן אַנדער זאַך.

דעם פּראָגרעס פון דער מאָראַל פאַרגלייכט ענגעלס מיט דעם פּראָגרעס אין „אַלע אַנדערע צווייגן פון דער מענטשלעכער דערקענטעניש". נו — ווי איז דאָס דען אין זיי? איז אין דער פיזיקאַלישער וויסנשאַפט די מאָ־דערנע טעאָריע פון וואַרעמקייט נאָר דערפאַר אַן אמתע, און די „פלאָגיסטאָן"־טעאָריע פון דעם אַכצנטן יאָרהונדערט איז דערפאַר געווען אַ פאַלשע, ווייל די איצטיקע איז די שפּעטערע? בשום אופן ניט! די מאָדערנע טעאָריעס אין דער נאַטור־וויסנשאַפט זיינען דערפאַר פּראָגרעסיווער, ווייל זיי זיי־נען „אמתער", דאָס הייסט, ווייל זיי שטימען בעסער צונויף מיט יענע גרונט־פּרינציפּן און פאָדערונגען, וואָס ליגן אין דעם מאָס־שטאַב פון „אמת" און „פאַלש", ווי די דאָזיקע גרונט־פּרינציפּן גופא זאָלן ניט פּראָגרעסירן אין דעם לויף פון דער ריין וויסנ־שאַפטלעכער דערקענטעניש. אין די נאַטור־וויסנשאַפטן זעען מיר אויך, אַז מען קערט זיך אַמאָל אום צוריק צו אַ פריערדיקן געדאַנק, אַן אָפּגעוואָרפענעם פון דער וויסנשאַפט. אַזוי האָט קאָפּערניק זיך אומגעקערט צו אַן אַלט־אַלטן געדאַנק פון פּיטאַגאָרן, אַז די ערד דרייט זיך אַרום אַ „צענטראַל־פייער". האָט דאָס באַטייט אַ שריט צוריק, אָדער אַ שריט פאַר־אויס? לויט די פאָדערונגען, וואָס ליגן אין דעם מאָסשטאַב פון וויסנשאַפט־לעכן „ריכטיק" און „פאַלש", איז קאָפּערניקס אַסטראָנאָמישע טעאָריע די אמתע, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איר גרונט־געדאַנק איז אַ „פריערדיקער".

מיט אָט די קריטישע באַמערקונגען ווילן מיר ענגעלסעס רעלאַטיוויס־טישע חקירה צושפּאַרן צו דער וואַנט, זי זאָל זיך אַליין מודה זיין, אַז אין דעם מאָסשטאַב פון מאָראַלישן „טוב ורע" מוז זיין אויך עפּעס אַבסאָלוטעס, אייביקעס פאַר אַ מענטשלעכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין. די חקירה מוז דאָס מודה זיין, וויבאַלד זי נעמט אָן, אַז אין דער מענטשלעכער מאָראַל איז פאַרגעקומען אַ „פּראָגרעס", ניט נאָר אַן איבערבייט אין דער צייט, פון אַ „פריער" און אַ „שפּעטער", נאָר אויך אַן אַריבערגאַנג פון אַ נידעריקערער שטופע צו אַ העכערער.

זי, די חקירה, מוז דאָס אויך מודה זיין דערפאַר, ווייל זי אַליין דער־וואָרט אַ צושטאַנד, ווען די מאָראַל וועט ווערן אַ „ווירקלעך מענטשלעכע".
דאָס הייסט דאָך, אַז אויף דעם גרונט פון ענגעלסעס מאָראַלישן באַוואוסטזיין לויערט אַ זיכערקייט, אַז די איצטיקע מענטשלעכע מאָראַל, אפילו די פּראָלעטאַרישע, איז נאָך ניט די „ווירקלעך"־מענטשלעכע.

דאָס באַדייט דאָך אָבער ניט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר: אַז אין דער צוקונפט וועט די באַפרייטע מענטשהייט דערגרייכן נאָך העכערע מדרגות אין דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג, אַרויסברענגען נאָך אידעלערע און מענטשלעכערע האַנדלונגען, צוועקן, געפילן און כאַראַקטערן, איידער ביז אַהער. גיט דאָס ענגעלסן קיין ברעקל רעכט ניט מבטל צו זיין פון אַ מענטשלעכן שטאַנדפּונקט יענע דערגרייכונגען, וואָס זיינען שוין געמאַכט געוואָרן אין דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג. אויך אין זיי מוזן אויסגעפונען און אַנטדעקט ווערן יענע אייביק־מענטשלעכע, „ווירקלעך־מענטשלעכע" אידעאַלן און פּרינציפּן, וואָס צו פאַרווירקלעכן זיי אין לעבן איז אַ מאָראַלישער חוב פאַר יעדן מענטשן, וואָס וויל ניט פאַרשעמען דעם נאָמען „מענטש", וועלכן ער טראָגט. איז קאַרל מאַרקסעס אידעאַליסטישער מאָראַל־פילאָסאָפישער פּרינציפּ, וואָס זאָגט, אַז דאָס לעבן אין דער „ממשלה פון פרייהייט", דאָס לעבן צוליב גייסטיקע באַדערפעענישן און שאַפונגען, „וואָס טראָגן זייער ציל אין זיך גופא", דאַרף העכער געשאַצט ווערן, איידער דאָס לעבן צוליב מאַטעריעלער עשירות, — איז אָט דער פירנדיקער מאָראַלישער שטערן ניט אַזאַ אייביק־מענטשלעכער, „ווירקלעך־מענטשלעכער" פּרינציפּ? פאַרוואָס דערמאָנט אים ניט ענגעלס אין זיין גאַנצער מאָראַל־פילאָסאָפישער חקירה?

על־כל־פּנים מוזן מיר קאָנסטאַטירן, אַז ענגעלס גייט זיך דאָ פונאַנדער מיט מאַרקסן אין אַ זייער וויכטיקן טעאָרעטישן פּונקט: מאַרקס נעמט אָן, ווי מיר האָבן געזען אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, די עקזיסטענץ פון אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל אויך פאַר דער איצטיקער צייט. ער פאָדערט, אַז אויך דער בוי פון דעם מאַטעריעלן פונדאַמענט פאַר דער צוקונפטיקער „ממשלה פון דער פרייהייט" זאָל געשען אין פולער האַרמאָניע מיט דער חשיבות פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער נאַטור. ענגעלס אָבער מיט זיך מיט אַלע כוחות, און אויך אין טיפערן ווידערשפּרוך מיט זיך אַליין, ניט צו פאַרלאָזן דעם קלאַסן־שטאַנדפּונקט פון דער מאָראַל־פילאָסאָפיע פאַר דער גאַנצער צייט וואָס עס וועלן עקזיסטירן קלאַסן און אויך פאַר דער שפּעטערער צייט, ביז די קלאַסן־איינטיילונג און אירע ווירקונגען וועלן אינגאַנצן פאַרגעסן ווערן פון דעם לעבן.

לידער האָט אַזאַ איינשטעל געהאַט אַ שעדלעכע ווירקונג אויף דער שטעלונג פון די שפּעטערדיקע מאַרקסיסטן צו דעם ענין מאָראַל. און גאָר שעדלעך האָט זיך אָט די ווירקונג אַרויסגעוויזן מיט דעם אויפקום פון לענינס באָלשעוויזם.

מען דאַרף אָבער דערביי ניט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן קיין שום רעכט ניט צו אידענטיפיצירן ענגעלסעס מאָראַל־פילאָסאָפיע מיט דער באָלשעוויסטישער. זי שטייט הימל־הויך איבער דעם לעניניסטישן „באָלשעוויזם" אין דער מאָראַל.

פון אַלע דריי „מאָראַל־טעאָריעס", וואָס הערשן אין אונדזער צייט, — דער פעאָדאַל־אַריסטאָקראַטישער, דער בורזשואַזער און דער פּראָלעטאַרישער, — גיט ענגעלס אָוועק די בכורה דער לעצטער, ווייל זי פאַרטרעט די „אינטערעסן פון דער צוקונפט".

וואָס איז דאָס פאַר אַ פּראָלעטאַרישע מאָראַל־טעאָריע? ענגעלס רעדט ניט באריכות וועגן איר. אָבער אין אַן אַנדער אָרט פאַרזיכערט ער, אַז „דער סאָציאַליזם איז די דאָקטרין פון דעם פּראָלעטאַריאַט". ממילא איז די „פּראָלעטאַרישע מאָראַל־טעאָריע" גלייכבאַדייטנדיק מיט דער סאָציאַליסטישער מאָראַל־טעאָריע. און אונטער „סאָציאַליזם" האָט ענגעלס קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען נאָר די ספּעציעלע שיטה פון מאַרקסן און ענגעלסן. דאָס האָבן נאָר די שפּעטערע מאַרקסיסטן, — און אויך ניט אַלע, — אַרויסגעבראַכט אַזאַ ענגן אויסטייטש פון דעם ענין סאָציאַליזם בכלל. פאַר מאַרקסן און ענגעלסן איז דער סאָציאַליזם געווען די גאַנצע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אָנגעהויבן מיט די גרויסע אוטאָפּיסטן. אָבער פאַר אונדז ליגט דער אָנהייב פון דעם סאָציאַליזם נאָך אַ סך, אַ סך ווייטער אין דער פאַרגאַנגענהייט. זיין אורקוואַל האָט אָנגעהויבן שלאָגן, ווי מיר האָבן פריער געזען, אין דעם רעליגיעז־מאָראַלישן אויפשטורעם פון די אַלט־יידישע נביאים אַנטקעגן אַלע אונטערדריקער און אַנטקעגן יעדער אונטערדריקונג.

די נביאים האָבן אַרויסגעבראַכט דעם גרעסטן שריט פאָראויס אין דער אָפּקלערונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל און האָבן אויך אַרויסגעבראַכט אַ גרונט־פּרינציפּ פאַר דער ספּעציעל סאָציאַליסטישער מאָראַל. די באַרייכערונג פון דעם ריין סאָציאַליסטישן איינשטעל אין דער מאָראַל איז פאַרגעקומען, ווי מיר האָבן געזען, אין דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער מענטשלעכער געשיכטע. אָבער זיין פולסטע אויפקלערונג, ווי אַ קעגנזאַץ צו דער פעאָדאַל־אַריסטאָקראַטישער און בורזשואַזער מאָראַל, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם „מאָדערנעם סאָציאַליזם" פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, אָנגעהויבן מיט די גרויסע אוטאָפּיסטן און פאַרענדיקנדיק מיט קאַרל מאַרקסן.

.20

די פּראָלעטאַרישע מאָראַל דערהייבט דעם מענטשן

די „פּראָלעטאַרישע מאָראַל־טעאָריע" וועלכע ענגעלס באַטראַכט פאַר דער דריטער קלאַסן־טעאָריע פון דער איצטיקער צייט, איז, ווי מיר האָבן פריער געזען, ניט קיין אַנדע זאַך, ווי די סאָציאַליסטישע מאָראַל, אַרויסגע־בראַכט אין דעם גאַנצן לויף פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק פון די יידישע נביאים, די פאַרשיידענע קאָמוניסטישע ריכטונגען און סעקטן פון דער אַלטער וועלט, דעם מיטלאַלטער און דער רענעסאַנס־צייט. זי, אָט די סאָציאַליסטישע שיטה אין דער מאָראַל, איז באַזונדערס אויפגעקלערט און באַרייכערט געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, אָנגעהויבן מיט די „גרויסע אוטאָפּיסטן" און פאַרענדיקט מיט קאַרל מאַרקסן.

אין וואָס באַשטייט אָט די לערע, אין קעגנזאַץ צו דער פעאָדאַל־אַריס־טאָקראַטישער מאָראַל פון איין זייט און צו דער בורזשואַזער מאָראַל פון דער אַנדערער? וואָס זיינען אירע געבאָטן, חשיבותן, און הייליקייטן?

אַנשטאָט דער אויטאָריטעט פון דער קירך און פון דער פאַרהייליקטער רעליגיעזער טראַדיציע פאָדערט זי די אויבערהערשאַפט פונעם מענטשלעכן שכל און פון דעם פרייען מענטשלעכן פאַרשן. די גאַנצע איבערמענטשלעכע און איבערנאַטירלעכע וועלט ווערט קודם כל גענומען ווי אַ פּראָדוקט פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. די מאָראַל ווערט פאַרוועלטלעכט. זי ווערט אָפּ־געטיילט פון דעם רעליגיעזן גלויבן. זי איז ניט מער טעאָלאָגיש, נאָר אַנ־טראָפּאָלאָגיש. אפילו יענע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן נאָך אָפּגעהיט זייער רעליגיעזן גלויבן אין אַ געטלעכער קראַפט אין דער וועלט און וואָס קאָנען באַטראַכטן דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט, ווי דעם העכסטן אויסדרוק פון אָט דער געטלעכער אַלוועלטלעכער קראַפט, — אפילו זיי, זאָג איך, מוזן צוגעבן, אַז זייערע מאָראַלישע אידעאַלן שטאַמען ניט פון זייער גאָט־גלויבן, נאָר אַז זייער פאַרשטעלונג פון אַ געטלעכער אַלוועלט־

לעכער קראַפט ווערט באַשטימט פון זייערע מענטשלעכע מאָראַלישע אי־דעאַלן.

אַנשטאָט דעם אַסקעטיזם, דער הייליקייט פון פּייניקן דעם גוף, דעם שטרעבן צו ריינער רוחניות, הייבט די סאָציאַליסטישע מאָראַל אויף די חשיבות פון דער מענטשלעכער נאַטור אין איר גאַנצקייט, אין איר גייסטי־קייט און לייבלעכקייט, און עס ווערט געפאָדערט אַזאַ סדר פון דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן, וואו יעדער יחיד זאָל קאָנען אַנטוויקלען אַלע זיינע פעיאַ־קייטן און השלמות און זיך אויסלעבן אין זיי: פיזיש, אינטעלעקטועל, עסטע־טיש און מאָראַליש.

האַנט אין האַנט מיט אָט דער ווידעראויפריכטונג פון דעם פיזישן זיין, פון דעם מענטשלעכן פליישׂ־און־בלוט, גייט אויך די מאָראַלישע הויכשעצונג פון דער מענטשלעכער פיזישער אַרבעט וואָס פּראָדוצירט מאַטעריעלע גיטער, כדי צו באַפרידיקן מענטשלעכע באַדערפענישן. דער דרך־ארץ פאַר רייכטום און מאַכט, וואָס באַפרייט די הערשנדיקע קלאַסן פון פיזישער אַרבעט, ווערט אין גאַנצן אָפּגעוואָרפן. דער מיוחס ווערט דער אַרבעטער, וואָס לעבט פון יגיע כפיו.

דאָס פירט צו דער פאָדערונג, אָפּצושאַפן די קלאַסן־איינטיילונג אין דער געזעלשאַפט, ווי אויך דעם פונאַנדערשייד צווישן פיזישער אַרבעט און גייסטיקער. יעדער מענטש דאַרף זיין אַן אַרבעטער, דאַרף געבן זיין חלק פיזישע אַרבעט פאַר דער פּראָדוקציע פון אַלע יענע מאַטעריעלע גיטער, וואָס זיינען נייטיק פאַר אַלעמען. דאָס פאָדערט אויך די אָפּשאַפונג פון עקספּלואַ־טירן דעם אַנדערנס אַרבעט, און פון אַ לעבן אויף איר חשבון.

אַנשטאָט דער הייליקייט אָדער גרויסער חשיבות פון „געבן צדקה" ווערט געפאָדערט די פולע אָפּשאַפונג פון אָרעמקייט, עלנט, נויט, אומזיכערער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ און דער זאָרג פאַר דעם מאָרגן.

אַנשטאָט דעם בורזשואַזן פּרינציפּ פון דעם רויען אינדיווידואַליזם, דער חשיבות פון „העלדישקייט" אין דעם קאָנקורענץ־קאַמף פאַר רייכטום און מאַכט, ווערט געפאָדערט די פולע אַלגעמיינע סאָלידאַריטעט. ניט: „יעדער איינער פאַר זיך אַליין", נאָר „יעדער איינער פאַר אַלעמען און אַלע פאַר יעדן איינעם".

דאָס מוז פירן, ווי אַ סאָציאַליסטישע מאָראַלישע פאָדערונג, צו דער אַבסאָלוטער אָפּלייקענונג פון דעם „הייליקן פּריוואַט־אייגנטום־רעכט", און צו דעם פולן איבערבוי פון אונדזערע באַגריפן וועגן אָט דעם רעכט. אין אָט דעם פּרט גייען זיך פונאַנדער די קאָנסעקווענטע קאָמוניסטן פון איין זייט און די סאָציאַליסטן פון דער אַנדערער. פאַר דעם קאָנסעקווענטן קאָ־

מוניסט איז בכלל ניטאָ קיין פּריוואַט־אייגנטום. אַלץ געהערט דער „קהילה״, אָדער דעם שטאַט, אָדער דער „געזעלשאַפט״. אין דער צייט פון רדיפות אויף די רעליגיעז־קאָמוניסטישע סעקטעס האָט איינער, אַ רעליגיעז־קריסט־לעכער קאָמוניסט, אַ פאַרמשפּטער מיט נאָך חברים צום טויט פאַר זייער קאָמוניסטישן גלויבן, בצוואה איבערגעלאָזן פאַר דער געליבטער זיינער זיין „אויער־לעפּעלע״, אויב „די קהילה האָט גאַרנישט ניט קעגן דעם״! דער קאָמוניסטישער געדאַנק האָט זיך אָבער שוין ביי מאַרקסן אויפגעקלערט אין דעם זין, אַז אייגנטום ווערט אָפּגעשאַפט נאָר אויף די מיטלען און געצייג פון דער פּראָדוקציע, אָבער ניט אויף די אַרטיקלען פון דעם פּערזענלעכן געברויך. קוים באַקומט זיי איינער, לויט דעם אָדער יענעם פּאַרטייל־פּרינציפּ אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווערט דאָס זיין אייגנטום, וואָס איז אָבער זיכער ניט אַרומגעשטראַלט מיט אַ באַזונדערער „הייליקייט״, צו וועלכער קיין פרעמדער טאָר זיך ניט צורירן, ווי אין דער איצטיקער געזעלשאַפט.

אַנשטאָט דער „הייליקייט״ פון דער פאַמיליע און דער פאַרשקלאַפונג אָדער אומגלייכער שטעלונג פון דער פרוי, ווערט פּראָקלאַמירט דער פּרינציפּ פון דעם פרייען געפּיל, ווי אַ באַזיס פאַר אַ פּאָר־פאַלק־לעבן און די פולע גלייכשטעלונג פון דער פרוי מיט דעם מאַן אין דער געזעלשאַפט.

אַנשטאָט דער הייליקייט פון „פאָטערלאַנד״, פון „מאַי קאַונטרי ראַיט אָר ראָנג״, פון העלדישקייט אין אַ מלחמה צוליב איר גרייס, מאַכט און פּרעס־טיזש, פאָדערט די סאָציאַליסטישע מאָראַל, שוין פון די אַלט יידישע נביאים אָן, אַן אינטערנאַציאָנאַלן פאַרבאַנד פון אַלע פעלקער און לענדער און דעם אייביקן פרידן צווישן זיי.

אויך אין דעם פּרט פון „פאָטערלאַנד״ און „פאָלק״ זיינען נאָך פאַראַן היפּשע חילוקי־דעות אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט. אייניקע דערוואַרטן אין דער צוקונפט דאָס פאַרשווינדן פון „פעלקער״, „לענדער״ און שפּראַכן, זייער צונויפגוס אין איין אייגנאַרטיקער מענטשהייט מיט איין פאָטערלאַנד — אונדזער פּלאַנעט מיט איין־איינציקער שפּראַך־ און קולטור־ספּערע. אַנדערע, ווי קאַרל מאַרקס און די טעאָרעטיקער פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, זעען אין דער צוקונפט דאָס פאַרשווינדן פון „פאָטער־לענדער״, אָבער ניט דאָס פאַרשווינדן פון פעלקער, פון באַזונדערע שפּראַך־ און קולטור־ספּערעס. אַנדערע ווידער, ווי זשאָרעס, בעבעל, קאַוטסקי, טראָלס־טראַ וכו׳, לאָזן באַשטיין אין הויכער מאָראַלישער אָפּשאַצונג אויך דעם ענין פון פאָטערלענדער. דער אינטערנאַציאָנאַליזם מיינט דאָ די פאַרברידע־רונג פון פעלקער און לענדער אין אייביקן פרידן און אייביקער קעגנזייטיקער

הילף און פריינטשאַפט. איצטער איז דאָס דער פאַרהערשנדיקער פרינציפּ אין דער סאָציאַליסטישער מאָראַל.

אַנשטאָט דעם איצטיקן שטאָט מיט זיינע צוואַנגס־געזעצן דערהאָפן אַלע סאָציאַליסטן די אָפּשטאַרבונג פון דעם שטאָט, וואָס זיין פּלאַץ וועלן פאַר־נעמען די אַבסאָלוט פרייע יחידים.

ועל כולם ווערט אָט די סאָציאַליסטישע מאָראַל מיט אַלע אויסגערעכנטע גרונט־פאָדערונגען אירע באַקרוינט מיט דעם מאָראַלישן חשיבות־פּרינציפּ, וועלכן קאַרל מאַרקס האָט אַריינגעטראָגן אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנ־קען־וועלט: די העכערשעצונג פון אַ לעבן אין דער „ממשלה פון פרייהייט", וואו עס ווערט ניט געשטרעבט צו אַ וועלכן עס איז „דרויסנלעכן נוצן" און מאַטעריעלער עשירות, נאָר צו אַ לעבן צוליב „יענער מענטשלעכער קראַפט, וואָס טראָגט איר ציל אין זיך גופא", ד"ה, צוליב דעם פרייען אויסדרוק פון דעם מענטשנס גייסטיקע באַשאַפונגס־כוחות.

אָט דאָס אַלץ אינאיינעם איז דאָס סיסטעם פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, וואָס אַ היפּש ביסל גרונט־פּרינציפּן אירע זיינען שוין אַריין אָדער גייען אַלץ מער און מער אַריין אין דעם אַלגעמיינעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. ניטאָ קיין ברעקל גרונט אָנצונעמען מיט ענגעלסן, אַז דאָס איז נאָר אַ היסטאָרישע קלאַסן־מאָראַל פון דעם פּראָ־לעטאַריאַט, וואָס וועט בטל ווערן אין אַ נאָך העכערן אַרויפפּלי פון דעם מענטשלעכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין, ווען עס וועט, מיט דעם אָפּשאַפן פון די קלאַסן־קעגנזאַצן, אויפקומען די „ווירקלעך־מענטשלעכע מאָראַל".

די סאָציאַליסטישע מאָראַל קומט ניט אָפּצובייטן און מבטל צו זיין די איצט־הערשנדיקע אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל, מיט אירע דריי גרונט־פּרינציפּן: סימפּאַטישע געפילן, מענטשן־ליבע („אהבת חסד"), גערעכטיקייט („עשות משפט") און אַ שטרעבן צו גליק פאַר יעדן מענטשנקינד. די סאָ־ציאַליסטישע מאָראַל איז אַ צוגאָב צו זיי, אַ בעסערע אויסטייטשונג און אַ גאַראַנטיע פאַר זייער פולער פאַרווירקלעכונג אין דעם לעבן פון דעם איינצלנעם און פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

געוויס האָט די בורזשואַזיע אַן אַנדער פּירוש אויף דעם גרונט־פּרינציפּ פון גערעכטיקייט אײדער דער סאָציאַליסטישער מאָראַלישער באַוואוסטזיין. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז זיי בײדע זיינען טעאָרעטיש גלײכװערטיק. די קלאַסן־לאַגע פון דער בורזשואַזיע שטערט איר איינצוזען יענעם סאָציאַליסטישן פּירוש אויף „גערעכטיקייט", וואָס ווערט דיקטירט פון די צוויי אַנדערע פּרינציפּן: דער מענטשנליבע און דאָס שטרעבן צו אַלעמענס גליק.

אַ ראיה לדבר האָבן מיר אין דעם פאַקט, וואָס אַ סך אידעלע נאַטורן פון דער בורזשואַזיע, ווי דער פאַבריקאַנט ראָבערט אָוען, פון דער אַריס־טאָקראַטיע, ווי דער מאַרקיז סען־סימאָן, און פיל אַנדערע פון דעם זעלביקן הויכן מהות מענטש האָבן זיך באַפרייט פון זייער „קלאַסן־באַוואוסטזיין", — ריכטיקער: פון זייער קלאַסן־בלינדקייט, — און האָבן אָדער אַליין גע־האָלפן אויסאַרבעטן די סאָציאַליסטישע מאָראַל, אָדער האָבן זיך בלב ונפש און ניט זעלטן מיט מסירת־נפש — אַוועקגעשטעלט אין איר דינסט.

.21

קאַרל קאַוטסקי און זיין מאָראַל-טעאָריע

אין דער צייט פון נאָך ענגעלסעס טויט, אין די ניינציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט, זיינען אין דער מערב־אייראָפּייאישער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג אויפגעקומען נאָך צוויי באַדייטנדיקע דענקער, וואָס מיט זייער שטעלונג צו דעם ענין „סאָציאַליזם און מאָראַל" האָבן מיר זיך דאָ צו רעכענען.

איינער פון זיי — דער אָנערקענטער הויפּט־טעאָרעטיקער פון דעם מאַרק־סיסטישן מאַטעריאַליזם — איז געווען קאַרל קאַוטסקי (געב. 1854). דער אַנדערער — אַן אָנהענגער פון אַן אידעאַליסטישן איינשטעל סיי אין זיין וועלט־באַנעם און סיי אין זיין טעאָרעטישער באַגרינדונג פון דעם סאָציאַ־ליזם — איז געווען זשאַן זשאָרעס (1859־1914).

קאַרל קאַוטסקי, וועמען עדוואַרד בערנשטיין האָט צוגעצויגן צו דעם מאַרקסיזם, האָט זיך אין דער ערשטער צייט פון זיין שאַפן ווייניק אָפּגעגעבן מיט די פּראָבלעמען פון דער אינדיווידועלער מאָראַל און דער סאָציאַלער עטיק. אין זיין פאַר־מאַרקסיסטישן פּעריאָד אַ באַגייסטערטער אָנהענגער פון דעם דאַרוויניזם, איז ער, ווי אַ נעאָפיט, געוואָרן אַ פאַנאַטישער פאַר־טיידיקער, ווייטער־בויער און דערקלערער פון דעם „וויסנשאַפטלעכן" סאָ־ציאַליזם. בדרך כלל איז ער געשטאַנען אונטער דער באַזונדערער שליטה פון ענגעלסעס פּאָלעמיק אַנטקעגן דירינגען, און האָט באַטראַכט פאַר זיין טעאָרעטישער הויפּט־אויפגאַבע — צוריקצופירן אַלע „אידעאָלאָגישע" עלע־מענטן צו דעם עקאָנאָמישן הינטערגרונט פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, און ספּעציעל צו די קלאַסן־קאַמפן און צו די קלאַסן־פּסיכאָלאָגיעס, וואָס וואַקסן פון זיי אַרויס.

דער מאַרקסיזם, אָדער דער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", האָט אים באַצויבערט מיט זיין „וויסנשאַפטלעכן" באַווייז, אַז דער סאָציאַליזם מוז פאַר־ווירקלעכט ווערן אין לעבן; אַז דער קאַפּיטאַליזם מוז צוזאַמענברעכן, אַ דאַנק

זיינע אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן, מוז פאַרוואַנדלען די אומגעהייער גרויסע מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק אין פּראָלעטאַריער, און אַז פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט וועט ניט זיין קיין אַנדער אויסוועג, ווי נאָר אַ ריין סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

קלאָר איז פאַר קאַוטסקיס אויגן געשטאַנען מאַרקסעס גייסטיקע רעוואָלוציע, וועלכע ער האָט אַריינגעטראָגן אין דער געשיכטע פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק. אָט ווי ער פאָרמולירט זי, שוין גאָר אין זיינע לעצטע יאָרן, אין זיין גרויסן ווערק: „די מאַטעריאַליסטישע געשיכטס־אויפפאַסונג", פון 1927.

„די סאָציאַליסטן פאַר מאַרקס האָבן דעם סאָציאַליזם באַגרינדעט עטיש, ווי אַ פאָדערונג פון גערעכטיקייט, ווי אַ מיטל, צו פאַרווירקלעכן אים באמת אויף דער ערד... מאַרקס האָט אָבער, מחמת זיין באַנעמען די געשיכטע, באַגרינדעט דעם סאָציאַליזם גראַד ניט אויף עטיק. ער איז געקומען צו דעם איינזען, אַז נייע אידייען, וואָס כאַראַקטעריזירן אַן עפּאָכע, וואַקסן אַרויס פון נייע, אירע אייגענע עקאָנאָמישע אומשטאַנדן און געפינען אין זיי די באַדינגונגען פאַר זייער פאַרווירקלעכונג. די באַוועגונג פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם איז דעריבער פאַר אים געווען אַ קינד פון דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם, ד"ה, פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף, וואָס שפּרינגט פון אים על־פי הכרח אַרויס. עס הענגט אָפּ פון די באַדינגונגען, וועלכע דער קאַפּיטאַליזם אַנטוויקלט, צי, ווען און ווי עס וועלן קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן יענע סאָציאַליסטישע אידייען, וואָס דער קלאַסן־קאַמף ציטיקט אויס אין די קעפּ פון די פּראָלעטאַריער, פון זייערע פאַרטרעטער און דענקער" (ערשטער באַנד, ז. 10).

אין זיין ריין מאַרקסיסטישער יוגנט־צייט איז אָבער פאַר קאַוטסקין ניט געווען די שאלה: „צי" דער סאָציאַליזם וועט „קאָנען" פאַרווירקלעכט ווערן; ער מוז אומפאַרמיידלעך אַריינטרעטן אין לעבן, לויט די ריין אָביעקטיווע געזעצן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. איז פאַר קאַוטסקין דער ענין „עטיק" געשטאַנען גאָר אויף דעם הינטערשטן פּלאַן. די באַגרינדונג, צי אפילו די מיטבאַגרינדונג פון דעם סאָציאַליזם טאָר ניט געזוכט ווערן אין דער מאָראַל. און פּונקט אַזוי נעגאַטיוו איז געווען קאַוטסקיס שטעלונג צו די ענינים „אידעאַל" און „אידעאַליזם" אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. דער פּראָלעטאַריאַט, האָט עס ביי אים געהייסן, שטרעבט ניט צו פאַרווירקלעכן וועלכע עס איז „אידעאַלן" און „פרומע וואונטשן", נאָר „ענדצילן".

פון יענע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן געקריטיקירט די וויסנשאַפטלעכקייט פון דער מאַרקסיסטישער געשיכטס־פילאָסאָפיע מיט אירע מעטאָדן פון

היסטאָרישער פאָרשונג און האָבן געפאָדערט, אַז סיי די סאָציאַליסטישע טעאָריע, סיי די סאָציאַליסטישע באַוועגונג זאָלן אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַן עטישן יסוד — פון זיי האָט קאַוטסקי איראָניש פאַרלאַנגט, זיי זאָלן וויסנשאַפטלעך באַווייזן, אַז אַנדערע היסטאָרישע כוחות, די ניט־עקאָנאָמישע — און זאָל דאָס זיין די עטיק — וועלן טרייבן די געזעלשאַפט צו דעם אומפאַרמידלעכן טריאומף פון דעם סאָציאַליזם. קאַוטסקי איז געווען זיכער, אַזאַ אַזאַ באַווייז איז אוממעגלעך.

אַ קאַלאָסאַלע ענדערונג אין זיין שטעלונג צו דער „עטיק", אין איר שייכות צום סאָציאַליזם, איז ביי קאַוטסקין פאָרגעקומען ערשט נאָך ענגעלסעס טויט. אין אים האָט ווידער גענומען דערוואַכן דאָס זעלבסטשטענדיקע דענקען, וואָס איז אַ לאַנגע צייט אינגאַנצן געווען פאַרשקלאַפט ביי די גרונטגעדאַנקען פון דעם „מאַניפעסט", פון דעם ערשטן באַנד „קאַפּיטאַל" און פון ענגעלסעס פאָלעמיק אַנטקעגן דירינגען. אויך ער האָט אין דעם „קאַפּיטאַל" ניט באַמערקט דעם גרויסן אונטערשייד, וואָס הערשט גראָד בנוגע דער מענטשלעכער מאָראַל, אין פאַרגלייך צו דער פריערדיקער שטעלונג אין „מאַניפעסט", אין וועלכן קאַוטסקי האָט דערבליקט די קווינטעסענץ פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וועלט־באַנעם און לעבנס־בליק.

ערשט ווען ער האָט זיך גענומען באַפרייען פון אָט דער אַבסאָלוטער גייסטיקער פאַרקשלאַפונג, ווען זיין געדאַנק האָט גענומען זיך אומקערן צו זיך אַליין, דאָס הייסט, צו זיינע פאַר־מאַרקסיסטישע דרכים, און האָט געזוכט צונויפצושטימען דעם מאַרקסיזם מיט זיי, האָט ער זיך ווידער מיט אַ באַזונדערן ערנסט פאַראינטערעסירט מיט די ניט־עקאָנאָמישע זייטן פון דעם געשיכטלעכן פראָצעס, און דער עיקר, מיט דער עטיק.

אין 1906 האָט קאַוטסקי פאַרעפנטלעכט זיין ווערק „עטיק און געשיכטסבאַנעם", וואו ער גייט זיך אינגאַנצן פונאַנדער מיט דעם שטאַנדפונקט ניט נאָר פון דעם „מאַניפעסט", נאָר אויך פון ענגעלסעס „אַנטי־דירינג". אין „מאַניפעסט" ווערט די מאָראַל דערקלערט ווי אַ היסטאָרישע אָפשפיגלונג פון דעם קלאַסן־קאַמף, וואָס וועט פאַרשווינדן לגמרי אינאיינעם מיט אים. ענגעלס האָט שפעטער מודה געווען, אַז די מאָראַל וועט ניט פאַרשווינדן אין דער צוקונפט, נאָר וועט דערגרייכן נאָך אַ העכערע שטופע, אַ „ווירקלעך־מענטשלעכע". די איצטיקע מאָראַל אָבער, אפילו די פּראָלעטאַרישע „מאָראַל־טעאָריע", שטייט נאָך ניט אויף יענער הייך.

קאַוטסקי געפינט אויס אין זיין שריפט, אַז די עטיק, ווי מאָראַלישע חשיבותן און שפּלקייטן („טוגנטן" און „לאַסטער") זיינען שוין אויפגעקומען אין דער פרימיטיווער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס האָט נאָך ניט גע־

וואוסט פון וועלכער ס'איז קלאַסן־איינטיילונג און פון קלאַסן־קאַמפן. זעלבסט־פאַרניינונג, באַהאַרצטקייט („טאַפּפערקייט"), טרייקייט און איבערגעגעבנקייט, ליבע צום אמת, געפילן פון פליכט און געוויסן — דאָס אַלץ איז ביי דעם פרימיטיוון מענטשן אַרויסגעוואַקסן פון יענע סאָציאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס האָבן געלעבט אַלע געזעלשאַפטלעכע לעבעדיקע ברואים, ניט נאָר דער מענטש. מיט דעם אויפקום פון די קלאַסן און דעם קלאַסן־קאַמף קומט אויך אויף ביי די אונטערדריקטע קלאַסן „אין אַלץ אַ וואַקסנדיקער מאָס, אַ סומע פון דערשיינונגען, וועלכע מיר נעמען אַרום מיט דעם נאָמען עטישער אידעאַליזם" (זע די שריפט, ז. 135, אונטערגעשטראָכן ביי קאַוטסקין גופא. פאַרגליך וועגן אַט דער שריפט מיין „מאַטעריאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע", אין זעקסטן באַנד פון מיינע געזאַמלטע שריפטן, זז. 87־89).

שפּעטער האָט קאַוטסקי אויך גענומען רעדן וועגן דעם „רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם פון דעם פּראָלעטאַריאַט". ער גייט זיך פונאַנדער מיט ענגעלסן אויך אין דעם געדאַנק, אַז אין דער צוקונפט וועט אַרויסגעבראַכט ווערן נאָך אַ העכערע, „ווירקלעך־מענטשלעכע" מאָראַל. דער מענטש, ווי אַ מאָראַלישער מהות, איז גענוג הויך. די גאַנצע געשיכטע פון קלאַסן־קאַמפן — וואָס איז נאָר אַ קליינע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַן אויפגעוואַקסענע אין אַ משך פון הונדערטער טויזנטער יאָרן אין אַ קאָמוניסטישן לעבן — האָט נאָר פאַרטונקלט און פאַרהויקערט דעם מאָראַלישן מהות־מענטש. ערשט ווען די הערשנדיקע פרייהייט, גערעכטיקייט, הומאַניטעט און דאָס אַלגעמיינע גליק זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן פון דעם מענטשלעכן לעבן, זיינען זיי געוואָרן „עטישע אידעאַלן", נאָך וועלכע די אונטערדריקטע קלאַסן און די איידעלערע נאַטורן בענקען שוין אַ פּאָר טויזנט יאָר נאָכאַנאַנד.

די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וואָס וועט אָפּשאַפן די קלאַסן און די קאָנפליקטן צווישן פעלקער, וועט ערשט מעגלעך מאַכן, אַז דעם מענטשנס מאָראַלישע נאַטור זאָל זיך ווידער אויסגלייכן. „מיר האָבן אָבער קיין ברעקל גרונט ניט צו דערוואַרטן", שרייבט קאַוטסקי צום סוף פון זיין לעצטן גרויסן ווערק, „אַז מיר וועלן דערביי דערגרייכן אַ העכערע עטיק, איידער די וואָס ליגט אין דער מענטשלעכער נאַטור שוין גאָר פון אָנהייב אָן" (זע זיין „מאַטעריאַליסטישער באַנעם פון דער געשיכטע", צווייטער באַנד, ז. 842).

דער פּראַקטישער פועל־יוצא פון אַט דעם זייער הויכן מאָראַלישן איינשטעל קאַוטסקיס באַשטייט אין דעם ריכטיקן איינזען, אַז די „מאָראַלישע כוחות, וואָס זיינען לעבעדיק אין דעם מענטשן פון אָנהייב אָן, זיינען דורכאויס גענוג פאַר העכערע לעבנס־פאָרמען, וויבאַלד די עקאָנאָמישע פונדאַ־

מענטן פאַר זיי װעלן געװאונען װערן" (ז. 844). דעם איבערבייט אָבער פון די עקאָנאָמישע פונדאַמענטן האָבן מיר צו דערוואַרטן ניט פון אַ וועלכן עס איז מאָראַלישן פריידיקן, אָדער פון אַ העכערער עטישער אַנטוויקלונג פון די מענטשן, נאָר „פון די עקאָנאָמישע אומשטענדן אין דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם און פון די קלאַסן־קאַמפן, וועלכע זיי רופן אַרויס" (ז. 843. זע אָבער אויך דעם גאַנצן שלוס־קאַפּיטל: „די גרענעצן פון דעם פּראָגרעס", זז. 835 ביז 845. ספּעציעל וועגן דער מאָראַל, פון ז. 841 אָן).

אויף אַ זייער הויכן טראַן זעצט קאַוטסקי אַוועק די מענטשלעכע מאָראַל אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט. ער שטעלט אָבער אַוועק דעם זייער הויכן טראַן מחוץ פון דעם היסטאָרישן קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער צוקונפט. פאַר דעם פּראַקטישן באַטייט פון דער מאָראַל אין דעם סאָציאַליסטישן קאַמף בלייבט ביי קאַוטסקין, אין תוך אַריין, אַלץ ווי געווען... אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט".

עס איז אָבער ניט איבעריק דאָ צו באַמערקן, אַז אין זיין מאָראַלישן לעבנס־באַנעם שטייט אויך קאַוטסקי אויף דעם זעלביקן באָדן פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, וואָס איז אָפּגעקלערט געוואָרן אין די אַרבעטן און שטרעבונגען פון די „גרויסע אוטאָפּיסטן" און פון קאַרל מאַרקס.

.22

זשאַן זשאָרעס און זיין באַגריף פון מאָראַל

זשאַן זשאָרעס, דער גרויסער פאָלקס־טריבון, דער פאָרקעמפער פון דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט און פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פראַנקרייך ביז צו דעם וועלט־קריג — ער איז גראָד מיט אַ פּאָר טעג פאַר זיין אויסברוך דערשאָסן געוואָרן פון אַ שאָוויניסטישן פאַנאַטיקער — זשאַן זשאָרעס איז אין זיין וועלט־באַנעם ניט געוועזן קיין מאַטעריאַליסט. ער האָט געגלייבט, אַז אין דעם וועלט־אַל, וואָס זיין לעצטער יסוד איז פאַרבאָרגן פון אונדז, הערשט אַן אייביקע לעבנס־קראַפט, וואָס ווירקט אויך אין די מענטשלעכע נשמות, ווען זיי שטייען אין קאָנטאַקט מיט דער נאַטור, און רופט אין זיי אַרויס דאָס אויפציטערן פון „מיסטעריעזע און טיפע כוחות". פון אָט דעם מיסטישן וועלט־גרונט און פון דעם זיך אייביק־באַוועגנדיקן לעבן קומען אויף „די גרויסע מענטשלעכע כוחות: די אַרבעט, דער געדאַנק, די וויסנ־שאַפט, די קונסט, אפילו די רעליגיע, ווען מען זאָל זי פאַרשטיין ווי דער מענטשהייטס אַריינגעמען אין זיך דעם וועלט־אַל" (פאַרגלייך זיין „אַלגעמיינע איינלייטונג" צו זיין אַכט־בענדיקן הויפּט־ווערק: „די סאָציאַליסטישע געשיכטע פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע", נייע אויסגאַבע 1922 ביז 1927, ערשטער באַנד, ז. 23).

אָבער אין דער אַלגעמיינער ראַם פון אָט דעם מיסטיש־אידעאַליסטישן וועלט־און־לעבנס־באַנעם האָט זשאָרעס אויך פּלאַץ פאַר יענעם מאַרקסיסטישן „מאַטעריאַליזם", וואָס קלערט אונדז אויף די ראָליע פון די עקאָנאָמישע פּראָצעסן און פון דעם קלאַסן־קאַמף אין דער „פאַרגעשיכטע פון דער מענטשהייט" ביז דעם אָנפאַנג פון דער קלאַסן־איינטיילונג און פון זייערע קאָנפליקטן.

אינאיינעם מיט מאַרקסן נעמט ער אָן, אַז דער אַרבעטס־פּראָצעס רופט אַרויס, אין זיין אַנטוויקלונג, סאָציאַלע כוחות, וואָס באַהערשן אַלע פאָרמען פונעם מענטשלעכן באַוואוסטזיין. „מיר ווייסן", שרייבט ער, „אַז די עקאָנאָמישע באַדינגונגען, די פאָרם פון פּראָדוקציע און פון אייגנטום זיינען דער

סאָמע פונדאַמענט פון דער געשיכטע", און אַז „דער עקאָנאָמישער בנין פון דער געזעלשאַפט באַשטימט די פּאָליטישע פאָרמען, דעם געזעלשאַפטלעכן אויפפיר און די אַלגעמיינע ריכטונג פון דעם געדאַנק" (ד. ג.). „בלי ספק, אפילו דאָס ליכט פון די ווייטסטע שטערן, אַזוינע פרעמדע דעם מענטשלעכן סיסטעם, קאָנען אַרויסרופן אין דער פאַנטאַזיע פון דעם פּאָעט נאָר אַזעלכע חלומות, וואָס שטימען צונויף מיט דער אַלגעמיינער שפּירעוודיקייט פון זיין צייט און מיט דעם פאַרבאָרגענעם גרונט פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, פונקט אַזוי ווי דער שטראַל פון דער לבנה רופט אַרויס פון דער פאַרבאָרגענער פייכטקייט אין דער ערד דעם גרינגן טוי, וואָס שוועבט איבער דעם פלעין" (ז. 24).

אויך זשאָרעס שאַצט אָפּ די גרויסע ראָליע, וואָס דער קלאַסן־קאַמף האָט געשפּילט אין דער געשיכטע. אויך ער שטייט פעסט אויף דעם באָדן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף אַנטקעגן דער בורזשואַזיע און דערוואַרט פון אים — נאָר ניט פון אים אַליין — די באַפרייאונג פון דער מענטשהייט אין דער סאָציאַליסטישער צוקונפט. אָבער אָט די באַפרייאונג איז פאַר אים ניט נאָר אַן עקאָנאָמישע און סאָציאַלע. די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַוועגונג, די גרויסע אינדוסטריע, דאָס אָנוואַקסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס סיי אין צאָל, סיי אין זיינע צילן, די אומצופרידנקייט פון די פויערים, „די מאָראַלישע אומרו פון דער אינטעלעקטועלער בורזשואַזיע" אין דער איצטיקער „הענדלערישער און ברוטאַלער געזעלשאַפט" — דאָס אַלץ, זאָגט ער, גרייט פאָר אַ נייעם סאָציאַלן קריזיס, אַ נייע און טיפערע סאָציאַלע רעוואָלוציע, אין וועלכער די פּראָלעטאַריער וועלן איבערנעמען די מאַכט, כדי איבערצואַנדערשן דאָס אייגנטום און די מאָראַל" (ז. 19).

דער סאָציאַליזם וועט איבערנעמען די גאַנצע מאַכט אין זיינע הענט, כדי צו באַשאַפן אויך נייע פאָרמען „פון דעם אידעאַל" (ז. 23). „ניט נאָר דורך דער קראַפט פון די אומשטאַנדן וועט דורכגעפירט ווערן די סאָציאַלע רעוואָלוציע. דאָס וועט געשען אַ דאַנק דער קראַפט פון די מענטשן, אַ דאַנק דער ענערגיע פון זייער געוויסן און זייער ווילן... דער מאָראַלישער ניוואָ אין דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פון דעם מאָרגן וועט באַשטימט ווערן דורך דער מאָראַלישער הייך פון די אינדיווידועלע געוויסנס אין דעם קעמפערישן קלאַס פון דעם היינט" (ז. 27).

און זשאָרעס האָט פון זיין שטאַנדפּונקט געהאַט אַ רעכט צו דערוואַרטן מאָראַליש גאָר הויך שטייענדיקע מענטשן, וויבאַלד זיי וועלן זיך באַפרייען פון אַלע יענע טונקעלע סאָציאַלע כוחות, וואָס ווירקן איצטער אויף זייער פרייען געדאַנק. מענטש וועט שטיין פּנים לפּנים מיט דער וועלט־אומענדלעכ־

קייט, וועט ניט וויסן פון קיין אַנדערע געזעצן, ווי נאָר פון אירע, און „דער קאָנטאַקט מיט דעם וועלט־אַל וועט אין דער מענטשלעכער נשמה לאָזן וויב־רירן יענע מיסטעריעזע און טיפע כוחות, די כוחות פון דעם זיך אייביק באַוועגנדיקן לעבן, וואָס איז געווען איידער די מענטשלעכע געזעלשאַפטן און וועט אַריבערלעבן זיי״ (ז. 25־24. די גאַנצע איינלייטונג זז. 19 ביז 27).

אַריינגעמענדיק די וויכטיקסטע עלעמענטן פון דעם מאַרקסיזם און פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף אין זיין מיסטיש־אידעאַליסטישן וועלט־באַנעם, האָט זשאָרעס באַשאַפן אַ סינטעז פון דעם מאַרקסיזם און דעם סאָציאַליזם פון די גרויסע פראַנצויזישע אוטאָפּיסטן. אין דעם געלייטערטן גלויבן, אַז דער „מאָראַלישער פאַקטאָר״ איז ניט נאָר אַן אייביקער עלעמענט פאַר דער צוקונפט, נאָר אויך אַ נייטיקער כוח אין דער פאַרגרייטונג אירער און אין דעם קאַמף פאַר איר, האָט זשאָרעס ווידער אַוועקגעשטעלט דעם סאָציאַליזם — אויך אין זיין צונויפגוס מיט דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף — אויף אַ ריין מאָראַלישן יסוד.

אין זיין קליינער, אָבער אינהאַלטרייכער שריפט: „סאָציאַליזם און דאָס לעבן״, פון וועלכער מיר האָבן גענומען דעם מאָטאָ צו אונדזער איצטיקער אַרבעט, שרייבט ער:

„די הערשאַפט פון איין איינציקן קלאַס איז אַן אַטענטאַט אויף דער מענטשהייט. דער סאָציאַליזם, וואָס וויל אָפּשאַפן קלאַסן־הערשאַפט, ווי יעדן קלאַסן־אונטערשייד בכלל, באַדייט דעריבער די ווידעראויפשטעלונג פון דער מענטשהייט. ממילא איז דאָס אַ חוב פון גערעכטיקייט פאַר יעדן איינעם צו זיין אַ סאָציאַליסט.

„זאָל מען אָבער ניט מיינען, ווי דאָס טוען אייניקע סאָציאַליסטן און פּאָזיטיוויסטן, אַז עס איז קינדיש און אַן נוצן צו באַרופן זיך אויף דער גערעכטיקייט; אַז זי איז אַ גאַנץ מעטאַפיזישער באַגריף און אַז יעדע טיראַניע האָט זיך, לויט איר אייגענעם גוסט, צוגעשניטן אַ מאַנטל פון אָט דעם באַנאַלן פּורפל. דאָס איז בשום אופן ניט אמת.

„אין דער איצטיקער געזעלשאַפט באַקומט דאָס וואָרט „גערעכטיקייט״ אַן אַלץ קלאָרערן, אַלץ מער אַרומנעמעוודיקן באַגריף. ער זאָגט אונדז, אַז אין יעדן מענטשן דאַרף רעספּעקטירט ווערן די מענטשהייט און עס מוז אין אים אויף וויפל מעגלעך אַנטוויקלט ווערן די פולע מענטשלעכקייט.

„מענטשלעכע חשיבות איז אָבער פאַראַן נאָר דאָרטן, וואו עס הערשט אומאָפּהענגיקייט, אַ טעטיקער ווילן, אַ פרייער און פריידיקער צופּאַסן זיך פון דעם יחיד צו דעם כלל. אָבער אומעטום דאָרטן, וואו מענטשן זיינען אָפּהענגיק פון דעם אַנדערנס גנאָד, וואו זיי העלפן אין די אַלגעמיינע אויפגאַבן ניט

פון דעם פרייען ווילן; אומעטום דאָרטן, וואו דער יחיד איז אונטערגעוואָרפן אונטער די געזעצן פון דעם כלל ניט לויט זיין פרייען באַשלוס, נאָר דורך דער מאַכט פון די אַנדערע אָדער על־פּי גערוואוינהייט, — אומעטום דאָרטן קאָן מען רעדן נאָר וועגן אַ פאַרהויקערטער מענטשלעכער חשיבות. ממילא קאָן די מענטשהייט קומען צו איר רעכט נאָר דעמאָלט, ווען עס וועט אָפּגעשאַפט ווערן דער קאַפּיטאַליזם און עס וועט איינגעפירט ווערן דער סאָציאַליזם"...

עס איז, ווי זשאָרעס וואָלט דאָ געהאַלטן אַ מאָראַלישן שפּיגל פאַר דעם איצטיקן באָלשעוויסטישן ראַטנלאַנד, וואָס האָט שוין אָפּגעשאַפט דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליזם: זאָל זי זען, וואָס פאַר אַ פּנים די מענטשלעכע חשיבות האָט באַקומען אין איר „סאָציאַליזם"...

נאָר — וועגן דער באָלשעוויסטישער מאָראַל וועט אונדז אויסקומען צו רעדן מער באריכות אין די קומענדיקע קאַפּיטלען. דערווייל דאַרפן מיר מיט אַ פּאָר באַמערקונגען פאַרענדיקן וועגן דעם היסטאָרישן גורל פון דעם ענין „סאָציאַליזם און מאָראַל" אין מערב־אייראָפּע.

גלייך נאָך דער דערמאָרדונג פון זשאָרעסן איז אויסגעבראָכן דער וועלט־קריג, וואָס האָט צעשמעטערט דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל און האָט פאַרטונקלט אָדער אינגאַנצן אַראָפּגעשליידערט אין אָפּגרונט די סאָציאַליסטישע מאָראַל און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פון דעם פּראָלעטאַריאַט. מאַרקסיסטן, קאָסמאָפּאָליטישע אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן האָבן פון ביידע זייטן פּראָנט זיך אַ וואָרף געטאָן איינע אויף די אַנדערע, ניט אונטער דער בייטש פון די רעגירונגען, נאָר אין פריידיקער התלהבות פאַר די אינטערעסן פון די „פאָטערלענדער" און כדי צו נעמען בלוטיקע נקמה פון יענעם צד, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם וועלט־פלאַקער. און יעדער צד האָט באַשולדיקט דעם אַנדערן דערין. די סאָציאַליסטישע מאָראַל איז אויפגעריסן געוואָרן דורך די באָמבעס און שראַפּנעלן און איז דערטרונקען געוואָרן אין אַ ים פון מענטשלעכן בלוט.

ערשט אַ היפשע פּאָר יאָר נאָך דעם וועלט־קריג האָט אין דער מערב־אייראָפּייאישער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט גענומען שטאַרק רעדן דער מאָראַלישער געוויסן און האָט גענומען מאָנען אַ דין וחשבון. אַמשטאַרקסטן האָט דער צער און פּיין פון דעם אין בלוט און שמוץ צעטראָטענעם מאָראַלישן יושר גענומען רעדן גראַד אין דעם מאַרקסיסטישן לאַגער, וואָס האָט שטאַרק געזינדיקט אַנטקעגן אים און זיין טעאָרעטישן איינשטעל.

אין בעלגיע איז דער פריעריקער פאַרברענטער מאַרקסיסט דע־מאַן ארויס מיט אַ גרויסן בוך וועגן דער „פּסיכאָלאָגיע פון דעם סאָציאַליזם" (אין דייטש, פראַנצויזיש, אויך איבערגעזעצט אין ענגליש און יידיש), וואו ער

פאַלט קריטיש אָן אויף דעם הערשנדיקן מאַרקסיזם גראָד פאַר זיין נעגאַטי־ווער, אָדער סתירות־פולער, על־כל־פנים טעאָרעטיש פאַלשער אָדער איינזייטיקער שטעלונג צו די אידעאַליסטישע עלעמענטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע און אין דעם מענטשלעכן לעבן פון די גרויסע פאָלקס־מאַסן: דער עיקר צו דער מאָראַל און צו דער רעליגיע. עס ווערט געפאָדערט די ווידער־אויפריכטונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ניט נאָר אויף נייע רעאַל־וויסנשאַפטלעכע, נאָר אויך אויף די אַלטע אַלגעמיין־מענטשלעכע, רעליגיעז־עטישע און אידעאַליסטישע יסודות.

אָן דעם זעלביקן געדאַנקען־גאַנג שליסט זיך אָן אין האָלאַנד די פירערין פון דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, די טעאָרעטיש הויך־געשולטע און טאַ־לאַנטפולע פּאָעטעסע, הענריעטע ראָלאַנד־האָלסט. אין שווייצאַריע וואַקסט זיך פונאַנדער אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס שליסט זיך אָן אָן דער געוועזט איינזייטיק מאַרקסיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

דאָס זיינען די דריי וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין דעם אויפגעקומענעם פּראָצעס פון אַ נייעם דין וחשבון מיט דעם אַלט־מאַרקסיסטישן איינשטעל. קיין טעאָרעטישע פאַרטיפונג פון דעם פּראָבלעם האָבן זיי אין דעם ענין ניט אַריינגעטראָגן. די סאָציאַליסטישע מאָראַל איז פון זיי מיט קיין נייע פּרינציפּן ניט באַרייכערט געוואָרן. אָבער זיי האָבן פאָרגעברייט דעם באָדן פאַר אַ נייעם אָפּקלער, פאַר דער בענקשאַפט נאָך אַ נייער אָריענטאַציע אין דער סאָ־ציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט.

אָט די פיל צוזאַגנדיקע, אָפּפרישנדיקע גייסטיקע באַוועגונג איז אָבער פאַרהאַמעוועט געוואָרן אין איר וועג דורך דער טעטיקייט פון דעם קאָמוניס־טישן דריטן אינטערנאַציאָנאַל, מיט דעם פונאַנדערבלי פון דעם לענינ־יזם אין ראַטנלאַנד, מערב־אייראָפּע און צפון־אַמעריקע.

23.

טשערנישעווסקי, באַקונין און פּיאָטר לאַוראָוו

אַן אייגנאַרטיקן גורל האָט געהאַט דער ענין „סאָציאַליזם און מאָראַל״ אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט פון רוסלאַנד. שוין אין אָנהייב פון די פערציקער יאָרן האָט דער סאָציאַליזם גענומען אַריינדרינגען אַהין. די אַנטוויקלונג זיינע איז אין דער ערשטער צייט געגאַנגען כמעט פּאַראַלעל מיט דער דייטשער. דער סאָציאַליסטישער קוואַל האָט אויך פאַר רוסלאַנד געשלאָגן פון פראַנקרייך, דער פילאָסאָפישער אָבער — פון דייטשלאַנד. באַקונין האָט דורכגעמאַכט די זעלביקע גייסטיקע מעטאַמאָרפאָזן, וואָס קאַרל מאַרקס, און איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אונטער זיין גייסטיקער שליטה. הערצען, ווי אויך שפּעטער טשערנישעווסקי, זיינען פון דער מאַרקסיסטישער ווירקונג געבליבן פריי, הגם מאַרקסעס שריפטן זיינען שוין באַקאַנט געוואָרן אין רוסלאַנד זינט דעם אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן. (אַזוי פאַרזיכערט עס מאַרקס אַליין אין זיין פּאָלעמיק אַנטקעגן קאַרל פאָכט).

טשערנישעווסקי, די צענטראַלסטע פיגור פון דעם רוסישן סאָציאַליזם אין סוף פופציקער און אָנהייב זעכציקער יאָרן, איז אין זיינע סאָציאַליסטישע בליקן געווען אַן אָנהענגער פון דער פוריעריסטישער ריכטונג. אין זיין פילאָסאָפיע אָבער איז ער געשטאַנען אונטער דער שטאַרקער השפעה פון פייערבאַכן.

דאָס אינטערעסאַנטע דערביי איז, וואָס גראַד אין זיין מאָראַל־פילאָסאָפיע איז ער ווייניקער פאַר אַלץ געווען אונטערגעוואָרפן אונטער פייערבאַכס שליטה, וואָס האָט אַזוי באַוועלטיקט דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַ העס, אַ מאַרקס, אַן ענגעלס, ביז מאַרקס האָט ניט דורכגעבראַכן זיין אייגענעם וועג. אַנשטאָט דעם פייערבאַכשן גלוטיקן אַלטרואיזם האָט טשערנישעווסקי אָנגענומען דעם שטירנערשן ריין עגאָאיסטישן איינשטעל. די טרייב־קראַפט אין אַלע מענטשלעכע האַנדלונגען האָט אויך טשערנישעווסקי, — אינאיינעם מיט שטירנערן, — דערבליקט אין דעם „פּערזענלעכן פאַרטייל״ און — אינאיינעם

מיט פוריע — אין דעם שטרעבן צו וואָס מער תענוגים. די אַרבעט פּאַר אַ בעסערער צוקונפט, אפילו די יסורים, וואָס מען נעמט אויף זיך צוליב איר, אפילו די מסירת־נפש אין דעם קאַמף, ווערט דערקלערט פון טשערנישעווסקין ניט מיט אַ העכערן גראַד פון מאָראַלישער אַנטוויקלונג, ניט מיט באַזונדערע עטישע נייגונגען און געפילן, נאָר מיט אַ העכערן גראַד אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג, מיט אַ געלייטערטערן איינזען, וואו צו זוכן די מערערע און בע־סערע תענוגים.

דער עגאָאיסטישער איינשטעל אין דער מאָראַל־פילאָסאָפיע איז זיכער געווען מער אין האַרמאָניע מיטן נאַטורוויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַליזם, וואָס האָט זיך גראַד פונאַנדערגעבליט אין דעם סוף פופציקער און אָנהייב זעכציקער יאָרן סיי אין דייטשלאַנד און סיי אין רוסלאַנד. דאָ האָט ער אַרויסגעבראַכט די אַזוי־אָנגערופענע ניהיליסטישע באַוועגונג, מיט איר קאָנסעקווענטן אַטע־איזם, מיט איר שאַרפסטן פּראָטעסט אַנטקעגן אַלע „הייליקייטן" און „חשיבותן": די רעליגיעזע, די פּאַטריאָטישע, די רעכטלעכע און אויך די מאָראַלישע.

פון אָט דער ריין גייסטיקער ריכטונג, דער עיקר ביי דער שטודירנדיקער יוגנט, איז אויסגעוואָקסן די סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, מיט דער ערשטער אָרגאַניזאַציע „ערד און פרייהייט" פון דעם יאָר 1863. אָט די „ניהיליסטישע" אידייען פון די זעכציקער יאָרן האָבן געפונען זייער שאַרפסטן אויסדרוק אין באַקונינס אַנאַרכיזם און אין יענער גרופּע רעוואָלוציאָנערן, וואָס איר פירער איז געווען ניעטשאַיעוו. באַקונין האָט דעם קאַמף אַנטקעגן דעם גאָט־גלויבן געהאַלטן פונקט אַזוי וויכטיק, ווי דעם קאַמף אַנטקעגן דעם שטאַט, דאָס אייגנטום, די פאַמיליע און אַלע אַנדערע יסודות פון דער אַלטער געזעלשאַפט. אין זיין „קאַטעכיזיס פון אַ רעוואָלוציאָנער" האָט ער געפאָדערט, אַז דער רעוואָלוציאָנער זאָל זיך ניט רעכענען מיט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר מיט די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע. צוליב איר און צוליב זיי זאָלן בטל ווערן אַלע אַנדערע מאָראַלישע פאַרשריפטן.

אונטער דער ווירקונג פון אָט דעם באַקוניסטיש־אַנאַרכיסטישן איינשטעל אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט האָט ניעטשאַיעוו אויסגע־טראַכט אַ שפּיאָנען־בילבול אויף אַ מיטגליד פון זיין אייגענער אָרגאַניזאַציע און אים געלאָזט דערשיסן, כדי „דורך זיין בלוט" און דורך דעם געמיינשאַפט־לעכן פאַרברעך שטאַרקער צו „צעמענטירן" די סאָלידאַריטעט פון זיין גרופּע. סערגעי ניעטשאַיעוו, ווי אַ רעוואָלוציאָנער, געהערט פונדעסטוועגן צו די גאָר געהויבענע פערזענלעכקייטן אין דעם רוסישן קאַמף פאַר סאָציאַליזם און פרייהייט. די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן אין דער שרעקלעכסטער פון

די צאַריסטישע תפיסות האָבן באַוויזן, אַז קיין זאַך, — ניט די ערגסטע פּיי־ניקונגען, — האָבן ניט געקאָנט ברעכן זיין באמת אויסערגעוויינלעך שטאַרקן כאַראַקטער, העראָאישן מוט און טרייקייט צו זיינע אידייען.

אָבער שוין אין די זעכציקער יאָרן גופא האָט זיך אין דעם רוסישן סאָ־ציאַליסטישן געדאַנק געגומען פאַרגרייטן אַ קרעפטיקע רעאַקציע אַנטקעגן דעם מאַטעריאַליסטישן און אַנטי־מאַראַליסטישן איינשטעל. אינאיינעם מיט דעם דייטשן נאַטור־פילאָסאָפישן מאַטעריאַליזם האָבן אין רוסלאַנד געגומען אַריינדרינגען פראַנצויזישע און ענגלישע פילאָסאָפישע ריכטונגען: קאָמטס פּאָזיטיוויזם און דער ענגלישער עמפּיריזם. אויך פרידריך אַלבערט לאַנגעס ווערק: „די געשיכטע פון דעם מאַטעריאַליזם", וואָס באַדייט מיט זיך דעם אָנהייב פון דער „נעאָ־קאַנטישער", אָדער „נעאָ־קריטישער" שולע, האָט גע־צויגן צו זיך דעם אויפמערק פון די ווייניקע „יודעי־חן" אין דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער פילאָסאָפיע.

אָט די אַלע נייע אַנטי־מעטאַפיזישע ריכטונגען האָבן פאַר די ערנסטער־דענקענדיקע קעפּ קלאָר געמאַכט, אַז דער מאַטעריאַליזם איז ניט וויסנשאַפט, און אַז אין תוך מוז ער צוגערעכנט ווערן צו דעם זעלביקן מעטאַפיזישן גע־דאַנקען־גאַנג, צו וועלכן עס האָבן געהערט די אידעאַליסטישע נאַטור־פילאָ־סאָפיעס. זיי אַלע, — די נייע גייסט־ריכטונגען, מיין איך, — זיינען אָבער געווען אידעאַליסטיש אין דעם לעבנס־באַנעם און אין דער סאָציאַל־פילאָסאָ־פיע. זיי אַלע האָבן אין זייערע געדאַנקען־בנינים אָפּגערוימט דעם חשובסטן פּלאַץ פאַר דער מענטשלעכער מאָראַל.

אונטער דער ווירקונג פון די נייע ריכטונגען זיינען אין רוסלאַנד אויס־געוואַקסן די צוויי גרעסטע סאָציאַליסטישע דענקער, וואָס האָבן אַרויפגעלייגט דעם שטעמפּל פון זייער גייסט אויף יונגע דורות פון די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן און האָבן אַוועקגעשטעלט די זיך פונאַנדערוואַקסנדיקע סאָ־ציאַליסטישע און רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אויף אַ שטרענג־מאָראַלישן יסוד. מיר האָבן דאָ אין זינען לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקין.

פּיאָטר לאַווראָוויטש לאַווראָוו, וועמען די רוסישע רעגירונג האָט פאַר־שיקט פאַר זיין אין רוסלאַנד קלאַסישן ווערק „היסטאָרישע בריוו", איז שפּע־טער געוואָרן אַ פּאָליטישער עמיגראַנט און איז אין דעם קאַמף צווישן די „פּרודאָניסטן" און „באַקוניסטן" פון איין זייט און די „מאַרקסיסטן" פון דער אַנדערער זייט, — אַ קאַמף, וואָס האָט דעמאָלט פונאַנדערגעריסן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, — גלייך צוגעשטאַנען צו דעם מאַרקסיסטישן פליגל און האָט תמיד געהערט צו די חשובסטע פּערזענלעכע מקורבים פון קאַרל מאַרקס ביז יענעמס טויט אין 1882.

אין זיינע צאָלרייכע שריפטן און פעריאָדישע אויסגאַבן האָט לאַוראָוו אָוועקגעלייגט די טעאָרעטישע יסודות פון יענעם סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן „פאָלקסטימלערטום" („רעוואָלוציאָנאָיע נאַראָדניטשעסטוואָ"), וואָס האָט באַלד געזאַמלט אַרום זיך אַ היפּש שטאַרקע ריכטונג אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער וועלט, די „לאַווריסטישע", להיפוך צו דער „באַקוניסטישער".

לאַוראָוו איז געווען אַ באַוואונדערער, אָבער ניט קיין בלינדער אָנהענגער פון קאַרל מאַרקסן. אגב, זיינען דעמאָלט דער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", דער „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם" און דער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם" נאָך ניט געווען קיין אָנזעעוודיקע שיטה אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט. „מאַרקסיזם" האָט דאַן באַטייט אַ סכום פון טעאָריעס וועגן די סאָציאַל־עקאָנאָמישע יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און וועגן יענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע גרונט־שטריכן, וואָס דאַרפן דערוואַרט ווערן פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע; דאָס אַלץ — להיפוך צו די אַנאַרכיסטישע טעאָריעס פון אַ פּרודאָן און אַ באַקונין. די ספּעציעלע פילאָסאָפישע און געשיכטס־פילאָסאָפישע געדאַנקען פון דעם „מאַרקסיזם", — דער עיקר פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", — זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי פּריוואַטע מיינונגען פון מאַרקסן, ענגעלסן און אַ פּאָר פון זייערע פראַנצויזישע איבערגעהיצטע תלמידים, — ווי געד, לאַנגע און לאַפאַרג, —וואָס זיינען אויך ניט געווען קיין גוואַלדיקע מומחות אין די פילאָסאָפישע געדאַנקען פון זייערע רביים.

לאַוראָוו איז געווען אַן אַבסאָלוטער קעגנער פון אָט די טעאָרעטישע דרכים, וואָס האָבן געבויט זייער סאָציאַליזם אויף די ריין אָביעקטיווע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן אין דער געשיכטע, — פּראָצעסן, וואָס שטייען הינטער די מענטשלעכע באַוואוסטזיינס און ווילנס, ווירקן איין אויף די באַוואוסטזיינס און ווילנס פון דעם זיך שנעל פּראָלעטאַריזירנדיקן אַרבעטס־פאָלק און טרייבן זיין מאַיאָריטעט צו אַ סאָציאַליסטישן איבערקער. אין אַ באַוואוסטזיניקן קעגנזאַץ צו אָט דעם ריין אָביעקטיוון איינשטעל, האָבן לאַוראָוו און מיכאַילאָווסקי אויפגעהויבן דעם לאָזונג פון דעם „סוביעקטיוויזם" וואָס האָט דעם גראַוויטאַציע־צענטער אַריבערגעטראָגן אויף די סוביעקטיווע באַוואוסטזיינס און ווילנס־שטרעבונגען פון דעם מענטשן. אין זיין אָנווענד אויף דעם סאָציאַליזם האָט דער „סוביעקטיווער מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע" ניט באַטייט קיין אַנדער זאַך, ווי נאָר דעם מאָראַלישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם און די באַגרינדונג פון דעם סאָציאַליזם גופא מיט יענע באַפרייאונגס־אידעאַלן, וואָס ליגן אין די מענטש־

לעכע אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן און אין די אַלזייטיקע אַנטוויק־לונגס־אינטערעסן פון יעדן מענטשנקינד.

לאַווראָוו איז צו דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע געקומען מיט דעם רוף „גיין אינעם פאָלק", כדי דאָרט אויפצוקלערן די אַרבעטאַרישע מאַסן און פאַרגרייטן זיי צו אַ סאָציאַליסטישן איבערקער. דעם רוף האָט ער באַגרינדעט דער עיקר מיט דעם מאָראַלישן חוב, וועלכער ליגט אויף דער אינ־טעליגענציע, וואָס לעבט אויף דעם חשבון פון דעם אַרבעטאַרישן פאָלק. און די אינטעליגענציע מוז זיך איינהערן אין דער מאָנענדיקער שטים פון אָט דעם מאָראַלישן חוב, אויב זי וויל זיין אַ היסטאָרישע קראַפט, אַ קריטיש־דענקענדיקע, וואָס נעמט ניט אויף זיך די איינגעשטעלטע ווירקלעכקייט אָן אַ שום איבערקלער, נאָר וואָס אַנאַליזירט קריטיש די ווירקלעכקייט לויט דעם מאָסשטאָב פון איר, דער אינטעליגענציעס, אמת און יושר און שטרעבט איבער־צובויען די ווירקלעכקייט לויט אירע, אַלץ טאָקע דער אינטעליגענציעס, אידעאַלן, וואָס מוזן צונויפשטימען סיי מיט אירע יושר־געפילן און סיי מיט יענע ריין־וויסנשאַפטלעכע רעזולטאַטן, וועלכע איר אָביעקטיווע אמת־זוכע־ניש צווינגט אַרויף אויף איר געדאַנק.

.24

רוסלאַנד און מערב־אייראָפּע

בנוגע דעם מאָראַלישן איינשטעל אין די סאָציאַליסטישע טעאָריעס האָט זיך די באַוועגונג אין רוסלאַנד געפונען אין אַ גאַנץ אַנדער לאַגע, איידער אין מערב־אייראָפּע.

ניט אין ענגלאַנד, ניט אין פראַנקרייך, ניט אין דייטשלאַנד זיינען די פּראַקטישע אויפגאַבן פון דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף קיינמאָל ניט געשטאַנען אין אַ וועלכן עס איז קאָנפליקט מיט די פאָדערונגען פון דעם שטרענגסטן סאָציאַליסטישן באַוואוסטזיין.

דער אונטערדריקטסטער, אָרעמסטער און אויסגעזויגטסטער קלאַס איז געווען די פאַבריק־אַרבעטערשאַפט, דער פּראָלעטאַריאַט. ער האָט אָבער שוין פון די פערציקער יאָרן אָן גענומען ווערן אַלץ מער מסוגל זיך אָנצוזאַפּן מיט די סאָציאַליסטישע אידייען און אידעאַלן; אַלץ מער און מער וויליק, זיך צו לאָזן פירן פון דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענציע, סיי אין זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר דער פאַרבעסערונג פון זיין לאַגע אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, סיי אין די אידייען וועגן איר רעוואָלוציאָנערן איבערבוי. דער שטאָטישער קליינהענדלער און די פּועלים ביי די באַלמעלאָכעס, ווי אַ היפּש ביסל פון די באַלעבאַטימלעך גופא, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק געליטן פון דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, האָבן אויך ניט געקאָנט אַרויסוויזן קיין גרויסן ווידערשטאַנד אַנטקעגן אַן אידעאַל, וואָס זאָל אָפּשאַפן דעם קאַפּיטאַליזם, צונעמען ביי זיי זייערע אָרעמע פּריוואַט־קרעמלעך און ליליפּוטאַנישע וואַרשטאַטלעך און פאַרזיכערן זיי מיט אַ גליקלעכערן רייכערן לעבן אין אַ געזעלשאַפט פון „זיך פריי אַסאָציאירנדיקע פּראָדוצענטן". די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וואָס זייער הויפּט־אַרמיי איז באַשטאַנען פון דער לוין־אַרבעטערשאַפט, פלעגן זיך שנעל אָנפילן מיט אָט די פאַרגעשריטענע עלעמענטן פון דעם קליינבירגערטום.

ניט אַזוי — די פויערימשאַפט אין מערב־אייראָפּע, וואָס האָט געהאַט גאַנץ היפּשע פלאַסטן רייכערע „בעלי־גופים" און איז געווען פאַנאַטיש צוגע־

בונדן צו זייערע נחלאות, — גרויסע אָדער קליינע, — און וואָס זייער עקאָנאָמישער מצב איז — אין די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן, — דורכאויס נאָך ניט געווען קאַטאַסטראָפאַל פונאַנדערגעטרייסלט פון דעם זיך אַלץ מער און מער אַנטקווילענדיקן קאַפּיטאַליזם. עס איז ניט געווען קיין גאָר גרויסע גוזמא, ווען ענגעלס האָט גערעדט וועגן דעם „אַנטי־קאַלעקטיוויסטישן פּויערים־שאַרבן." און עס איז דעמאָלט ניט געווען שטאַרק איבערגעכאַפּט די מאָס, ווען מען האָט אפילו די אַרבעטאַרישע פּויערימשאַפט צוגערעכנט צו די רעאַקציאָנערע כוחות פון דער געזעלשאַפט און ווען מען האָט זיך ניט אַזוי שטאַרק אָפּגעגעסן דאָס האַרץ פון דעם פאַקט, וואָס דער סאָציאַליסטן־פּײנטלעכער פּויערימשער „שאַרבן" ווערט צעשמעטערט אין דעם גאַנג פון דער קאַפּיטאַליסטישער עוואָלוציע.

דער מאָראַלישער יושר, בפרט דער סאָציאַליסטישער, האָט דיקטירט נאָר איין וועג: די אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז דער אַוואַנגאַרד פון די ליידנדיקע און אונטערגעדריקטע פּלאַסטן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג בכלל; די מוסטירונג און קאָנסאָלידירונג פון יענער אַרמיי, וואָס וועט דאַרפן אונטערגראָבן אַלע יסודות פון דער אַלטער געזעלשאַפט און באַגראָבן די פּריוואַט־אייגנטימערישע און עקספּלואַטירנדיקע קלאַסן אונטער אירע רואינען.

אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן איז פּראַקטיש ניט געווען קיין גרויסע נפקא־מינה, צי מען האָט די סאָציאַליסטישע גערעכטיקייט טעאָרעטיש באַטראַכט ווי די העכסטע אַנטוויקלונג און די קלאָרסטע אויסלייטערונג פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין בכלל, אָדער מען האָט — אינאיינעם מיט ענגעלסן און דעם זיך פונאַנדערבליענדיקן „מאַרקסיזם", — געזען אין דער סאָציאַליסטישער גערעכטיקייט נאָר אַ סוביעקטיוון, פּסיכאָלאָגישן סימן, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט שוין אָביעקטיוו, עקאָנאָמיש, זיך אַליין איבערגעלעבט, און אַז די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטס־פאָרם איז שוין „אויף דער צייט" מיט דער נייער געזעלשאַפטס־פאָרם, דער סאָציאַליסטישער.

עס זיינען אויף דעם באָדן גופא פון דעם נייעם סאָציאַל־עטישן באַוואוסטזיין אויפגעקומען אַלערליי מעגלעכע קאָנפליקטן צווישן „רעוואָלוציאָניזם" און „רעפאָרמיזם" (אָדער, ווי מען האָט דאָס אין די אַכציקער יאָרן גערופן: „פּאַסיביליזם"); צווישן דעם אַנאַרכיסטישן און דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן וועג. אָבער צו די פאָדערונגען פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל האָבן אָט די אַלע רייבונגען, קאַמפן און קאָנפליקטן ניט געהאַט קיין ברעקל שייכות.

גאַנץ אַנדערש איז געווען די לאַגע אין רוסלאַנד אין דער זעלביקער צייט פון די זיבעציקער און אַכציקער יאָרן. דאָס אַרבעטאַרישע פאָלק איז

געוועזן — אין דער אומגעהייער גרויסער מאַיאָריטעט — די פּויערימשאַפט. די באַפרייאונג אירע פון דער „פּאַנסטשיזנע" (דעם פּריצימשן אייגנטום־רעכט אויף די פּויערים), אין די זעכציקער יאָרן האָט ביי איר צוגענומען דעם גרעסטן און בעסטן טייל פון יענע לענדערייען, וועלכע זי, די פּויערימשאַפט, האָט באַאַרבעט מיט אירע אייגענע הענט, צי פאַר זיך, צי פאַר דעם פּריץ. „מיר זיינען אייערע", פלעגן די פּויערים זאָגן, „אָבער די ערד איז אונדזערע", און ביי דעם גרויסן רוב פון די פּויערים — דער עיקר, די גרויס־רוסישע — איז נאָך ניט געוועזן פאַרשוואונדן, ניט די אַלטע „אָבשטשינאַ" (דאָס קהלשע אייגנטום אויף דער ערד), ניט די דאָרפישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וואו דער איינצלנער פּויער איז געוועזן אונטערגעוואָרפן אונטער דעם קאָנטראָל און דער יוריסדיקציע פון דער „קהל", דעם „מיר".

די פּויערים־באַפרייאונג פון 1861, — מיט די הויכע אָפּצאָלונגען פאַר דעם טייל ערד, וואָס מען האָט איבערגעלאָזן דער פּויערימשאַפט, מיט דער עקאָנאָמישער אויבערמאַכט, וואָס איז געבליבן ניט פאַרשמעלערט אין די הענט פון די פּריצים, מיט דעם פּאָליטישן דעספּאָטיזם פון דער רעגירונג, וואָס האָט אָפּגעהיט די פּריווילעגיעס פון די פּריצים, ווי אַ שוואַרצאַפּל פונעם אויג, — דאָס אַלץ האָט רואינירט דעם פּויער. דערצו איז געקומען דער אָנהייב פון דעם קאַפּיטאַליזם אין די שטעט, די אַנטוויקלונג פון דער געלט־און מאַרק־באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט צעשטערט די פּויערימשע הויז־אינ־דוסטריע, פאַר דעם אייגענעם פאַרברויך. די ניי־צוקומענדיקע אַגראַרישע באַ־פעלקערונג, און אַ גרויסער טייל פון דער אַלטער, האָט מער ניט געהאַט קיין פּלאַץ אויף דעם איינגעשרומפּענעם שטח פון דער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט. יאָר־אויס יאָר־איין האָט זיך געטראָגן אַ שטראָם אַרבעטלאָזע פּויערים פון די דערפער. די שטאָטישע אינדוסטריע האָט דעם שטראָם ניט געקאָנט אַריינ־נעמען אין זיך. האָט ער זיך געצויגן איבערן גאַנצן לאַנד פון דרום צו צפון און פון מזרח קיין מערב, וואו אָפּזוצנדיק זיך טראַפּנוויז, אין די שטעט, וואו — זוכנדיק פּריצימשע נחלאות, וואָס האָבן זיך גענייטיקט אין פּויערימשע הענט פאַר דער סעזאָן־אַרבעט.

דער אָרעמסטער, דער אונטערדריקטסטער, דער עקספּלואַטירטסטער, דער אומוויסנדיקסטער, דער מיט די פּיס פון יעדן מאַכט־האָבער אין שטויב גע־טראָטענער קלאַס איז געוועזן די פּויערימשאַפט, — שיר ניט דאָס גאַנצע אַרבעטאַרישע פאָלק פון דעם לאַנד. און אויף דעם רוסישן פּויער האָט מען בשום אופן ניט געקאָנט זאָגן, אַז זיין „שאַרבן" איז אַ פאַנאַטיש „אַנטי־קאָ־לעקטיוויסטישער" און אַז עס ליגט אין די אינטערעסן פון דעם סאָציאַליזם,

ער זאָל וואָס גיכער צעשמעטערט ווערן אין דעם פּראָצעס פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אַנטוויקלונג.

דער סאָציאַליסטישער יושר האָט באַפעלעריש געפאָדערט, מען זאָל זיך אָננעמען פאַר די מענטשלעכע אינטערעסן פון אָט דעם פאָלק, דעם פּויערימשן, — אינטערעסן, באַלויכטענע מיט דעם פרייהייטלעכן סאָציאַליס־טישן אידעאַל. נאָר — ווער זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי? — עס איז ניט גע־ווען דעמאָלט אין רוסלאַנד קיין אַנדער קרייז, וואָס זאָל אויפהייבן די פאָן פון דעם סאָציאַליסטישן באַפרייאונגס־קאַמף, ווי נאָר די סאָציאַליסטישע אינטע־ליגענציע, די „קריטיש־דענקענדיקע" יוגנט, — אַ מחוץ ל׳קלאַסן־באַוועגונג, וואָס האָט גענומען „גיין אין פאָלק", צו וועלכער עס האָבן געהערט אי אַזעלכע פּויערים־קינדער ווי יעגאָר לאַזאַריעוו און זשעליאַבאָוו, אי אַזעלכע פון דעם מיטעלערן און רייכערן פּריצים־קלאַס, ווי יעקאַטערינאַ ברעשקאָווסקאַיאַ און וויעראַ פיגנער, אי אַזעלכע אַריסטאָקראַטן, ווי פּירסט קראָפּאָטקין, אי אַזעלכע לוין־אַרבעטער, ווי פּיאָטר אַלעקסעיעוו און כאַלטורין, אי אַזעלכע יידישע קינדער ווי פּאַוויעל אַקסעלראָד, זונדעליעוויטש און העסיע העלפמאַן (איך דערמאָן דאָ נאָר עטלעכע פון די גוט־באַקאַנטע נעמען).

דער דראַנג צו דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער אַרבעט האָט ביי זיי אַלעמען ניט געקאָנט שטאַמען פון קיין אַנדער קוואַל ווי נאָר פון דעם סאָציאַ־ליסטישן יושר מיט זיינע פאָדערונגען.

אין דער ערשטער צייט האָבן אויך דאָ, אין דער סאָציאַליסטישער גע־דאַנקען־וועלט פון רוסלאַנד, ניט געקאָנט געמאָלט זיין קיין וועלכע עס איז מאָראַלישע קאָנפליקטן. אויך דאָ האָט אַפילו דער טעאָרעטישער סכסוך בנוגע „מאָראַל" צווישן די רעוואָלוציאָנערן פון אַ ניעטשאַיעוו־באַקוניסטישן איינ־שטעל און אַ „לאַווריסטישן" ניט געקאָנט האָבן קיין פּראַקטישן באַטייט. פאַר אַלעמען איז „פאָלק" געווען דער טייטש: די פּויערימשאַפט, און די באַפריי־אונג פונעם פאָלק איז געווען גלייכבאַדייטנדיק מיט דער באַפרייאונג פון דער פּויערימשאַפט.

דער מאָראַלישער קאָנפליקט האָט זיך גענומען איינשטעלן ערשט דע־מאָלט, ווען די סאָציאַליסטן האָבן גענומען קלאָר ווערן אין דעם גרויסן אונ־טערשייד, וואָס הערשט צווישן דער מערב־אייראָפּייאישער וועלט און דער רוסישער. אויב רוסלאַנד זאָל אַריינגעשלעפּט ווערן אין דעם זעלביקן קאָ־כיקן קעסל פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, ווי אין אייראָפּע, אויב אַזאַ פּראָצעס איז סאָציאָלאָגיש און היסטאָריש אומפאַרמיידלעך, דעמאָלט שטויסן זיך טראַגיש צונויף די פאָדערונגען פון דעם סאָציאַליסטישן יושר מיט דעם אָביעקטיוון גאַנג פון דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג, און דער טריאומף

וועט געהערן ניט דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, נאָר דעם אבי אבות הטומאה, דעם קאַפּיטאַליזם מיט זיין ברוטאַלער בורזשואַזיע.

אַט דער באַוואוסטזיין פון דעם אויפקומענדיקן מאָראַלישן קאָנפליקט האָט זיך גענומען אָנמערקן לפי ערך גאַנץ פרי. שוין אין די זיבעציקער יאָרן האָבן זיך אין רוסלאַנד גענומען פאַרשפּרייטן די בורזשואַז־סאָציאָלאָגישע טעאָריעס פון הערבערט ספּענסער, וואָס האָבן, אין דעם נאָמען פון דעם וויסנשאַפטלעכן אמת געפאָדערט, אַז דער סאָציאָלאָג זאָל זיך ניט רעכענען מיט קיין „אידעאַלן" און סוביעקטיווע איינשטעלענישן, נאָר זאָל ריין אָביעקטיוו שטודירן די גרונט־געזעצן פון דעם אַלוועלטלעכן „פּראָגרעס", סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און וואוהין די געזעצן פון דער „עוואָלוציע" מוזן אומפאַרמיידלעך פירן, צי דאָס שטימט אײַן מיט די אָדער יענע סוביעקטיוו־מענטשלעכע וואונטשן, אָדער ניט.

אַנטקעגן אַט דעם אָביעקטיוויזם אין דער סאָציאָלאָגישער און היסטאָרישער פאָרשונג איז אַרויסגעטראָטן מיכאַילאָווסקי אין זיין געדאַנקען־רייכער אַרבעט: „וואָס איז פּראָגרעס?" און מיט זיין סוביעקטיוון מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע בכלל.

דער פירנדיקער שטערן איז פאַר אים געווען יענער איינהייטלעכער ענין, וועלכן דאָס רוסישע פאָלק באַצייכנט מיט דעם וואָרט „פּראַווודאַ" און וואָס האָט אַ טאָפּלטן זין: ס'איז — „פּראַווודאַ־איסטינאַ" („אמת") און „פּראַווודאַ־ספּראַוועדליוואָסט" („יושר"). מיכאַילאָווסקי האָט זיך געמיט טעאָרעטיש צו באַווייזן, אַז מען קאָן ניט קומען צו קיין „פּראַווודאַ־אמת", ווען זי איז ביי דעם פאָרשער ניט פאַרבונדן מיט „פּראַווודאַ־יושר".

אַזוי טראָגט מיכאַילאָווסקי אַריין דעם „מאָראַלישן פאַקטאָר", ניט נאָר אין דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט, נאָר אויך אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג גופא.

.25

די וויסנשאַפט און די אידעאַלן

ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקי איז געווען אַן אָריגינעלער דענקער, אַן אַנהענגער פון יענעם געדאַנקען־גאַנג אין דער פילאָסאָפיע, וואָס פלעגט נאָר צייטנווייז אויפבליצן אין איר, צוציען צו זיך דעם אויפמערק פון דעם אַרום, באַריי־כערן די סביבה מיט נייע אויסבליקן, אָבער וואָס איז ביז אַהער נאָך ניט געווען ביכולת צו באַשאַפן אַ שטראָם פון דענקער, וואָס גייען אין איין ריכטונג, בלייבנדיק טריי דעם גרונט־געדאַנק אירן, אַנווענדנדיק אים אויף אַלץ מע־רערע און ברייטערע פעלדער פון דעם מענטשלעכן וויסן און פון מענטשלעכע באַוואוסטזיניקע שטרעבונגען.

ניט קוקנדיק אויף דער גאָר גרויסער צאָל אַנהענגער און פאַרערער זיינע, צו וועלכע עס האָבן געהערט כמעט אַלע יונגע דורות פון די זיבעציקער, אַכציקער, ניינציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט און טיילווייז אויך פון דעם ערשטן און צווייטן צענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט, איז מיכאַי־לאָווסקי, ווי אַ פילאָסאָפישער דענקער, געבליבן אַן איינצלנער, וועמעס דרכים עס זיינען אָפט שלעכט אָדער איינזייטיק, אָדער גאָרניט פאַרשטאַ־נען געוואָרן.

דער ערשטער פון אַזוינע איינצל־גייער איז געווען דער אַלט־גריכישער דענקער פּראָטאַגאָראַס, וואָס האָט אויך פאָרמולירט דעם גרונט־געדאַנק פאַר אַלע שפּעטערע איינצל־דענקער פון אָט דעם מין. עס האָט ביי אים געהייסן: „דער מענטש איז די מאָס פון אַלע זאַכן: פון די עקזיסטירנדיקע, צי (און ווי) זיי עקזיסטירן און פון די ניט־עקזיסטירנדיקע, צי (און פאַרוואָס) זיי עקזיסטירן ניט". פון אָט דעם שטאַנדפּונקט האָט מען אין פּראָטאַגאָראַסעס צייטן ניט געקאָנט זאָגן אויף זיכער, צי עס זיינען פאַראַן געטער און וואָס איז זייער מהות. דער ענטפער אויף דער שאלה וועגן זייער עקזיסטענץ איז אָפּגעהאַנגען פון די מענטשן, וואָס האָבן זי „געמאָסטן" מיט דער אָדער יענער „מאָס". פאַר די וואָס האָבן געגלייבט אין דער געטער־וועלט, האָט זי עק־

זיסטירט. פאַר די, וואָס האָבן ניט געגלייבט אין איר, האָט זי ניט עקזיסטירט. אַ דרויסנלעכע, מחוץ פון די מענטשן ליגנדיקע „מאָס" פאַר אַלע זאַכן, איז אָבער פאַר דער מענטשלעכער דערקענטעניש ניט פאַראַן.

אַזוי אַרום האָט שוין פּראָטאַגאָראַס דעם געוויכט־צענטער אַריבערגע־טראָגן פון דער אָביעקטיווער וועלט און דער אָביעקטיווער דערקענטעניש אויף דער סוביעקטיווער וועלט, אויף דעם מענטשן און זיינע דערקענטעניש־פּראָצעסן, אויף זיין דענקען, פילן און וועלן.

שפּעטער האָבן דעם זעלביקן גרונט־געדאַנק פונאַנדערגעאַרבעט, יעדער אויף זיין אַרט, יעדער מיט מער אָדער ווייניקער טעאָרעטישער וואָג, אַזעלכע פאַרשיידענע איינצל־דענקער ווי קאַנט, באַזאַר, פייערבאַך, שטירנער, פרידריך אַלבערט לאַנגע, מיכאַילאָווסקי און — אין אונדזערע צייטן — דער ענגלישער פילאָסאָף שילער.

בליקט מען דורך די שאַפונגען פון אָט דער אייגנאַרטיקער גרופּע דענ־קער — אַ פונאַנדערגעוואָרפענע איבער פאַרשיידענע צייט־פּעריאָדן — באַמערקט מען, אַז דער גרונט־געדאַנק פון דעם „מענטשלעכן סוביעקטיוויזם" ווערט אויסגעטייטשט אויף צוויי פאַרשיידענע אופנים. „מענטש" איז, ערשטנס, דער טייטש דער „מין מענטש" בכלל (קאַנט, פייערבאַך), אָדער די „מענטשהייט" (באַזאַר). עס קאָן דעריבער אויסגעפונען ווערן אַ מענטש־לעכע „מאָס פאַר אַלע זאַכן", וואָס וועט זיין אַ חוב פאַר יעדן איינצל־מענטשן. „מענטש" איז אָבער אויך דער טייטש דער איינצל־מענטש, דער אינדיווידו־אום, אויף וויפל ער איז פאַרשיידן פון די אַנדערע מענטשן. דעמאָלט ווערט דער „מענטש" ווערן, אַזוי צו זאָגן, אַ טאָפּל־מאָסיקער: איין מאָס איז אַזאַ, וואָס ער האָט בשותפות מיט אַלע אַנדערע מענטשן און נאָך אַ מאָס איז אַזאַ, וואָס איז אַן „אמתע מאָס" נאָר פאַר אים און זיינסגלייכן.

אָט דער טאָפּלטער אויסטייטש פון דעם ענין „מענטש" — דעם „אַלגע־מיין־מענטשלעכן" און דעם „אינדיווידועלן" — האָט פאַרגעהערשט ביי די אַנדערע, אויבן־דערמאָנטע דענקער פון דער זעלביקער צעוואָרפענער גרופּע, מיט דעם אונטערשייד, וואָס די איינע פון זיי האָבן זיך מער געניגט צו דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן, די אַנדערע — צו דעם גאָר־הויכן באַטייט פון דער אינדיווידועלער „מאָס".

שטירנער און מיכאַילאָווסקי האָבן געלייגט די הויפּט־וואָג — ניט די גאַנצע וואָג — אויף דעם אינדיווידועלן מאָמענט אין דער מענטשלעכער דערקענטעניש, אָבער מיט איין גרויסן אונטערשייד, וואָס איז אַזוי וויכטיק פאַר אונדזער ספּעציעלן ענין. פאַר שטירנערן איז דער מענטש בכלל אַן „עגאָאיסט", וואָס שטרעבט צו זיין „אייגענעם פאַרטייל" און וואָס לעבט אין

תוך אַריין פאַר זיך אַליין. „מענטשנליבע״, מאָראַלישע און סאָציאַלע „אידע־אַלן״ זיינען דעריבער פאַרבלענדעניש, איבערבלייבעכצן פון אַ קינדהייט־צושטאַנד אין דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג — מיראַזשן, פון וועלכע יעדער גייסטיק־דערוואַקסענער קאָן זיך באַפרייען.

פאַר מיכאַילאָווסקין איז ניט נאָר דער יחיד, נאָר יעדער מענטש בכלל דווקא בטבע אַן אידעאַליסט, וועמען עס זיינען טייער די אידעאַליסטישע עלע־מענטן פון אַ מענטשלעכן לעבן. און ווי אַן עמפּיריקער גיט מיכאַילאָווסקי אַן אידיווידואַליסטיש־עמפּירישן אויסטייטש פון אָט דעם גרונט־געדאַנק זיינעם. ער שרייבט: „דער מענטש ליבט אמת, יושר און שיינקייט, ווייל ער רופט אָן מיט אָט די נעמען גראָד דאָס, וואָס ער ליבט״.

דאָס וויל זאָגן: די באַשטימטע ענטפערס אויף די פראַגן, וואָס איז אמת, וואָס איז יושרדיק און וואָס איז שיין מעגן זיך זיין פאַרשיידן צו פאַר־שיידענע צייטן, ביי פאַרשיידענע פעלקער, ביי פאַרשיידענע גרופּעס און ביי פאַרשיידענע אינדיווידן. דער צד השווה ביי זיי וועט אָבער אַלע מאָל זיין די ליבע צו אמת, יושר און שיינקייט אַזוי ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען פון די, וואָס שטרעבן צו פאַרווירקלעכן אָט די אידעאַלן, צי אין דעם אייגענעם לעבן, צי אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט, צי איןביידע. אָט די מענטשלעכע ליבע צו אידעאַלן — אין וואָס זיי זאָלן ניט באַשטיין — קאָן זיין אי אַ קלאָרע און זעלבסט־באַוואוסטזיניקע, אי אַ פאַרבאַהאַלטענע, אָבער גראָד די פאַרבאַ־האַלטענע גנבעט זיך אַריין און ווירקט אין דער מענטשלעכער אַזוי אַנגערו־פענער „אָביעקטיווער״ פאָרשונג, ווען דער פאָרשער מיינט, אַז ער רעכנט זיך ניט מיט זיינע אייגענע וואונטשן און אידעאַלן, נאָר שטרעבט גאַנץ אומ־פּאַרטייאיש, אָן אייגענע פּניות אויסצופאָרשן די פּראָצעסן, וואָס קומען פאָר אין דער נאַטור, אין דער געשיכטע און אין דעם הערשנדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויך ווען דער פאָרשער וויל ריין־אָביעקטיוו אויסגעפינען וואוהין, לויט וועלכע אומפאַרענדערלעכע געזעצן עס קומט פאָר דער „פּראָגרעס״ אין דער וועלט און אין דער געשיכטע, און אין וואָס באַשטייט דער עצם ענין פון „פּראָגרעס״, וועט אָט דער פאַרבאַהאַלטענער סוביעקטיווער עלעמענט אין דעם מענטשנס פאָרשן אומבאַמערקטערהייט דיקטירן דעם שכל, וואָס ער זאָל באַטראַכטן פאַר „פּראָגרעס״, וועלכע געזעצן ער וועט געפינען ווי אומפאַר־מיידלעכע און וואוהין עס מוז בלי יפונה דערטראָגן דער שטראָם פון דער ריין־סטיכישער אַנטוויקלונג. ווייל אויך דער „פּראָגרעס״ געהערט צו די זאַכן, וואָס דער מאָדערנער פּראָגרעסיווער מענטש ליבט. ממילא מוז זיין „אָביעקטיווע״ פאָרשונג סוף־כל־סוף אַרויסברענגען דעם טריאומף פון יענעם „אמת, יושר און שיינקייט״, וועלכן ער, דער פאָרשער ליבט, ווי דאָס טוט

יעדער אַנדער מענטש, וואָס רופט אָן מיט אַט די נעמען דאָס וואָס ער ליבט.

פון אַט דעם שטאַנדפּונקט איז שוין געפירט געוואָרן מיכאַילאָווסקיס ערשטע גרעסערע און באַדייטנדיקע אַרבעט: „וואָס איז אַזוינס פּראָגרעס?" טראַכט ניט, האָט ער געוואָרנט, צו געפינען אַן ענטפער אויף אַט דער שאלה ריין אָביעקטיוו, ווי דאָס טוט ספּענסער. ווערט פריער קלאָר פאַר זיך אַליין, וואָס זאָל, לויט אייערע אידעאַלן, זיין דער ענין פון פּראָגרעס. ערשט דערנאָך גייט־צו צו דער ווירקלעכקייט און פאָרשט צי עס זיינען דאָ עלעמענטן אין איר, וואָס שטימען צונויף מיט אייער אידעאַל; געפינט אויס, וואָס עס דאַרף פאַרענדערט ווערן אין איר, כדי יענע עלעמענטן זאָלן זיך באַווייזן, און וואָס איר אַליין דאַרפט טאָן, כדי אייער אידעאַל זאָל טריאומפירן. און קודם כל פאַרלירט די מורא און דעם רעספּעקט פאַר דעם „נאַטירלעכן גאַנג פון די פּאַסירונגען", וואָס טראָגן זיך כלומרשט מיט אַ ניט־אויפצוהאַלטנדיקן אימפּעט צו דעם אָדער יענעם ציל: קיין מענטש איז ניט ביכולת אָביעקטיוו אויסצוגעפינען וואוהין דער דאָזיקער „נאַטירלעכער גאַנג" מוז זיך דערטראָגן. ווי מען קאָן זיך אַליין ניט אויפהייבן פאַר די האָר, אַזוי קאָן קיין מוטער־מענטש זיך ניט אויפהייבן איבער די פאַרבאַהאַלטענע סוביעקטיווע וואונטשן אין זיין פאָרשונג — דער עיקר אין אַזעלכע ענינים, וואָס האָבן דירעקט צו טאָן מיט דעם מענטשלעכן לעבן, אָדער קאָנען אָנגעווענדט ווערן אויף אים.

אַט דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע הויפּט־שטריכן אין מיכאַילאָווסקיס לערע וועגן דעם „סוביעקטיוון מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע". אָבער דער מעטאָד האָט נאָך אַן אַנדער פאָדערונג, ניט אַ נעגאַטיווע, נאָר אַ פּאָזיטיווע. עס ווערט פון דעם פאָרשער פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל צו דער אָביעקטיווער פאָרשונג צוטרעטן מיט אַ קלאָרן, צוויי־אייניקן אידעאַל: שטרעבן צו דעם אָביעקטיוון אמת אין דעם ליכט פון זיין סוביעקטיוון מאָראַלישן אידעאַל פון יושר. אַזוי און נאָר אַזוי וועט ער אויסגעפינען דאָס, וואָס ווערט באַצייכנט מיט דעם נאָמען: „פּראַוודאַ", וואָס האָט דעם טאָפּלטן טייטש, אי פון „אמת", אי פון „יושר".

.26

מענטשן קעמפן ניט בלויז פאַר עקזיסטענץ, נאָר אויך פאַר אינדיווידואַליטעט

דער עיקר פון ניקאָלאַי מיכאַילאָווסקיס „סוביעקטיוון מעטאָד אין דער סאָציאָלאָגיע" באַשטייט אין דעם געדאַנק, אַז אין דער פאָרשונג וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט קאָן מען ניט קומען צו ריין אָביעקטיווע וויסנ־שאַפטלעכע רעזולטאַטן, אויב מ'האָט ניט פריער קיין אידעאַל, ווי אַזוי אַ מענטשלעכע געזעלשאַפט זאָל זיין און אויב דער פאָרשער איז אליין ניט קלאָר אין דעם מהות פון זיין געזעלשאַפטלעכן אידעאַל.

די מעטאָדאָלאָגישע פאָדערונג איז דערביי אַזאַ: „הייב אָן מיט אַן אוטאָפּיע", ד"ה, מיט עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך ניטאָ, אָבער וואָס זאָל זיין, ווייל דאָס שטימט צונויף מיט דעם העכסטן אָפּשאַץ פון דיין מאָראַלישן געוויסן. אַזאַ מעטאָדאָלאָגישע פאָדערונג איז פּונקט דער היפוך פון יענער, וועלכע ספּענסער האָט אַנטוויקלט און פאַרטיידיקט אין זיין שריפט: „וועגן דעם שטודיום פון סאָציאָלאָגיע". דאָרטן ווערט געפאָדערט, אדרבא, אַז דער פאָרשער זאָל קודם כל זיך לגמרי באַפרייען פון אַלע זיינע אידעאַלן און סוביעקטיווע וואונטשן, — אַ פאָדערונג, וואָס איז נאָך פריער אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין דער „דיאַלעקטישער" מעטאָדאָלאָגיע סיי ביי העגעלן און זיינע תלמידים, סיי ביי מאַרקסן און די מאַרקסיסטן.

צו די פאָרשונגען וועגן דעם „פּראָגרעס", — דעם צענטראַלן ענין פון ספּענסערס פילאָסאָפיע און פון זיין סאָציאָלאָגישער וויסנשאַפט, — איז מי־כאַילאָווסקי דעריבער צוגעטראָטן מיט די גאַנץ קלאָרע אידעאַלן פון דעם סאָציאַליזם: מיט יענער פאָדערונג פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, וואָס איז געלעגן אין די סיסטעמען פון דעם פראַנצויזישן סאָציאַליזם, דער עיקר אין דעם סיסטעם פון פוריע: אַז דער צוועק פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן דאַרף זיין דאָס גליק פון יעדן איינצל־מענטשן, יעדן „אינדיווידואום", און אַז גליקלעך קאָן דער מענטש זיין נאָר דעמאָלט, ווען ער איז אַלזייטיק אַנטוויקלט,

— פיזיש, אינטעלעקטועל, עסטעטיש און מאָראַליש, — און ווען ער ווענדט אָן אַלע זיינע אַלזייטיקע השלמות אין דעם פּראָצעס פון אַ סאָלידאַרישער קאָאָפּעראַטיווער אַרבעט מיט זיינע מיטמענטשן.

ספּענסערס סאָציאָלאָגיע איז געקומען צו אַ פּונקט אַנטקעגנגעזעצטן רע־זולטאַט: דער סאָציאַלער „פּראָגרעס", הייסט עס, פירט אַלע מאָל דערצו, אַז די איינצלנע טיילן פון דעם גאַנצן זאָלן ווערן אומגלייך, ווי די אברים אין אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. ווי יעדער אבר האָט זיין ספּעציעלע פונקציע, אַזוי ווערט אויך די מענטשלעכע געזעלשאַפט געגלידערט אין פאַרשיידענע קלאַסן און באַרופן. די איינצל־מענטשן זיינען נאָר ווי קעמערלעך אין דעם אָרגאַ־ניזם. אונטער דער שליטה פון די געזעצן, וואָס באַהערשן דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן, פאַרלירן זיי זייער זעלבסטשטענדיקן אינדיווידועלן מהות און ווערן אַריינגעטריבן אין דעם אָדער יענעם קלאַס אָדער באַרוף: ווער פון זיי אין דעם „מאַרך" און ווער פון זיי — ווי מיכאַילאָווסקי דריקט זיך אויס — „אין דעם מינדסטן נאָגל פון דעם מינדסטן פינגער אין אַ פוס", ווי די לוין־אַרבעטער אין דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים.

מיכאַילאָווסקי לייקנט ניט, אַזאַ אַזאַ פּראָצעס קומט טאַקע פאָר אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. האָבנדיק אָבער פאַר זיינע אויגן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל פון אַ מענטשן, ווי אַ זעלבסטשטענדיקע, אַלזייטיק אַנטוויקלטע „אינדיווידואַליטעט", אַ ניט־איינגעשלונגענע, אַ ניט־פאַרהויקערטע אין דעם אָרגאַנישן פּראָצעס פון דער געזעלשאַפט, ווערט מיכאַילאָווסקי ניט נתפּעל פון אָט דער הערשנדיקער טענדענץ אין דעם פּראָ־גרעס פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין די מערב־אייראָפּייאישע בורזשואַזע לענדער.

ער שטעלט אַוועק די שאלה: איז אָט דער פּרינציפּ פון איינטיילונג אין קלאַסן און פאַרשיידענע באַרופן, און פון איינשלינגען דעם אינדיווידואום אַן אומפאַרמיידלעכער? צי ווייזט ניט אויף דיווירקלעכקייט פון דעם סאָציאַלן געשעען אויך אַנדערע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן, אין וועלכע דער יחיד פאַרלירט ניט זיין אַלזייטיק־אַנטוויקלטע מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט?

די שייכות צווישן אָט דער ריין טעאָרעטישער פראַגע און די פּראַקטישע צילן פון דער רוסישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ליגט קלאָר אויף דער האַנט. אין די זעכציקער יאָרן, זינט דער באַפרייאונג פון די פּויערים, האָט זיך אין רוסלאַנד גענומען אַנטוויקלען אַ ריין בורזשואַזער קלאַס. די ליבע־ראַלן האָבן געזען דערינען דעם אָנהייב פון דער פּראָגרעסיווער אַנטוויקלונג כנוסח מערב־אייראָפּע. אויב דאָס איז דער איינציק מעגלעכער וועג פאַר יעדן געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס, דעמאָלט מוז רוסלאַנד בלי יפונה אַרויף אויף

דעם וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג און אַלע שטרעבונגען צו אַ סאָציאַליסטישן איבערקער זיינען לכתחילה פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל.

מיכאַילאָווסקי מיט זיך דעריבער, שוין אין זיין ערשטער גרויסער אַר־בעט: „וואָס איז פּראָגרעס?" צו באַווייזן ריין אָביעקטיוו, אַז דער מערב־אייראָפּייאישער וועג פון סאָציאַלן פּראָגרעס איז ניט דער איינציק־מעגלעכער וועג. ער ווייזט אויף, אַז אין דעם ענין „פּראָגרעס" דאַרף מען פונאַנדער־שיידן די „טיפן" פון דעם פּראָגרעס און די „שטופן", די מדרגות, אויף וועלכע יעדער טיפּ שטייט. ווי די שטופן קאָנען זיין העכערע און נידעריקערע, אַזוי קאָנען אויך די טיפּן זיין העכערע און נידעריקערע. דער אָפּשאַץ פאַר דעם ווערט פון די „טיפּן" וועט דערביי, נאַטירלעך, זיין אַ ריין סוביעקטיוועד, לויט די אידעאַלן פון דעם פאָרשער.

פאַרגלייכט מען די סאָציאַלע אַנטוויקלונג פון דעם מענטשלעכן אַר־בעטס־פּראָצעס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט דעם זעלביקן פּראָצעס אין רוסלאַנד, געפינען מיר, לערנט מיכאַילאָווסקי, אַז דער מערב־אייראָפּיי־אישער טיפּ, וואָס האָט דעם אַרבעטנדיקן מענטשן פאַרוואַנדלט אין אַ „נאָגל פון אַ מינדסטן פוס־פינגער", שטייט, אמת, אויף אַ זייער הויכער מדרגה פון אַנטוויקלונג. אָבער דער טיפּ פון דעם פּראָגרעס איז דערביי אַ נידעריקער, ווייל ער שלינגט איין און פאַרהויקערט די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט.

צוריק, אין רוסלאַנד שטייט די אַרבעטנדיקע מענטשהייט, — די פּויערים־שאַפט, — אויף אַ נידעריקערער שטופע פון אַנטוויקלונג. דער טיפּ אָבער פון דעם פּראָגרעס אין דער מענטשלעכער אַרבעט איז אַ העכערער, ווייל דער פּויער איז נאָך אַ גאַנצער מענטש, אַ נאָך ניט צעפּיצלטער אין דעם פּראָ־צעס פון ספּעציאַליזאַציע.

ובכן איז דער מאָראַלישער חוב פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, — דאָס האָט יעדער סאָציאַליסט שוין אַליין געקאָנט אַרויסלייענען, — ניט צו דערלאָזן דורך אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, אַז רוסלאַנד זאָל אַרויף אויף דעם וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. עס מוז געשטרעבט ווערן, מיט די מיטלען פון דעם אַנאַרכיסטישן סאָציאַליזם (מיכאַילאָווסקי איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אַנאַרכיסט), אויפצוהייבן דעם רוסישן פּויערשן טיפּ פון פּראָגרעס אויף אַלץ העכערע און העכערע מדרגות, וואו די אַלזייטיקע אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער אינדיווידואַליטעט וועט ווערן אַלץ רייכער און רייכער סיי פיזיש, סיי אינטעלעקטועל, סיי עסטעטיש, סיי מאָראַליש.

קאָן מען אָבער קעמפן אַנטקעגן דעם סטיכישן גאַנג פון דעם פּראָגרעס, ווי ער טרעט בולט אַרויס אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון מערב־אייראָפּע, וואו דער קאַמף פאַר דער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ באַהערשט

אַלע זייטן פון דעם מענטשלעכן לעבן? די בורזשואַזע טעאָרעטיקער ענט־פערן אויף דער שאלה מיט אַן אַבסאָלוטן „ניין". זיי ווערן דערביי געשטיצט פון דעם דאַרוויניזם מיט זיין לערע, אַז דער פּראָגרעס אין דער לעבעדיקער נאַטור ווערט דורכאויס באַהערשט פון דעם „קאַמף פאַר עקזיסטענץ" און פון דער צופּאַסונג צו די לעבנס־באַדינגונגען פון דער סביבה.

מיכאַילאָווסקי ענטפערט אויף דער זעלביקער שאלה מיט אַ קרעפטיקן „יע!" מען קאָן שווימען אַנטקעגן דעם שטראָם פון אַט דער „נאַטירלעכער" אַנטוויקלונג. אין אַ צאָל סאָציאָלאָגישע פאָרשונגען באַווייזט ער, אַז אין דעם מענטשלעכן געזעלשאַפטלעכן לעבן הערשט ניט נאָר דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ, נאָר אויך דער קאַמף פאַר אינדיווידואַליטעט. אויך אין דער נאַ־טור, לערנט מיכאַילאָווסקי, איז פאַרגעקומען אַזאַ קאַמף. אָבער דאָרטן האָט די העכערע אינדיווידואַליטעט, — דער ביאָלאָגישער אָרגאַניזם —דער גוף פון דער לעבעדיקער פלאַנץ אָדער חיה, — איינגעשלונגען, אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, די נידעריקערע אינדיווידואַליטעט, די ניט דיפערענצירטע אָדער ווייניקער דיפערענצירטע אַמעבע אָדער אינפוזאָריע. די נידעריקערע אינדיווידואַליטעט האָט ניט געקעמפט אַנטקעגן אַט דעם פּראָצעס. אָבער מיט דעם אויפקום פון ביאָלאָגישע אָרגאַניזמען וואָס ווערן יחידים, אינדיווידן, און מיט דעם אויפקום פון דעם מענטשן, ווי אַ באַוואוסטזיניקן יחיד, הייבט זיך אָן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט דער קאַמף פון דעם מענטשלעכן יחיד פאַר זיין אינדיווידואַליטעט און גאַנצקייט, וואָס איז אין תוך אַ קאַמף אַנטקעגן יענע פּראָצעסן אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס גייען אומ־באַוואוסטזיניק אין דער ליניע פון דער ריינער נאַטור־אַנטוויקלונג — אין דער ליניע פון פאַרוואַנדלען די געזעלשאַפט אין אַן אָרגאַניזם מיט פאַר־שיידענע אברים און פאַרוואַנדלען דעם מענטשן — אין אַ קעמערל פון דעם אָדער יענעם אבר.

אַזוי אַרום ווערט די סאָציאַלע אַנטוויקלונג ביי דער מענטשהייט אַנגע־טריבן פון צוויי אַנטקעגנגעזעצטע טענדענצן: די אָרגאַנישע טענדענץ, וואָס וואַקסט אַרויס, ווי אין דער נאַטור, פון דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ און פון דעם נאַטירלעכן אָפּקלייב, פון דער צופּאַסונג צו דער סביבה צו די אַרומיקע לעבנס־באַדינגונגען, און די אַנטקעגנגעזעצטע טענדענצן פון צופּאַסן די לעבנס־באַדינגונגען, — די נאַטירלעכע און די סאָציאַלע, — צו די נויטן, באַדערפעניש און אידעאַלן פון דעם מענטשלעכן יחיד, — דער קאַמף פאַר אידיווידואַליטעט.

פאַר די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער שליטה פון מיכאַילאָווסקיס טעאָריעס, האָט זיין איינהייטלעכע „פּראַוודאַ",

— דער סינטעטישער צונויפגוס פון „אמת" און „יושר", — באַטייט: מיר, באַוואוסטזיניקע יחידים, דאַרפן אין דעם נאָמען פון דעם סאָציאַליסטישן אי־דעאַל, פון זיין אמת און יושר, זיך אַריינמישן אין דעם קאַמף פון אָט די צוויי טענדענצן און מיט דער גרעסטער מסירת־נפש אויסקעמפן זיין טריאומף, וואָס איז מעגלעך נאָר אין אַ פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. דער ערשטער פאָרבאַדינג איז אָבער — ניט צו דערלאָזן, רוסלאַנד זאָל אַרויפגיין אויף דעם וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס וועט צעשטערן יענעם העכערן טיפּ פון פּראָגרעס, וועלכער הערשט נאָך ביי דער אַרבעטנ־דיקער מענטשהייט אין רוסלאַנד.

.27

דער רוסישער מאַרקסיזם

ביז צו די מיטן־ניינציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט איז די פאַרהערשנדיקע ריכטונג אין דער רוסישער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט געווען די אידעאַליסטישע, די „סוביעקטיוויסטישע", די מאָראַלישע און די אַנטי־פּראָלעטאַרישע. די אַלע שטריכן האָבן גייסטיק אָפּגעשטאַמט פון יענע אידייען, וועלכע לאַווראָוו און מיכאַילאָווסקי, ווי אויך זייערע טעאָרעטישע תלמידים האָבן אַריינגעטראָגן אין דעם סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף. דער לעצטער שטריך — די אַנטי־פּראָלעטאַרישקייט — האָט ניט באַטייט די פאַרטיידיקונג פון דעם קאַפּיטאַליזם אַנטקעגן דעם פּראָלעטאַריאַט, נאָר פונקט פאַרקערט: דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן אָנפאַל אויף דעם קאַפּיטאַליזם גראָד דערפאַר וואָס ער פּראָלעטאַריזירט דעם רוסישן אַרבעטאַרישן דאָרף.

דער אידעאַליזם האָט געפאָדערט, מען זאָל צוטרעטן צו דעם קאַמף מיט אַ קלאָרן אידעאַל וועגן יענער צוקונפט, וועלכע דער סאָציאַליזם שטרעבט אַריינצופירן אין לעבן. ווייניקסטנס דאַרף מען זיין קלאָר וועגן יענע יסודות פון דעם איצטיקן רעזשים, וואָס זיינען פיינטלעך דעם סאָציאַליזם.

דער „סוביעקטיוויזם" האָט געפאָדערט, מען זאָל ניט נתפּעל ווערן פאַר דעם אָביעקטיוון „סטיכישן", אָדער „נאַטירלעכן" גאַנג פון דערווירקלעכ־קייט; אויך ניט פאַר די הערשנדיקע טענדענצן אין איר, ווייל קיין פאַרשער, ווי אָביעקטיוו ער זאָל ניט וועלן זיין, איז ניט ביכולת פאָראויסצוזען, וואוהין דער „סטיכישער פּראָצעס" פון דעם עקאָנאָמישן לעבן וועט דערטראָגן און וועלכע פון די קעמפנדיקע טענדענצן וועט לסוף געווינען די אויבערהאַנט.

די סאָציאַליסטישע מאָראַל, — דער עיקר אין דעם לאַוורואָוושן אויס־טייטש פון דעם מאָראַלישן חוב ניט צו לעבן אויף דעם חשבון פון דעם אַרבעטאַרישן פאָלק און צו באַצאָלן דעם פאָלק דעם חוב, פאַרוואָס מען לעבט

אויף דעם חשבון פון זיין אַרבעט, — אַט די סאָציאַליסטישע מאָראַל האָט געפאָדערט, מען זאָל באַצאָלן דעם חוב דערמיט, וואָס מען וועט קעמפן מסירת־נפשדיק פאַר זיין פולער סאָציאַלער באַפרייאונג.

דאָס פאָלק אין רוסלאַנד איז אָבער דעמאָלט נאָך מער, איידער איצטער, געווען דאָס אַרבעטאַרישע פויערים־פאָלק, וואָס האָט זיך געגומען דיפערענ־צירן, אַרויסברענגענדיק פון איין זייט דעם „קולאַק", די דאָרפישע בורזשואַ־זיע, וואָס לעבט און ווערט רייך אויף דעם חשבון פון פרעמדער אַרבעט, און פון דער אַנדערער זייט — דעם פאַראָרעמטן פויער, וואָס לויפט אין שטאָט, צו פאַרקויפן, ווי אַ פּראָלעטאַריער, זיינע הענט דעם אויפקומענדיקן קאַפּי־טאַליזם.

דערפון — די אַנטי־פּראָלעטאַרישקייט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דעם דעמאָלט הערשנדיקן סאָציאַליזם אין רוסלאַנד. דאָס האָט ניט געהאַט קיין אַנדער זין, ווי נאָר דעם איין־איינציקן: פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער אַרבעטאַרישער פויערימשאַפט און קעמפן מיט אַלע מעגלעכקייטן אַנטקעגן יענע טענדענצן אין דעם לעבן וואָס טרייבן, אַז אויך רוסלאַנד זאָל זיך פריער „אויסקאָכן אין דעם קעסל פון דעם קאַפּיטאַליזם", אַז אויך דאָס דאַרף זאָל זיך „פּראָלעטאַריזירן", איידער מען קאָן טראַכטן וועגן אַ סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

אָבער — אויב אַט די ריכטונג איז ביז צו דעם מיטן ניינציקער יאָרן געווען די הערשנדיקע, הייסט דאָס ניט, אַז זי איז געווען די איין־איינציקע. אין דעם סאָציאַליסטישן קאַמף האָבן געגומען אַן אַנטייל טוערס, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אונטער דער שליטה פון טשערנישעווסקיס מאַטעריאַליזם, מיט אַלע אַרטן „ראַדיקאַלעכץ", וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט אים, — דער עיקר, מיט דער אַנטי־מאָראַלישער ראַדיקאַלעכץ, וואָס האָט אַלע מענטש־לעכע האַנדלונגען באַטראַכט, ווי שטירנער, ווי אַ שטרעבן צוליב „דעם איי־גענעם פאַרטייל".

אין די אַכציקער יאָרן זיינען פון אַט די טוערס אַרויסגעוואַקסן די אָנ־הענגער פון דעם מערב־איראָפּייאישן מאַרקסיזם, מיט געאָרג פּליעכאַנאָוון בראש. דער מאַרקסיזם האָט זיך ביי זיי באַפרייט פון זיין פריערדיקן לאַוור־ראָווישן אויסטייטש. דאָס איז שוין געווען ניט נאָר דער סאָציאָלאָגישער מאַרק־סיזם, וואָס דעקט אויף דעם פאַרבאָרגענעם מעכאַניזם פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער עקספּלואַטאַציע; ניט נאָר דער סאָציאַליסטישער מאַרקסיזם, וואָס צייכנט אָן די יסודות, אויב ניט די פּרטים, פון אַ סאָציאַליסטישער אָדער קאָמוניסטי־שער געזעלשאַפט אין דער צוקונפט. דאָס איז געווען דער עיקר, דער אַזוי אָנגערופענער „וויסנשאַפטלעכער סאָציאַליזם", — דער געשיכטס־פילאָסאָפי־

שער מאַרקסיזם, וואָס נעמט זיך אונטער צו באַווייזן, אַז ווען אַ געזעלשאַפט גייט אַרויף אויף דעם וועג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, איז ווי זי וואָלט אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ קעסל־גרוב, פון וועלכן זי קאָן ניט אַרויס. זי מוז אַראָפּגעצויגן ווערן ביז צום גרונט, אויף וועלכן עס הערשן: די קאָנ־צענטראַציע פון קאַפּיטאַל אין אַלץ ווייניקער הענט, די פּראָלעטאַריזירונג פון אַלע אַרבעטאַרישע שיכטן און זייער „פּאַופּעריזירונג“, אָדער עקאָנאָמישע פאַראָרעמטקייט און „דעגראַדאַציע“ ביז צו אַזאַ גראַד, אַז זיי האָבן שוין גאָרנישט ניט צו פאַרלירן.

ערשט דעמאָלט, פון דעם טיפסטן עלנט, וועט דער דיאַלעקטישער פּראָ־צעס פון דער געשיכטע, אַ דאַנק דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַנטקעגן דער בורזשואַזיע, מאַכן דעם לעצטן שפּרונג פון „נויטווענדיקייט“ אין זיין היפּוך: די פרייהייט, די באַפרייאונג פון די אַרבעטער־מאַסן אין דעם סאָציאַליזם.

אַזוי אַרום האָט זיך שוין אין די אַכציקער יאָרן אָנגעהויבן דער אידייִ־אישער קאַמף, וואָס האָט זיך נאָך ניט איינגעשטילט עד היום.

„מאַטעריאַליסטן“ האָבן געקעמפט אַנטקעגן „אידעאַליסטן“; „אָביעק־טיוויסטן“ — אַנטקעגן „סוביעקטיוויסטן“; עקזאַלטירטע אָנבעטער פון דעם פּראָלעטאַריאַט אַנטקעגן די עקזאַלטירטע „רעוואָלוציאָנערע פאָלקסטימ־לער“, ד״ה, אָנבעטער פון דער אַרבעטאַרישער פויערימשאַפט.

דעם קנויל טיפע טעאָרעטישע פּראָבלעמען כמעט אויף אַלע פעלדער פון דעם מענטשלעכן וויסן און שאַפן, וואָס איז געווען און איז נאָך עד־היום פאַרבונדן מיט דעם אידייִאישן קאַמף, — אָט דעם קנויל פונאַנדערצואוויקלען קאָן ניט זיין די אויפגאַבע פון אונדזער איצטיקער אַרבעט. מיר מוזן האַלטן אין אויג די רייַן מאָראַלישע זייט פון דער פּראָגע.

דער טעאָרעטישער איינשטעל פון דעם ניי־אויפקומענדיקן מאַרקסיזם איז באַשיינפּערלעך געווען דער איינשטעל פון דעם „קאָמוניסטישן מאַני־פעסט“, וואָס האָט, ווי מיר האָבן פריער געזען, פאַרוואַנדלט די אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל, ווי אַלע מענטשלעכע אידייען און אידעאַלן, אין אָפּשפּיג־לונגען פון דעם אַלץ באַהערשנדיקן קלאַסן־קאַמף. די מאָראַל וועט מוזן פאַר־שווינדן מיט דעם פאַרשווינדן פון דער קלאַסן־איינטיילונג אין דער געזעל־שאַפט. עס זיינען פאַר דעם רוסישן מאַרקסיזם, — ווי אגב אויך פאַר דעם מערב־אייראָפּייאישן, — געבליבן אומבאַמערקט יענע גרויסע ענדערונגען, וועלכע „דער אַנדער קאַרל מאַרקס“ האָט אין דעם „קאַפּיטאַל“ אַריינגעטראָגן אין זיינע יוגנטלעך־ראַדיקאַלע געדאַנקען פון דעם „מאַניפעסט“. עס איז פאַר דעם מאַרקסיסטישן געדאַנק עד היום געבליבן פרעמד יענער סינטעז, צו

וועלכן מאַרקס האָט זיך דערהויבן, ווען ער איז פריער פון דעם ריין מאָראַלישן שטאַנדפונקט אַריבערגעשפּרונגען צו דער אַנטי־מאָראַלישער „אַפּלייקענונג" פון אָט דעם שטאַנדפונקט אין דעם „מאַניפעסט" און שפּעטער — צו דער „אַפּלייקענונג פון דער אַפּלייקענונג" אין דעם „קאַפּיטאַל".

פאַר דעם רוסישן מאַרקסיזם נאָך מער, איידער פאַר דעם מערב־אייראָפּיאישן, איז דער „פּסוק אחרון" געבליבן דער „מאַניפעסט". פונדעסטוועגן האָט די ניי־אויפקומענדיקע ריכטונג אין דער ערשטער צייט געפּראוווט פירן איר אָנגריף אויף דעם „סוביעקטיוויזם" אויך אין דעם נאָמען פון דער אַל־געמיין־מענטשלעכער מאָראַל.

דער קאַפּיטאַליזם און די פּראָלעטאַריזירונג פון דער פּויערימשאַפט אין רוסלאַנד, —אַ היסטאָריש אומפאַרמיידלעכער פּראָצעס, — דאַרפן אין דער זעלביקער צייט זיין אויך געוואונטשן ניט נאָר צוליב דער סאָציאַליסטישער צוקונפט, וואָס וועט בלי יפונה אַרויסוואַקסן פון זיי. מען דאַרף באַגריסן זייער אַנטוויקלונג אויך פון אַ ריין מענטשלעך־מאָראַלישן שטאַנדפונקט: צוליב דעם קולטורעלן פּראָגרעס פון דעם גאַנצן לאַנד און צוליב דעם העכערן וואוילשטאַנד פון אַלע זיינע אַרבעטאַרישע שיכטן, וואָס דער פּראָצעס ברענגט מיט זיך.

דאָס „פאָלק", — דער עיקר, די פּויערימשאַפט, — ליידט איצטער אַזוי שטאַרק, ווייל דאָס לאַנד געפינט זיך נאָך אין אַ האַלב־פעאָדאַלן צושטאַנד, געשטיצט דורך דער צאַריסטישער מאַכט. די „נאַראָדאָוואָלישע פּאַרטיי" איז געווען, וואָס זי האָט אויפגעהויבן דעם פּאָליטישן קאַמף אַנטקעגן איר. אָבער ווער קאָן זי אַראָפּוואַרפן? ניט שוין נאָר די סאָציאַליסטישע אינטע־ליגענציע, מיט איר ריין טעראָריסטישן קאַמף? אַראָפּגעוואָרפן קאָן זי ווערן נאָר אין אַ קלאַסן־קאַמף, וועלכן די אויפקומענדיקע בורזשואַזיע אינאיינעם מיט דעם צאַלרייך אַנוואַקסנדיקן פּראָלעטאַריאַט וועלן מוזן פירן אַנטקעגן דעם פּריצים־שטאַנד און דעם צאַריזם. און זיי ביידע, — די בורזשואַזיע און דער פּראָלעטאַריאַט, — וועלן אונדז געבן די אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּי־טאַליזם.

עס איז אויך ניט אמת, אַז דער פּויער שטעלט מיט זיך פאַר אַ העכערן טיפּ מענטש און אַז אים לעבט זיך בעסער, איידער דעם שטאָטישן אַרבעטער. סיי אין זיין מענטשלעכן און קולטורעלן מהות, סיי אין זיין עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד שטייט דער פּראָלעטאַריער פון יעדן פּראָגרעסיוו־קאַפּיטאַליס־טישן לאַנד אויף אַ סך אַ העכערער מדרגה, איידער דער פּויער.

ועל כולם: דער פּויער איז אַן אייגנטימער. צו זיין שטיקל־אייגנטום, איז ער, ווי אַ קליינבירגער, צוגעשמידט מיט זיין נשמה, אַזוי, אַז זי איז,

בדרך כלל, בשום אופן ניט מסוגל, אויפצונעמען דעם סאָציאַליסטישן לעבנס־באַנעם מיט דעם סאָציאַליסטישן מאָראַלישן איינשטעל. און ניט נאָר דאָס. ווי אַן אייגנטימער אויף זיין ערד, לעבט דער פּויער ניט נאָר פון זיין אייגענער אַרבעט. אין דעם מקח פון זיינע אַגראַר־פּראָדוקטן, וועלכן ער באַקומט אויפן מאַרק, גייט אויך אַריין אַ טייל פון יענער הכנסה, וואָס שטאַמט פון דער אַזוי אָנגערופענער „דיפערענציאַלער רענטע". דער פּויער מעג זיין ווי אָרעם, ווי אויסגערויבט און אויסגעזויגן פון דעם אַדל, דער בורזשואַזיע און דער רעגירונג, געהערט ער אָבער עקאָנאָמיש און סאָציאַל צו די עקס־פּלואַטירנדיקע קלאַסן.

אויך פון אַ ריין מענטשלעך־מאָראַלישן שטאַנדפּונקט דאַרף דעריבער דער רוסישער סאָציאַליזם פאַרלאָזן די „רעוואָלוציאָנערע פּאָלקסטימלערישקייט" און זיך איבערבויען, סיי טעאָרעטיש, סיי פּראַקטיש, — אויף די יסודות פון יענעם ריין פּראָלעטאַרישן מאַרקסיזם, וואָס האָט געהערשט אין מערבֿ־אייראָפּע.

.28

איז דאָ אַ פּראָלעטאַרישע מאָראַל?

געאָרג פּליעכאַנאָוו, פּעטער סטרואווע און ניקאָלאַי אוליאַנאָוו, —דער שפּעטערדיקער לענין, — זיינען געווען די גלענצנדיקסטע וואָרט־פירער פון דעם אויפקומענדיקן מאַרקסיזם אין רוסלאַנד. ניט נאָר פון אַ ריין „אָביעקטיוון", ריין „וויסנשאַפטלעכן" שטאַנדפּונקט, נאָר אויך אויס ריין מענטשלעך־מאָראַלישע מאָטיוון האָבן זיי באַקעמפט דעם „סוביעקטיוויזם" און „אידעאַליזם" פון דער נאַראָדאָוואָלישער ריכטונג און האָבן געזונגען אַ הלל הגדול פאַר דעם בורזשואַזן, קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, דעם דערוויל אַזאַ נייטיקן פאַר דעם סאָציאַליזם.

„לאָמיר גיין אין חדר צו דעם קאַפּיטאַליזם!" — האָט אין דעם נאָמען פון דעם נייעם איינשטעל געפאָדערט דער יונגער סטרואווע. דער מאָראַלישער פּועל־יוצא פאַר דער ניי־אויפקומענדיקער מאַרקסיסטישער יוגנט איז געווען, אַז אַלץ, וואָס ליגט אין דער אַנטוויקלונגס־ליניע פון דעם קאַפּיטאַליזם און פון דער „פּראָלעטאַריזאַציע", איז מאָראַליש גוט, און אַלץ, וואָס שטייט איר אין וועג, אָדער וואָס וויל „אַ דריי טאָן די ראָד פון דער געשיכטע אויף צוריק", צו שווימען אַנטקעגן דעם ברויזנדיקן שטראָם פון דעם „נאַטירלעכן גאַנג", איז ניט נאָר „אוטאָפּיש", „רעאַקציאָנער" און פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל, נאָר אויך שעדלעך סיי פאַר די טאָג־טעגלעכע נויטן און אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, סיי פאַר דעם עקאָנאָמישן וואוילשטאַנד פון דעם גאַנצן לאַנד. די „רעוואָלוציאָנערע פאַלקסטימלערישקייט", ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער ריכטונג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", איז מאָראַליש שלעכט און דאַרף אויסגעוואָרצלט ווערן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און פון דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

מיט די הויפּט־אַרגומענטן פון אָט דעם עטישן איינשטעל אין דעם יונגן מאַרקסיזם זיינען מיר באַקאַנט געוואָרן אין דעם פאַריקן קאַפּיטל. פאַר די טעאָרעטיקער פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז ניט געווען שווער פאַרטיק

צו ווערן מיט זיי. אויף דעם פעלד פון דער ריינער סאָציאַליסטישער מאָראַל און אירע פּאָדערונגען, איז שוין געווען אַ גרינגע זאַך אַלעמאָל צו געווינען די אויבערהאַנט. דער צענטער פון דעם אידייאישן קאַמף האָט זיך אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג דעריבער באַלד אינגאַנצן אַריבערגעטראָגן אויף די פעלדער פון דער ריין טעאָרעטישער דערקענטעניש. דער מאָראַלישער עלעמענט האָט אין דעם מאַרקסיסטישן לאַגער געגומען אַלץ מער און מער פאַרבלאַסן, ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

געהאָלפן דערינען האָט, ווייזט אויס, אויך יענער אומשטאַנד, וואָס די יוגנט איז באַקאַנט געוואָרן מיט די געניאַלע שריפטן פון פרידריך ניטצשע, דער עיקר, מיט זיין ווערק: „פון יענער זייט גוטס און שלעכטס". ניטצשע האָט ווידער אויפגענומען דעם קאַמף אַנטקעגן דער מאָראַל, וועלכע מאַקס שטירנער האָט געפירט אין זיין „דער איינציקער און זיין אייגנטום" פון דעם יאָר 1845. ביי ניטצשען האָט אָבער אַט דער קאַמף אָנגענומען אַ סך אַ גראַנ־דיעזערע, פאַרפירערישע, איך וואָלט געזאָגט, מאַגנעטיש־דעמאָנישע גע־שטאַלט.

די מאַרקסיסטן האָבן שוין פון לאַנג אָן געוואוסט, אַז „דאָס מאָראַליש־בייזע איז אַ רעוואָלוציאָנערער פאַקטאָר". ניטצשע — מיט זיין שוואונג און גרייס, מיט זיין אידעאַליזירן דאָס מאַכטיקע, שטאַרקע, מיט זיין האָס צו דעם „בינוני", דאָס מיטלמאָסיקע, מיט זיין ביטול צו דאָס „נעבעכדיקע", צו אַלץ, וואָס נייטיקט זיך אין רחמנות און מיטלייד, מיט זיין בייסנדיקער קריטיק אויף דעם „פּיליסטער", — וואָס איז אין רוסלאַנד געוואָרן גלייכ־באַדייטנדיק מיטן „קליינבירגער" („מיעשטשאַנין"), — ניטצשע האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם גלויבן, צי דעם אָבערגלויבן, — אַז צו אַ רע־וואָלוציאָנערן איינשטעל געהערט אויך דער ביטול צו דער אַלגעמיין־מענטש־לעכער מאָראַל, — אַ גלויבן, אָדער אָבערגלויבן, — וואָס האָט אַמאָל אין רוסלאַנד געלעבט ביי אָנהענגער פון אַ ניעטשאַיעוו און אַ באַקונין.

על־כל־פנים איז דאָס אַ פאַקט, אַז אין די ניינציקער יאָרן און אין דעם אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט איז דער „ניטצשעאַניזם" געגאַנגען אין רוסלאַנד האַנט־אין־האַנט מיט דעם אויפקומענדיקן מאַרקסיזם. דער עיקר — ביי דער ניט־יידישער יוגנט. אין דער צייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן שטילשטאַנד, וואָס איז אריינגעטראָטן נאָך דעם פונאַנדערפאַל פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", האָט דער „ניטצשעאַניזם" געטראָגן אַ ריין אינדיווי־דואַליסטישן, אַנטי־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. אָבער מיט דעם אויפוואַכן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין איר מאַרקסיסטישער געשטאַלט ביי די „סאָציאַל־דעמאָקראַטן" און אין איר פאָלקסטימלערישער געשטאַלט

ביי די אויפקומענדיקע „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן", האָבן אַ סך אָנ־העגגער פון דעם „ניטצשעאַניזם" געגומען אָנפילן די רייען פון דער מאַרק־סיסטישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מיט אַט דעם ריין „אָביעקטיוו"־וויסנ־שאַפטלעכן איינשטעל, אַ פרייען כלומרשט פון יעדן „סוביעקטיוון" צומיש, אויך פון די מאָראַלישע אידעאַלן, — האָט זיך דער רוסאָ־מאַרקסיזם אַ וואָרף געטאָן אין אַ העפטיקן קאַמף אַנטקעגן די „סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן", וואָס האָבן געלייקנט די וויסנשאַפטלעככייט פון דעם „וויסנשאַפטלעכן סאָ־ציאַליזם" און האָבן נאָך שטאַרקער, איידער אין די זיבעציקער יאָרן, גענומען לייגן די הויפּט־וואָג אויף דעם מאָראַלישן עלעמענט אין דעם סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

אין אַט דעם גייסטיקן איינשטעל פון דעם רוסאָ־מאַרקסיזם האָט זיך דאָס אויסגעפורעמט יענע שטעלונג צו דעם מאָראַלישן פּראָבלעם אין דעם סאָציאַליסטישן קאַמף, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן מיט דעם נאָמען: „די באָל־שעוויסטישע מאָראַל" און וואָס האָט געשפּילט אַזאַ אומגעהייערע ראָליע אין דעם „באָלשעוויזם", — דער עיקר, זינט זיין טריאומף אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917.

דער אויסגעשפּראָכענער פּאַרטרעטער פון דער באָלשעוויסטישער שטע־לונג איז, —אויף דעם פעלד פון דער מאָראַל, ווי אויף אַלע פעלדער פון דעם באָלשעוויזם, — געווען ניקאָלאַי ליענין.

ליענין האָט אין זיין טעאָרעטישן שאַפן זיך זייער ווייניק אָפּגעגעבן מיט די פּראָבלעמען פון דער מענטשלעכער מאָראַל. אָבער זיין אַלגעמיינעם בליק אויף דעם ענין האָט ער געלאָזט אַרויסבליקן פון צייט צו צייט. אַזוי, אין 1908, רעדנדיק וועגן דעם באַטייט פון גראַף טאָלסטאָיס שאַפן פאַר דער רעוואָלוציע און וועגן די אינעווייניקסטע ווידערשפּרוכן אין יענעם שאַפן, גיט אונדז ליענין אויך אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם טאָלסטאָיאַניזם: „פון איין זייט דער ניכטערסטער רעאַליזם און דאָס אַראָפּרייסן פון אַלע מאַסקעס. פון דער אַנדערער זייט — די פאַרטיידיקונג פון די שעדלעכסטע זאַכן אין דער וועלט, דער רעליגיע — דאָס שטרעבן אויסצובייטן די שטאַט־גלחים אויף גלחים פון דער מאָראַלישער איבערצייגונג, ד"ה, די קולטיווי־רונג פון דער דין־דינסטער אַרט פון אַ קלעריקאַליזם, און דעריבער אַ גאָר באַזונדערס עקלהאַפטער". (נאָך דער ענגלישער איבערזעצונג אין ליענינס ביכל: „רעליגיע", זז. 37־38).

פאַר ליענינען איז, ווי מען זעט פון אַט דעם ציטאַט, די מאָראַל דע־מאָלט געווען אַ מין גיפטיקער גאַז, אַן אַרויסדאַמפונג פון דער פאַר אים גיפ־טיקסטער זאַך אין דער וועלט, דעם רעליגיעזן גלויבן. קלאָרער, אויסגע־

שפּראַכענער, אָבער אַ האַרעלע מילדער אין דער פאָרמולירונג האָט ליענין זיך אַרויסגעזאָגט אין 1920, אין אַ רעדע צו דער קאָמוניסטישער יוגנט. מיר ברענגען דאָ די וויכטיקסטע שטעלן:

„איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ קאָמוניסטישע עטיק? איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי אַ קאָמוניסטישע מאָראַל?" פרעגט ליענין, און ער ענטפערט: „אוודאי איז עס פאַראַן... אין וועלכן זין לייקענען מיר אָפּ עטיק און מאָראַל? — אין דעם זין, ווי זיי ווערן געפּריידיקט פון דער בורזשואַזיע, וואָס ברענגט אַרויס די מאָראַל פון גאָטס געבאָטן. אוודאי זאָגן מיר, אַז מיר גלייבן ניט אין גאָט, מיר ווייסן זייער גוט, אַז די קירך, די פּריצים און די בורזשואַזיע, אַז זיי אַלע נעמען זיך אַ רעכט צו רעדן אין דעם נאָמען פון גאָט, כדי צו פאַר־טיידיקן זייערע אייגענע אינטערעסן, ווי עקספּלואַטאַטאָרס. אָבער: אַנשטאָט אַרויסצוברענגען זייער עטיק פון די געבאָטן פון דער מאָראַל, פון גאָטס געבאָטן, האָבן זיי אַרויסגעבראַכט זי פון אידעאַליסטישע און האַלב־אידעאַ־ליסטישע פראַזן, וואָס זיינען אין תוך אַלעמאָל זייער ענלעך צו געטלעכע געבאָטן.

„מיר לייקענען אָפּ יעדע מאָראַל, וואָס שטאַמט פון איבערמענטשלעכע, אָדער פון ניט קלאַסן־באַגריפן... מיר זאָגן, אַז אונדזער מאָראַל איז אינ־גאַנצן אונטערגעאָרדנט אונטער די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף. מיר באַגרינדן אונדזער מאָראַל מיט די פאַקטן און נויטן פון דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט".

זיין רעדע פאַרענדיקט ער מיט אָט וועלכן סך־הכל:

„אַ מאָראַל, אַ גענומענע פון דרויסן פון אַ מענטשלעכער געזעלשאַפט, עקזיסטירט ניט פאַר אונדז. פאַר אונדז איז מאָראַל אונטערגעאָרדנט אונטער די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף". (דאָרטן גופא, זז. 47־48).

ווי כמעט אַלע ליענינס פילאָסאָפישע און טעאָרעטישע חקירות, איז אויך אָט די חקירה זיינע אַ פּראָדוקט פון צונויפוואַרפן אין איין טאָפּ גאַנץ פאַר־שיידנאַרטיקע באַגריפן, און פון אויספירן, וואָס כאַפּן אַריבער די פון אים אַליין אויפגעשטעלטע מאָס.

ליענין וואַרפט־אָפּ די טעאָלאָגישע מאָראַל־טעאָריע, וואָס באַטראַכט די געבאָטן פון דער מאָראַל, ווי געטלעכע געבאָטן. אָבער וואָס איז מיט די געבאָטן גופא, וואָס זיינען איינגעקליידט אין אַ רעליגיעזן מלבוש? וואָס מיט דעם געבאָט פון מענטשנליבע און גערעכטיקייט, פון „חסד" און „משפט", וואָס איז פאַר דעם נביא מיכה געווען דאָס איינציקע געטלעכע געבאָט פאַר

דעם מענטשן? גייען זיי נאָך אַריין אין דער קאָמוניסטישער עטיק, אָדער זי איז פריי פון זיי?

ליעניך וואַרפט אויך אָפּ די מעטאַפיזיש־אידעאַליסטישע מאָראַל־טעאָריע, וואָס זעט אין די געבאָטן פון מענטשנליבע, יושר, פרייהייט, רעספּעקט צו יעדן מענטשן, ווי אַ זעלבסט־ציל, די אַרויסשטראַלונג פון איבערמענטשלעכע „אייביקע אידייען". אָבער ווידער די זעלביקע שאלה: וועלכן פּלאַץ פאַר־נעמען אָט די געבאָטן גופא אין דער קאָמוניסטישער עטיק?

ליעניך וויל אָנדערקענען נאָר יענע מאָראַל־טעאָריע, וואָס שטאַמט „פון אינעווייניק", פון „דער מענטשלעכער געזעלשאַפט". דאָס איז די מאָס, דער טעאָרעטישער קריטעריום, מיט וועלכן ער טרעט־צו צו דער מענטשלעכער מאָראַל. אָבער אָט די מאָס נעמט דאָך אין זיך אַריין: די זעלביקע אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל, ווי זי איז באַגרינדעט ריין מענטשלעך־סאָציאָלאָגיש ביי אַזעלכע פּאָזיטיוויסטן, ווי דזשאָן סטיוּאַרט מיל און ספּענסער; ביי אַזעלכע סאָציאַליסטישע מאַטעריאַליסטן, ווי קראָפּאָטקין, אָדער קאַוטסקי, וואָס געפינט אויס, אַז אירע יסודות און אַלע סאָציאַל־עטישע חשיבותן זיינען אויסגע־וואַקסן שוין אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די חיות: צווישן זיי — די איבערגעגעבנקייט צו דעם כלל און די ליבע צו אמת. און די מענטשלעכע געזעלשאַפט האָט, אין אַ משך פון עטלעכע הונדערט טויזנט יאָר אַנטוויק־לונג, נאָך צוגעגעבן צו זיי דעם מענטשלעכן „פליכט־געפיל" און „געוויסן" (יושר־געפיל).

די זעלביקע סאָציאַל־אַנטראָפּאָלאָגישע מאָס איז אויך כולל אין זיך די מאָראַל־טעאָריע פון קאַרל מאַרקס אין „קאַפּיטאַל", וואָס נעמט־אָן אַ געזעל־שאַפט, וועלכע שטייט איבער די קלאַסן, אַן אַלגעמיין־מענטשלעכע נאַטור מיט אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל, מיט אַ געוויסן, ווען דער מאַנו־פאַקטור־פּעריאָד האָט געשפּיגן אין פּנים, מיט אַ מענטשלעכער חשיבות און אַ מענטשלעכן שטרעבן, אויסצולעבן זיך אין דער ניט־אוטיליטאַרישער אָנ־פּניותדיק רוחניותדיקער „ממשלה פון פרייהייט".

די פון ליעניך אָנגענומענע אַלגעמיינע מאָס פאַר דער מאָראַל שליסט אויך ניט אויס ענגלעסעס מאָראַל־טעאָריע, וואָס רופט־אָן מיט דעם נאָמען „פּראָ־לעטאַרישע מאָראַל" יענעם נייעם קאָדעקס פון חשיבותן, וועלכע דער סאָציאַליסטישער געדאַנק האָט אַריינגעטראָגן אין דעם מאָראַלישן באַוואוסט־זיין.

מיט איין קליינער באַמערקונג מאַכט ליעניך אַ תל פון אָט דער גאַנצער אַלגעמיין־מענטשלעכער און סאָציאַליסטישער מאָראַל. ניט זיי זיינען די אוי־בער־האַרן וואָס דאַרפן קאָנטראָלירן דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַ־

ריאַט. ער, דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־קאַמף, ווערט דער אויבערהאַר איבער דער „קאָמוניסטישער עטיק”, ווייל זי איז אונטערגעאָרדנט אונטער אים.

אָבער אויך אַן אונטערגעאָרדנטע זאַך געהערט דאָך צו דער „אָרדענונג”. דער אויבער־האַר דאַרף זיך דאָך ווי עס איז רעכענען מיט איר. ווען זיינע אינטערעסן ווערן ניט אָנגערירט, מוז ער דאָך איר לאָזן איר פרייען לויף. וועלכע אַלגעמיין־מענטשלעכע אָדער ספּעציעל־סאָציאַליסטישע געבאָטן לאָזט ליענין צו אין זיין „קאָמוניסטישער עטיק” ?

נאָר איין־איינציקן ! „מיר דרינגען אַרויס אונדזער מאָראַליטעט”, זאָגט ער, „פון די פאַקטן און נויטן פון דעם קלאַסן־קאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט”. פאַקטן און נויטן בייטן זיך אַלע ווײַלע אין דעם לויף פון דעם קאַמף. און מיט זיי — ליענינס קאָמוניסטישע עטיק. ווען אין די „פאַקטן” ווערן באַשאַפן אַזעלכע „נויטן”, וואָס דיקטירן דעם אומגעלומפּערטסטן שקר אַנ־שטאָט דעם אמת, די שרייענדיקסטע אומגערעכטיקייט אָנשטאָט דעם יושר, דעם ביטול צו מענטשלעכע לעבנס, אָנשטאָט דער מענטשנליבע, פאָדערט די קאָמוניסטישע עטיק, — און דאָס איז איר איין־איינציקער געבאָט, — מען זאָל זיך אין דעם קאַמף ניט אָפּשטעלן פאַר זיי, מען זאָל זיי דערקלערן פאַר כשר וישר און מען זאָל זיי באַגיין אָן דער קלענסטער קווענקלעניש פון אַ מענטשלעכן געוויסן.

און ווער זאָל זיין דער פּוסק אַחרון, אַז „די פאַקטן” און די „נויטן” טרייבן דערצו ? דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס דאַרף פירן דעם קלאַסן־קאַמף ? בשום אופן ניט ! אין זיינע פריערדיקע אַרבעטן האָט שוין ליענין דערקלערט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס, ווי אַ קלאַס, איז ניט ביכולת פונאַנדערצוקלייבן זיך אין די היסטאָרישע סיטואַציעס, אָדער אפילו אין די יסודות גופא פון זיין פּראָלעטאַרישן וועלט־באַנעם. דאָס דאַרף זיין די אַרבעט פון די גייסטיקע פירער זיינע, וואָס האָבן גוט אַריינגענומען אין זיך דעם „שטאַנדפּונקט פון דעם פּראָלעטאַריאַט”. זיי, אויב זיי ווענדן נאָר ריכטיק אָן די „דיאַלעקטיש־מאַטעריאַליסטישע מעטאָדע”, קאָנען אַלעמאָל אויסגעפינען דעם אַבסאָלוטן אמת וועגן די „פאַקטן”, באַשטימען די „נויטן” און ממילא אויך באַשטימען וואָס עס איז מאָראַליש אָדער אוממאָראַליש אין יעדן געגעבענעם מאָמענט. ווייל מותר, אָדער אפילו אַ מאָראַלישער חוב, איז אַלץ, וואָס ליגט אין די אינטערעסן און נויטן פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף.

אין דער לעצטער ליניע פאַלט די ליענינשע מאָראַל צונויף מיט דער יעזואיטישער, וואָס איר גרונט־פּרינציפּ איז : „דער צוועק הייליקט די מיט־לען”, — אַלע מיטלען, אָן אַן אויסנאַם און אָן אַן אָפּהאַלט.

.29

רעליגיע, באָלשעוויזם און מאָראַל

מיר האָבן קיין ברעקל גרונט ניט צו באַטראַכטן ליעניגען און די באָלשעוויקעס, וואָס זיינען געגאַנגען אין זיינע וועגן, פאַר וויניקער מאָראַ־לישע מענטשן, איידער די אָנהענגער פון אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע ריכטונגען. לויט דעם מהות מענטש זייערן שטייען זיי זיכער ניט נידעריקער, איידער די אָנהענגער פון די רעוואָלוציאָנערע מענשעוויסטן אָדער סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, הגם די לעצטערע האָבן געבויט זייער רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם אויף אַ קלאָר אויסגעשפּראָכענעם מאָראַלישן יסוד.

גאָר הויכע עטישן נאַטורן, וועמעס האַנדלונגען און געדאַנקען ווערן תמיד דיריגירט פון יענע מענטשלעך־מאָראַלישע געפילן, וואָס שטעקן אין זייער בלוט, — מענטשנליבע, רחמנות אויף די אונטערדריקטע און באַעוולטע, אַ נאַטירלעכע אמתדיקייט, אַ כמעט פיזישע אוממעגלעכקייט צו זיין פאַלש, — אַ שאַרפער חוש פאַר גערעכטיקייט, — תמיד אויף דער וואַך, — אַ שטרענגער פליכט־געפיל, וואָס מאַכט מעגלעך די העכסטע מסירת־נפש, — אַזוינע עטישע נאַטורן, ווי די, וואָס האָבן זיך פאַרקערפּערט אין אַ טאָל־סטאָי, אַ קראָפּאָטקין, אַ וויעראַ פיגנער, אַ לאָפּאַטין, אַ יעגאָר סאַזאָנאָוו, אַ קאַליאַיעוו, אַ גערשוני, אַן אָסיפּ מינאָר און נאָך אַנדערע, אַזוינע אמתע קדושים וטהורים, לויט דעם מהות מענטשן זייערן, — זיינען זייער זעלטן אין יעדער ריכטונג.

צי ליענין האָט געהערט צו זייער מין, בין איך שטאַרק מסופק. אָבער ווען איך שטעל אַוועק אין געדאַנק ליענינס פיגור, אויף וויפל איך בין באַקאַנט מיט איר, לויט פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון זיין לעבן, לעבן דער פיגור פון אַזאַ באמת גלענצנדיקן העלד, ווי סאַווינקאָוו, איז ביי מיר נאָך אַ גרעסערער ספק, וועמעס קאָפּ עס האָט מער פאַרדינט באַקרוינט צו ווערן מיט דעם לאָרבער־קראַנץ פון ריין מאָראַלישער מענטשלעכער גרייס: ליע־

נינס אָדער סאַווינקאָווס. דער לעצטערער, ווי אפשר אויך ליענין, האָבן זיכער געהאַט אין זייער מאָראַלישן מהות ערנסטע פגימות, וואָס זיינען אָבער אַרי־בערגעוואויגן געוואָרן פון נאָך ערנסטערע מאָראַלישע מעלות.

אין אונדזער באַטראַכטונג פון דער באָלשעוויסטישער מאָראַל קאָן דע־ריבער בשום אופן ניט גיין אין אַרויסטראָגן אַ משפט אויף מענטשן. די מעשה דערפון איז, וואָס אין אַ מאָראַלישן אויפפיר שפּילן אַ ראָליע ניט נאָר די עצם נאַטור, „וואָס אין בלוט", נאָר אויך דער ראַציאָנאַלער, אידייאַי־שער איינשטעל, די געדאַנקען, דער אמת, אַזוי ווי יעדער איינער פאַרשטייט אים, אָדער גלייבט אין אים באמונה שלימה. און אַט די געדאַנקען קאָנען אָנ־טאָן אַ צוים אויף די נאַטירלעכע נייגונגען און טרייבן זיי אין אַ געוויסער ריכטונג.

ספינאָזאַ האָט געגלייבט, אַז נאָר זיי, די געדאַנקען, וואָס שטייען קלאָר פאַר איינעמס אויגן, זיינען דער איינציקער וועג, וואָס פירט צו דער העכ־סטער עטישער שלימות. דאָס איז געוויס אַן אַריבערבייגן דעם אויסגע־בויגטן שטעקן אויף דער אַנדערער זייט. אָבער דאָס קאָן קיינער ניט לייי־קענען, אַז די מאָראַלישע אידייען האָבן אין זיך אַ באַוועגנדיקע קראַפט, וואָס קאָן אויך גובר זיין דעם איינגעבוירענעם מהות, מיט יענע מאָראַלישע אָדער אַנטי־מאָראַלישע געפילן און „וועלענישן", וואָס פליסן נאַטירלעך פון אים אַרויס.

אַט פאַרוואָס עס איז אַזוי וויכטיק, אַז דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין פון דער מענטשהייט, ווי אַ באַזונדער, זעלבסטשטענדיקער צווייג אין דער מענטשלעכער קולטור, זאָל אַרויסברענגען קלאָרע גרונט־פּרינציפּן סיי פאַר דער אינדיווידועלער מאָראַל, סיי פאַר דער סאָציאַלער עטיק און זיי לאָזן ווירקן אין אַ מענטשנס נשמה, זי זאָל זיך צופּאַסן צו זיי און סוף־סוף איינ־גאַנצן באַהערשט ווערן פון זיי.

וועגן משה רבנו דערציילט די לעגענדע, אַז מען האָט געבראַכט זיין בילד צו די „חכמי הפרצוף", און זיי האָבן באַשטימט, אַז דאָס איז אַ בילד פון אַ גזלן. ווען מען האָט דאָס איבערגעגעבן משה רבנו, האָט ער מודה געווען, אַז דאָס איז אמת: בטבע, איז ער אַ גזלן. ער האָט אָבער איבערגעבראָכן זיין גזלנישע נאַטור.

און פונקט ווי איידעלע מאָראַלישע אידייען קאָנען גובר זיין אַן אַמאָראַלישן כאַראַקטער, אַזוי קאָנען מאָראַלישע אידייען פון אַן אכזרישן איינשטעל (עס זיינען דאָך דאָ אויך אַזעלכע!) פאַרשטיקן און פאַרטויבן אין דער נשמה די שטים פון דער איינגעבוירענער איידלקייט, ערלעכקייט און גוטסקייט. די בעסטע ראיה דערצו זיינען יענע

באַרבאַרישקייטן, אָפּטמאָל עקלהאַפטע אוממענטשלעכע האַנדלונגען און ברוטאַ־ליטעטן, וואָס די רעליגיעזע מענטשן פון פאַרשיידענע אמונות און סעקטן פלעגן באַגיין אונטער דעם דרוק פון פאַלשע רעליגיעז־הייליקע אידייען. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען אָן די מענטשלעכע קרבנות, וואָס מען פלעגט ברענגען דעם גאָט „מולך", אָן די קרבנות פון אייגענע קינדער, וועלכע מוטערס פלעגן ברענגען דעם גאָט „תמוז" („נשים המבכים את התמוז") און אָן דער מעשה מיט יפתחס טאָכטער.

ווען מיר באַטראַכטן דעריבער ליעונינס מאָראַל־טעאָריע, דעם גאַנצן מאָראַלישן איינשטעל פון די באָלשעוויקעס, — סיי ביי די פירער, סיי ביי די מאַסן, — דאַרפן מיר אינגאַנצן אַרויסלאָזן פון אויג דעם „יצר לב האדם, הרע מנעוריו" („די שלעכטע נייגונגען פון דעם מענטשנס האַרצן פון זיין קינדהייט אָן"). די באָלשעוויסטישע מאַסן זיינען ניט פון קיין ערגערן מאָ־ראַלישן מהות, איידער די אַנדערע. די באָלשעוויסטישע פירער קאָנען, לויט זייער מאָראַלישן מהות, גרינג אויפנעמען דעם פאַרגלייך מיט די פירער פון אַלע אַנדערע, עטיש־כשרע ריכטונגען. דאָס איז בדרך כלל. אויסנאַמען פון דעם כלל, — סיי אין דער העכסטער הייך, — אין דער ליניע, וואָס פירט צו סאַזאָנאָוו־פיגנער, — סיי אין דער נידעריקסטער נידער, וואָס פירט צו אַן אַזעוו, — זיינען, נאַטירלעך, ניט אויסגעשלאָסן אויך ביי די באָלשעווי־קעס.

די צרה מיט דער ליעונינשער עטיק, אָדער מיט דער באָלשעוויסטישער מאָראַל, באַשטייט דערין, וואָס איר גרונט־פּרינציפּ איז געוואָרן אידענטיש מיט דעם יעזואיטישן געבאָט: „דער צוועק הייליקט אַלע מיטלען". איז דאָך אויך לאָיאָלאַ, דער גרינדער פון דעם יעזואיטן־אָרדן, געווען שיר ניט אַ רעליגיעז־הייליקע נאַטור. אויך אין דער באָלשעוויסטישער מאָראַל האָבן מיר צו טאָן מיט אַ רעליגיעז־פאַלשער, אַנטי־הומאַנער הייליקייט, מיט אַ גאָט „מולך", וואָס אויב ער פאָדערט ניט קיין מענטשלעכע קרבנות, שטעלט ער זיך ניט אָפּ פאַר זיי, אפילו ווען זיי דאַרפן געציילט ווערן אין די מיליאָנען; אָן עבודה זרה, וואָס איז מתיר אַלע אומגערעכטיקייטן, אַלע מנובלימשע מעשים, אויב דאָס ווערט געפאָדערט אין דער אָדער יענער צייט פון דעם געצנדינסט, לויט דעם יעדע־צייטיקן איינזען פון די „כהנים".

דער גאָט מולך פון דער באָלשעוויסטישער מאָראַל איז די דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט. זיינע „לוחות הברית", איבערגעגעבן צו „ליעונין־רבנו", איז דער פּרינציפּ, אַז אַלץ איז מותר, וואָס ווערט דיקטירט „פון די פאַקטן און נויטן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף". זיין מיסטיש־טעאָלאָגישער „זוהר הקדוש" איז דער „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם", געבויט

אויף דעם יסוד פון דער העגעלשער אַזוי אָנגערופענער „ווידערשפרוך־לאָגיק", וואָס נעמט אָן אין דער טעאָריע די אויבערהערשאַפט פון „ווידערשפּרוכן", פון „סתירות מיניה וביה" און אין דער פּראַקטיק — די ווידערלעכסטע אומווירדיקייטן, ווייל „דאָס מאָראַליש־בייזע איז אַ רעוואָלוציאָנערער פאַק־טאָר" (העגעל אין ענגעלסעס אויסטייטש).

אויף דעם מזבח פון אָט דעם מולך־אָפּגאָט ווערט קודם כל פאַרברענט די אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל, אויך אין איר סאָציאַליסטישן אויסטייטש און מיט איר סאָציאַליסטישן צוגאָב. נאָך אָט דעם העכסטן קרבן, דעם קרבן בכורות, זיינען שוין אַלע אַנדערע קרבנות — אין מאָראַל־פּרינציפּן און אין מענטשלעכע לעבנס — אַ קינדער־שפּיל, וועגן וועלכן מען פאַרטראַכט זיך גאָר ניט, ווען מען ברענגט זיי.

איז דאָס ניט געווען אַ פאַרברעכן אַנטקעגן דער מענטשלעכער און סאָ־ציאַליסטישער מאָראַל, צו דערקלערן דעם פּראָלעטאַריאַט פאַר דעם הערשנ־דיקן קלאַס אין דער געזעלשאַפט? איז דען זשאָרעס ניט געווען גערעכט, ווען ער האָט פּראָקלאַמירט, אַז „די הערשאַפט פון איין קלאַס איז אַן אַטענטאַט אויף דער מענטשהייט"?

אין דער באָלשעוויסטישער, סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע האָט אויף דעם ערשטן פּלאַץ געדאַרפט שטיין דער גרונט־געבאָט פון דעם סאָציאַליזם: די אָפּשאַפונג פון קלאַסן. ניטאָ מער קיין פּריצים! ניטאָ מער קיין קאַפּיטאַ־ליסטן און סוחרים! אַלע בירגער זיינען אַרבעטנדיקע מענטשן. אפילו דער צאַר ניקאָלאַי האָט געדאַרפט גיין אינאיינעם מיט אַלעמען אַראָפּגראָבן שניי פון גאַסן און באַקומען זיין חלק פּראָוויזיע גלייך מיט אַלעמען.

איז דאָס ניט געווען אַ פאַרברעכן אַנטקעגן דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, אַנשטאָט אויסצוראָטן דעם קאַפּיטאַליזם און די מעגלעכקייטן צו עקספּלואַטירן דעם אַנדערנס אַרבעט, אַ נעם צו טאָן זיך פאַר אויסראָטן די קאַפּיטאַליסטן, די קולאַקעס און די עקספּלואַטאַטאָרס, וואָס זיינען, לויט דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, גאָר ניט שולדיק דעריין, וואָס אונטער דעם דרוק פון די אַלטע עקאָנאָמישע אומשטאַנדן זיינען זיי געוואָרן דאָס, וואָס זיי זיינען?

גאָר אַ גרויסער פאַרברעכן איז באַשטאַנען דעריין, וואָס מען האָט גע־נומען בויען דעם סאָציאַליזם אויף די ליידן פון די מאַסן. די ערשטע זאַך וואָס דער סאָציאַליזם פאָדערט איז — באַשאַפן פרייוויליקע אַרבעטער־אַסאָ־סיאַציעס אין שטאָט און דאָרף, העלפן זיי מיט אַלע מעגלעכקייטן, — מאַ־שינעס, קרעדיטן, געלערנטע ספּעציאַליסטן און פאַרוואַלטער, אַזוי, אַז יעדער

איינער,—אַלץ איינס פון וועלכן קלאַסן־אָפּשטאַם,—זאָל קאָנען דורך זיין אייגענער אַרבעט געווינען זיין חיונה.

ס׳איז אמת, אַז די פּראָדוציר־כוחות פון דעם דעמאָלטיקן רוסלאַנד זיינען געשטאַנען אויף אַ זייער נידעריקער מדרגה. אָבער האָט דען מאַרקס ניט געלערנט, אַז „ווען די אַרבעטער הערשן, ווען זיי האָבן די מאַכט צו פּראָדוצירן פאַר זיך אַליין, וועלן זיי באַלד אויפהייבן אויף דער הייך פון זייערע באַדערפענישן די מיטלען און די גערייג פון דער פּראָדוקציע״? (זע: קאַרל מאַרקס, טעאָריעס פון מער־ווערט, באַנד צווייט, ז. 376).

אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע דאַרף קודם כל זען אָפּצושאַפן קלאַסן, און ממילא אויך דעם פּראָלעטאַריאַט, אַריינציען אַלעמען אין דעם אַרבעטס־פּראָצעס, כדי צו באַפרידיקן אַלעמענס מאַטעריעלע נויטן. די העכערע אַנטוויקלונג פון דער טעכניק מצד דעם שטאַט האָט געדאַרפט געשען נאָר אין יענע גרענעצן, וואָס זיינען אַבסאָלוט נייטיק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דעם סאָציאַליסטישן לאַנד.

לויט ליענינען (און אויך לויט טראָצקין) איז אָבער אויסגעקומען, אַז סאָציאַליזם איז דער טייטש: „אינדוסטריאַליזאַציע, עלעקטריפיקאַציע פּלוס דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט״. איז די גאַנצע זאָרג אַוועק ניט אויף באַפרידיקן די לעבנס־נויטן פון די מאַסן, נאָר אויף צו באַשאַפן אַ וואָס גרעסערע צאָל פּראָלעטאַריער. זיינען אויף דעם מזבח פון אָט דער עבודה זרה געבראַכט געוואָרן אומגעהייערע מענטשלעכע קרבנות.

און מיט אָט דעם צעטל שעפּן זיך נאָך ניט אויס די פאַרברעכנס פון דעם באָלשעוויזם אַנטקעגן דעם סאָציאַליזם און אַנטקעגן דער סאָציאַליסטישער מאָראַל.

30.

באָלשעוויזם, סאָציאַליזם און מאָראַל

צו די העכסטע דערגרייכונגען פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל געהערט די געווינונג פון דעם הויפּט־פּרינציפּ, אַז דער ציל פון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט באַשטייט קודם כל אין דער אַלזייטיקער אַנטוויקלונג פון יעדן מענטשלעכן יחיד: פיזיש, עסטעטיש, אינטעלעקטועל און מאָראַליש. אין אַט דעם פּרט איז די סאָציאַליסטישע מאָראַל דורך־און־דורך אָריגינעל. עס איז איר אייגענער קנין. אויפגעקומען, דער עיקר, אין דער פוריערריס־טישער שולע, איז ער אַריבערגענומען געוואָרן אויך פון קאַרל מאַרקסן, ווי מיר האָבן דאָס געזען אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

די באָלשעוויסטישע מאָראַל, אָדער די „קאָמוניסטישע עטיק", ווי ליענין האָט זי אָנגערופן, האָט זיך ניט נאָר ניט גערעכנט מיט אָט דעם פּרינציפּ, נאָר האָט אים פאַרוואַנדלט אין זיין היפוך. דעם „איך", ווי אַ זעלבסט־צוועק, זיין פרייהייט און אַלזייטיקע אַנטוויקלונג, האָבן די באָלשעוויקעס צוגעצײלט צו די „קליינבירגערלעכע פאָראורטיילן". קאָמוניסטן האָבן ביז אין הימל געלויבט דעם אומשטאַנד, וואָס זיי אָנדערקענען ניט קיין „איך", וואָס ביי זיי איז דער מענטש פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „שרייפל פון אַ מאַשין".

ביי אַזאַ צוגאַנג איז דאָך קלאָר, אַז ניט „די מאַשין" דאַרף צוגעפּאַסט ווערן צום שרייפל, נאָר דער שרייפל צו איר. לאָזט ער זיך צופּאַסן, שטעלט מען אים אַריין אויף דעם פּאַסיקן אָרט. אלא ניט — פיילט מען אים צו, און נאָך פשוטער איז: מען וואַרפט אים אַרויס. אַ דאגה אַ שרייפל?!

דאָס פּאַסט גאַנץ גוט אין דעם יעזואיטיש־לאָיאָלאַשן איינשטעל. ניט נאָר דערמיט, וואָס אויך דאָ הייליקט דער צוועק אַלע מיטלען, און ממילא אויך דאָס „אַרויסוואַרפן" פון מיליאָנען מענטשן, וואָס לאָזן זיך ניט צופּאַסן צו דער „מאַשין", נאָר אויך דערמיט, וואָס אויך אין דעם יעזואיטישן מאָראַל־קאָדעקס ווערט דער „איך" אינגאַנצן בטל. ער טאָר דאָרטן ניט האָבן

קיין אייגענע געדאַנקען, געפילן און שטרעבונגען. ער דאַרף פּאָלגן דעם באַפעל פון אויבן „אוטי קאַדאַווער", „ווי אַ פּגר". ריכטיקער: ווי אַ טויטער אינסטרומענט, אפילו ווי אַ האַק אין די הענט פון אַ תליון.

אין דער יעזואיטישער מאָראַל הערשט דער גרונט־געדאַנק, אַז דער עיקר איז די רעליגיעז־הייליקע כוונה. דער צוועק, וואָס ליגט אין דער כוונה, הייליקט די מיטלען דערפאַר, וואָס ער איז אַ געבאָט פון דעם אויבערשטן. מעג מען אין גאָטס נאָמען אַרויפצווינגען מעשים און אָפּטאָן אַלע מעשים אשר לא יעשו — טואונגען וואָס קיין מענטש דערלויבט זיך ניט צו טאָן. פון דעם מענטשן ווערט דערמיט גופא אַראָפּגענומען די שולד פאַר די שרעקלעכסטע מעשים.

די קאָמוניסטן גלייבן אָבער ניט אין גאָט. ווער זאָל ביי זיי הייליקן די מיטלען? ליענין וויל מיט רעכט אַ מאָראַל, וואָס שטאַמט פון דעם מענטשן און נייטיקט זיך ניט אין קיין איבערמענטשלעכער סאַנקציע. אָבער די מענטשלעכע מאָראַל מוז דאָך בלייבן ווי אַ יסוד, בפרט לויט דעם סאָציאַליסטישן אויסטייטש און צוגאָב. מענטשלעך הויכע צוועקן, דערגרייכט מיט מענטשלעך הייליקע מיטלען, לויט די געבאָטן פון דער סאָציאַליסטישער מאָראַל — אָט דאָס, און ניט קיין אַנדער זאַך, וואָלט באַדאַרפט זיין דער גרונט־פּרינציפּ פון ליענינס „קאָמוניסטישער עטיק". אָנשטאָט דעם...

מיר וואָלטן געקאָנט נאָך ווייטער פונאַנדערוויקלען אַלע יענע פאַרברעכנס אַנטקעגן דער סאָציאַליסטישער מאָראַל, וועלכע די באָלשעוויקעס האָבן באַגאַנגען סיי אין זייערע טעאָריעס און סיי אין זייערע מעשים. מיר באַנוגענען זיך אָבער דאָ מיט די שווין אָנגעמערקטע אין דעם פאַריקן און אין דעם איצטיקן קאַפּיטל: דעם פאַרברעכן צו דערקלערן דעם פּראָלעטאַריאַט ווי אַ הערשנדיקן קלאַס, אָנשטאָט דער אָפּשאַפונג פון קלאַסן און אויך פון דער לוין־אַרבעטערשאַפט; דאָס אויסראָטן פון קאַפּיטאַליסטן און עקספּלואַטאַטאָרן, אָנשטאָט אויסראָטן די מעגלעכקייטן פון עקספּלואַטירן פרעמדע אַרבעט; דער ביטול צו דעם מענטשן, צו זיין פרייהייט און זיין אינדיווידואַליטעט, צו זיין רעכט צו לעבן אויף דער וועלט דורך זיין אייגענער אַרבעט, אָדער דורך זיין דינסט דער געזעלשאַפט, ווען די געזעלשאַפט שטעלט אים אָן; צו זיין רעכט אין דער „ממשלה פון פרייהייט", אַליין פריי אויסצואַרבעטן, אָדער אָנצונעמען די אָדער יענע שיטה אין קונסט, וויסנשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיע.

צו די פאַרברעכנס אַנטקעגן דער סאָציאַליסטישער מאָראַל דאַרף מען צורעכענען אויך דאָס שטרעבן צו „מאַשיניזאַציע, אינדוסטריאַליזאַציע, עלעקטריפיקאַציע און פּראָלעטאַריזאַציע" — אָנשטאָט צו שטרעבן אין דער ערש־

טער און וויכטיקסטער ליניע צו באַפרידיקן די לעבנס־נויטן פון יעדן אַר־בעטנדיקן מענטשן. גראָד אָט דער פאַרברעכן האָט געפירט דערצו, וואָס מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס זיינען אומגעקומען אין דעם פּראָצעס פון אָוועק־לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ סאָציאַליסטישן בנין, פאַר דעם אויסבוי פון דער סאָציאַליסטישער „ממשלה פון נויטוועגדיקייט״.

לאָמיר זיך דערמאָנען קאַרל מאַרקס׳ נביאות פאַר דער צוקונפט: דער בוי פון דער „ממשלה פון נויטוועגדיקייט״ וועט געפירט ווערן „אונטער באַדינגונגען, וואָס זיינען אויף דעם פּאַסיקסטן און חשובסטן אופן אַנגעמאָסטן אָן זייער מענטשלעכער נאַטור״. לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דעם פירוש, וואָס זשאָרעס האָט געגעבן אויף דעם ענין „מענטשלעכע חשיבות״. זי איז פאַראַן, זאָגט ער, „נאָר דאָרט, וואו עס הערשט אומאָפּהענגיקייט, אַ טעטיקער ווילן, אַ פרייער און פרידיקער צופּאַסן זיך פון דעם יחיד צו דעם כלל. אָבער אומעטום דאָרטן, וואו מענטשן זיינען אָפּהענגיק פון דעם אַנדערנס גנאָד, אומעטום דאָרטן, וואו דער יחיד איז אונטערגעוואָרפן אונטער די געזעצן פון דעם כלל נאָר דורך דער מאַכט פון די אַנדערע, אומעטום דאָרטן קאָן מען רעדן נאָר וועגן אַ פאַרהויקערטער מענטשלעכער חשיבות״.

אָט די פאַרהויקערונג פון דער מענטשלעכער חשיבות האָט דער באָל־שעוויזם אַרויסגעבראַכט, אַ דאַנק דעם ליענינשן איינשטעל, וואָס האָט די מענטשלעכע מאָראַל אונטערגעוואָרפן „אונטער די אינטערעסן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף״ און וואָס זיין „קאָמוניסטישע מאָראַל״ פלעגט יעדעס מאָל באַשטימט ווערן „פון די פאַקטן און די נויטן פון דעם פּראָ־לעטאַרישן קלאַסן־קאַמף״ — „פאַקטן״ און „נויטן״, וואָס יעדער „כהן־גדול״ פון אָט דער עבודה־זרה — אַ ליענין, אַ טראָצקי, אַ סטאַלין, אַ זינאָוויעוו — האָט געטייטשט און טייטשט נאָך עד־היום — אויף זיין אופן, און איז מתיר אי זיך אי אַנדערע צו טרעטן מיט די פיס מענטשלעכע לעבנס און צו באַגיין די שוידערלעכסטע פאַרברעכנס.

צו דירעקטע רעזולטאַטן פון דער „קאָמוניסטישער עטיק״ מוזן מיר אויך צורעכענען די מאָסקווער פּראָצעסן — דעם זינאָוויעוו־קאַמעניעוו פּראָ־צעס און דעם פּיאַטאַקאָוו־ראַדעק פּראָצעס, וואָס האָבן אויפגעשוידערט דעם געוויסן ניט נאָר פון דער סאָציאַליסטישער וועלט. ווי איר זאָלט ניט אויס־טייטשן די באַשולדיקונגען, אין וועלכע די אָנגעקלאָגטע האָבן זיך מודה געווען — צי ווי אַ דירעקטן בלבול אויף די אַלטע „באָלשעוויקעס״ און אַן אַרויפגעצוואונגענעם מודה־זיין־זיך, צי ווי אַ הונדערט פּראָצענטיקן אמת — איןביידע פאַלן מוז מען איינזען, אַז אַזעלכע פּראָצעסן האָבן געקאָנט פאָרקומען נאָר אין יענער גייסטיקער ספערע, וואָס איז פאַרפעסטעט געוואָרן

פון ליענינס „קאָמוניסטישער עטיק״. דער צד, אָדער יענער, אָדער זיי ביידע, האָבן, לויט זייער רעוואָלוציאָנער־עטישן איינשטעל, געמעגט באַגיין אַלע פאַרברעכנס, לויט די „פאַקטן און נויטן פון דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף״ אַזוי ווי יעדער צד האָט זיי פאַרשטאַנען.

ועל כולם מוז מען אַרויפשטעלן אויף דעם חשבון פון דער באָלשעוויסטישער מאָראַל די צעשפּאַלטונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פיינטלעכע לאַגערן, וואָס האָבן געפירט — און פירן נאָך עד־היום — זייער פאַרניכטנדיקן ברודער־קריג לויט די געבאָטן פון דער באָלשעוויסטישער מאָראַל.

איך זאָג: ביידע צדדים טוען דאָס, הגם דעם אָנהייב האָבן בלי ספק געמאַכט די באָלשעוויקעס. דאָס איז אָבער אַ קנאַפּע אַנטשולדיקונג פאַר דעם צד פון די דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטן. אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט ניט ווייניק געזינדיקט אין דעם פּרט פון אָפּשטופּן די מאָראַל אויף דעם הינטער־פּלאַן, אָדער פון אינגאַנצן מבטל זיין זי, לויט דעם שטאַנדפּונקט פון דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״, פון וועלכן סיי מאַרקס, סיי ענגעלס, סיי די שפּעטערע פירנדיקע קעפּ אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

דער גרויסער חטא פון די מאַרקסיסטן, סיי פון לינקס, סיי פון רעכטס, איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן געגלייבט, אַז זיי קאָנען געווינען די מאַסן און תמיד פירן זיי נאָך זיך נאָר מיט דעם אָנווייז אויף די „אייזערנע געזעצן״ פון דער היסטאָרי׳שער אַנטוויקלונג, אויף דעם „נאַטירלעכן גאַנג״ פון די עקאָנאָמישע אומשטענדן.

די מאַסן קאָנען זיך ניט פונאַנדערקלייבן דערין, בפרט אין אַזאַ קאָמפּליצירטער, ווייניק אויפגעקלערטער און נאָך ווייניקער אָפּגעקלערטער פילאָסאָפיע פון דער געשיכטע, ווי דאָס איז דער „מאַרקסיזם״. די מאַסן ווערן געפירט פון דעם דרייפאַכן דראַנג נאָך ברויט, פרייהייט און גערעכטיקייט. ברויט אין דער ערשטער ליניע, פרייהייט אין דער צווייטער, גערעכטיקייט אין דער דריטער. אָבער נאָר ווען די דריי ווערן פאַראייניקט אין איינעם — און זיי צו פאַראייניקן איז די אויפגאַבע פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע — נאָר דעמאָלט קאָן ביי זיי באַשאַפן ווערן יענער „רעוואָלוציאָנערער אידעאַליזם״, וועגן וועלכן דער „היסטאָרישער מאַטעריאַליסט״ קאָוטסקי רעדט, ווי אַ פאַרבאַדינג פון דעם קאַמף; יענער ענטוזיאַזם, וועלכן אויך אַ סטאַלין באַטראַכט פאַר דער נייטיקסטער קראַפט אין סאָציאַליסטישן בוי.

.31

די העכסטע נויט פון אונדזער צייט

פאַראַן עפּיזאָדן — קלייניגקע, אין פלוג אויבערפלעכלעכע — אָבער אַזעלכע, וואָס ווען מען ווערט מיט זיי באַקאַנט, ברענען זיי זיך אויף אייביק איין אין דעם זכרון. זיי ווערן אויפגעהיט אין אים, ווי אַנטפּלעקונגען פון אַ פאַרבאָרגן געוועזענעם תוך, אָדער ווי אָנדייטונגען אויף אַ טיפן פּראָבלעם, וואָס דאַרף ערשט דערקלערט ווערן.

אָט — אַ קלייניגקער עפּיזאָד פון דעם גרויסן וועלט־קריג. צו דעם אַמעריקאַנער פראָנט אין פראַנקרייך איז געקומען אַ ציווילע קאָמיסיע, גע־וואויר ווערן, וואָס עס טוט זיך אין די טראַנשייען. האָבן די אָפיצירן אונ־טערגעטראָגן איר, ווי אַ כיבוד, אַ פּאָר רעוואָלווערן, אָנווייזנדיק דערביי אויף אַ פּאָר דייטשע קעפּ, וואָס האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון די דייטשע טראַנשייען — אַ פּאָר מענטשלעכע קעפּ, וואָס מען וואָלט געקאָנט אַזוי גרינג צעשמע־טערן מיט אַ געראָטענעם שאָס. די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דעם ערנפולן כיבוד, ווייל זיי זיינען דאָך ציווילע מענטשן. די אומגליקלעכע ציווילע האָבן משמעות געהאַלטן, אַז זיי האָבן פאַרט ניט קיין רעכט אויף אַזאַ אויסטערלישן תענוג, אפילו ווען זיי שטייען האַרט אַנטקעגן דעם „שונא", וואָס וואָלט געוויס זיך פאַרגונען דעם פאַרגעניגן, ווען ער וואָלט זיי באַמערקט.

און נאָך אַן עפּיזאָד. בעת דער דערקלערונג פון דעם וואָפן־שטילשטאַנד, וואָס האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן עלף אַזייגער אינדערפרי, האָט מען נאָך פון ביידע לאַגערן געשאָסן, כדי אויסצונוצן די לעצטע פּאָר מינוט פון דער קריגס־צייט. און אין דייטשלאַנד האָט מיר אַ בר סמכא דערציילט, אַז אַ היפּש ביסל סאָלדאַטן און אָפיצירן זיינען דעמאָלט געוועזן אומצופרידן, וואָס מיט דעם וואָפנשטילשטאַנד האָט אויפגעהערט „דאָס שעהנע מאָרדען".

דאָס זיינען נאָר אַ פּאָר זעמדעלעך פון יענעם זאַמד־שטורעם אין דער מאָראַלישער וויסטעניש, בעתן וועלט־קריג, וואָס האָט פאַרשאָטן און דער־

שטיקט יעדן פונק פון מענטשלעכקייט און רחמנות אויף דעם אַנדערנס לעבן. אָבער די פּאָר זעמדעלעך זיינען אפשר די כאַראַקטעריסטישסטע פאַר דער גאַנצער וויסטעניש. צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון בעסטיאַליטעט האָט געדאַרפט אַראָפּזינקען דער מענטש, ער זאָל ניט וועלן דורכלאָזן אַ פּאָר מינוט, אין וועלכע ער האָט נאָך יורדיש אַ רעכט צו טייטן זיינע מיטמענטשן; זיין אומצופרידן, וואָס „דאָס שעהנע מאָרדען" מוז אויפהערן, און בענקען נאָך דער צייט, ווען עס איז אים געווען דערלויבט אונטערצוטראָגן אַנדערע דאָס רעכט אויף „דאָס שעהנע מאָרדען", ווי אַן ערנפולן כיבוד.

דער וועלט־קריג האָט פאַר יעדן דענקענדיקן מענטשן שאַרף אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן דעם מאָראַלישן מהות מענטש פון דעם געבילדעטסטן טייל מענטשהייט, וואָס געהערט צו דעם אַזוי־גערופענעם „אייראָפּייאיש־אַמעריקאַנישן קולטור־קרייז". ביז צו דער טיפסטער טיף פון דער נשמה האָט אויפגערודערט דער אופן, ווי אַזוי די געבילדעטסטע און פּראָגרעסיווסטע פעלקער האָבן אויפגענומען דעם עצם ענין פון אַ וועלט־קריג און ווי אַזוי זיי האָבן זיך באַגאַנגען אין אים. און נאָך אין אונדזערע טעג האָט מוסאָליניס „איטאַליענישע אָפּערע" אין עטיאָפּיע ווידער אַרויסגערוקט אין דעם פאָדערגרונט דעם זעלביקן מאָראַלישן פּראָבלעם.

דער באַטייט פון דער מאָראַלישער פראַגע פאַר אונדזער צייט איז אַרויסגעטראָטן ניט נאָר אַ דאַנק דעם אויסברוך פון דעם וועלט־קריג, זיין פאַרלויף און זיינע נאָכווייענישן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג. די פראַגע איז געוואָרן נאָך וואָגיקער מיט דעם אויפקום פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע אין 1917.

באַלד נאָך איר אויסברוך, ווען איבער דער וועלט האָט זיך פונאַנדערגעטראָגן די בשורה, אַז עס איז געפאַלן דער צאַריזם, די פינצטערסטע מאַכט פון פאַרפאָלגונג און אונטערדריקונג, האָט עס אויסגעזען, ווי אין מיטן שטורעמדיקן חושך פון דעם וועלט־קריג וואָלט אַ זון־שטראַל פּלוצלונג דורכגעשפּאָלטן די געדיכטע וואָלקנס, און אַ ליכטיקע זון האָט זיך גענומען הייבן איבער דעם האָריזאָנט, צוזאָגנדיק די ווידערגעבורט פון דער מענטשהייט, אַ פאַרשיכורטע אין איר בלוט־דאָרשט.

אַזוי אומבלוטיק אין איר גאַנג, אַזוי הויך אין פּערספּעקטיוון פאַר דער פולער מענטשלעכער באַפרייאונג פון דעם מענטשן איז געווען די פעברואַר־רעוואָלוציע, אַז ביי איר ערשטן אָנבליק האָט דער דענקענדיקער מענטש טיף און פריי אָן אָטעם געטאָן: אָט אַזוי מאַכן מענטשן אַ רעוואָלוציע! ווי אַ שטראַלנדיקע ווענוס, נאָר־וואָס געבוירן פון דעם שוים אין די אויפגעברויזטע

ים־וואַלן און זיך אויפגעהויבן איבער דעם ים, אַזוי איז זי אַ צייט געשטאַנען, די נאַר־וואָס געבוירענע רעוואָלוציע, פאַר די אויגן פון דער וועלט.

און אפילו שפּעטער, ווען אויך דער רוסישער הימל האָט זיך באַדעקט מיט שווערע געוויטער־וואָלקנס און עס האָבן זיך געגומען פונאַנדערקייקלען די דונערן פון דעם באָלשעוויסטישן אויפשטאַנד, האָט די דונער־שטים פון אָקטאָבער ניט פאַרשוועכט דעם מאָראַלישן פּרצוף פון דעם גרויסן רוסישן איבערקער.

דער דעקרעט, וואָס האָט אָפּגעשאַפט פּריוואַט־אייגנטום אויף דער ערד, דער שפּייזערן פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן; די פאָדערונג, אַז די פּיינט־לעכע אַרמייען זאָלן תיכף אָפּשטעלן די קעגנזייטיקע אויסשלאַכטונג און זיך פאַרברידערן; די דערקלערונג, אַז דער ציל פון דער רעוואָלוציע איז דער סאָציאַליזם, די אָפּשאַפונג פון הערשנדיקע און באַהערשטע; די אָפּ־שאַפונג פון דער מעגלעכקייט, אַז מענטשן זאָלן לעבן פון אויסזויגן דעם אַנדערנס אַרבעט; ליענינס רוף: „ווער עס אַרבעט ניט, דער זאָל ניט עסן" — דאָס אַלץ האָט פאַרוואַנדלט די ליכטיקע ווענוס, די געטין פון ליבע, אין אַ פּאַלאַס אַטענע, די געטין פון דער שטרענגער גערעכטיקייט, מיט דער וואָגשאָל אין איין האַנט און דער שווערד אין דער אַנדערער.

און אַזוי שטאַרק איז געווען די שטים פון גערעכטיקייט אין די דונערן פון אָקטאָבער, אַז אפילו די שפּיצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט זיינען מטושטש געוואָרן אין זייערע „אייביקע אמתן" און אין די איינגעגלייבטע באַגריפן פון זייער יושר. אפילו אַזאַ שטאָלענער מענטש, ווי דער שטאָל־מאַגנאַט שוואַב, האָט אין יענע צייטן גענומען רעדן ווייכע רייד וועגן אַ נייער גערעכטיקייט, וואָס קומט אָן פאַר די אַרבעטנדיקע מאַסן.

אָבער אָט האָט די אָקטאָבער־רעוואָלוציע גענומען גיין איר גורל־שווערן היסטאָרישן גאַנג. אַנשטאָט דער אָפּשאַפונג פון הערשנדיקע און באַהערשטע, איז יענע איינטיילונג נאָך שאַרפער פּראָקלאַמירט געוואָרן. דער פּראָלע־טאַריאַט, אַ קליינער מיעוט אין דעם לאַנד, איז דערקלערט געוואָרן פאַר דעם אַבסאָלוט הערשנדיקן קלאַס, און די אומגעהייערע מאַיאָריטעט פון דעם פאָלק — פאַר די אַבסאָלוט באַהערשטע. די „דיקטאַטור פון דעם פּראָלע־טאַריאַט" האָט באַטייט פּריווילעגיעס פאַר דעם „הערשנדיקן קלאַס", די אויסרויבונג פון דעם אַרבעטאָרישן דאָרף און די דערווערגונג פון יעדער פרייהייט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער בירגער־קריג און דער טעראָריסטישער קאַמף מצד דער סאָציאַליסטישער מאַכט מיט אַזאַ מאָוימדיקער אכזריות, וואָס האָט אפשר קיין גלייכן ניט צו זיך אין די בלוטיקסטע בלעטער פון

דער מענטשלעכער געשיכטע. עס איז אויסגעבראָכן דער ערשטער הונגער, וואָס האָט געטריבן מענטשן צו מענטשנפרעסעריי און אָנגעזאַמלט בר־מינגס, וואָס פלעגן אָפט ליגן פּאַרפרוירענע אויף די סטאַנציעס, צונויפגעלייגט ווי קלעצער האָלץ אין אַ קלאַפּטער. און דאָס אַלץ איז געווען באַגלייט מיט דעם ווילדסטן קאַרמאַניאָלאַ־טאַנץ פון דער „טשעקאַ״ און פון דעם אומ־מענטשלעכסטן „רעוואָלוציאָנערן טריבונאַל״, וואָס פלעגט גוזר זיין שטעלן צום ווענטל פאַר דעם מינדסטן חשד. אין יענער צייט איז דאָס אויפגעקומען די „טשאַסטושקאַ״ וועגן דעם „עפּעלע״, דאָס פאָלקס־לידל „יאַבלאָטשקאַ, יאַב־לאָטשקאַ, קודאַ קאַטישסיאַ? — וו׳ טשעקו פּאָפּאַדיאָש, ניע וואָראָטישסיאַ!״ („עפּעלע, עפּעלע, וואוהין קייקלסטו זיך? וועסט אַריינפאַלן אין טשעקאַ, וועסטו שוין ניט קומען צוריק!״) — אַ לידעלע, וואָס איז נאָך עד־היום ניט פאַרגעסן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער רוסלאַנד.

און ווי אַן ענטפער אויף אַלע פּראָטעסטן סיי אין לאַנד סיי אין אויס־לאַנד האָט זיך געטראָגן דער שטרענגער קול פון דער רעוואָלוציאָנערער דיקטאַטור:

„זייט וויסן, אַז אָט דאָס איז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע. אָט דאָס איז איר רעכט און גערעכטיקייט. זי שליידערט־אָפּ פון זיך אפילו יענע כלומרשט „הומאַנע״ כללים, וואָס ווערן אָפּגעהיט אין אַ געוויינלעכן קריג. עס איז שוין מער ניט קיין פראַגע פון „הומאַניטעט״ און פון אַלע אַנדערע מינים „סענטימענטאַליטעט״. דאָס איז אַ פראַגע פון מאַכט און ניט פון קיין אַנדער זאַך. מיר האָבן די מאַכט, און — זאָל נאָר איינער פּרוּוון אויפ־הייבן אַ פינגער אַנטקעגן אונדז, אָדער צוואַרפן אונדז אַ קרומען בליק!...״

דער באָלשעוויסטישער טעראָר האָט זיכער דערגרייכט דעם הויפּט־ציל זיינעם. ער האָט אָנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף אַלץ און אַלעמען. אָבער דאָס — נאָר אין רוסלאַנד. דער זעלביקער טעראָריזם, וואָס האָט אַריינגע־טריבן אַן אימת־מות אין די הערצער פון די רוסישע פעלקער, האָט באַפרייט פון יעדן שרעק פאַר דער רעוואָלוציע די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע וועלט.

פריער אַ מטושטש־געוואָרענע אין די יסודות פון איר אייגענער גערעכ־טיקייט, פריער אַ דערשראָקענע פון דער נייער מענטשלעכער מאָראַל, דער פאַרקערפּערטער אין דעם סאָציאַליזם — אַ מאָראַל, וואָס דאַרף ברענגען מיט זיך דעם אויפקום פון אַ נייעם לעבן, אָפּשאַפן יעדע אומגערעכטיקייט אין דעם מענשנס וועלט און פאַרשאַפן פרייד און גליק פאַר יעדן מענטשנ־קינד — האָט איצטער די קאַפּיטאַליסטישע וועלט ווידער פריי אָפּגעאָטעמט. די אַרט, ווי די באָלשעוויסטישע „דיקטאַטור פון דעם פּראָ־

לעטאַריאַט״ האָט גענומען שאַפן פרייד און גליק פאַר יעדן מענטשנקינד, האָט פאַרטריבן אַלע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געהאַט געלייגט אויף דער נשמה פון דעם קאַפּיטאַליסט.

„הייסט עס, עס איז גאָר ניט קיין פראַגע פון רעכט און גערעכטיקייט, וועלכע דער וועלט־קריג האָט דערטרונקען אין בלוטיקן ים? ניט קיין פראַגע פון אַ נייער מאָראַלישער ווידערגעבורט אויף די יסודות פון מענטשן־ליבע און מענטשן־גליק? עס איז נאָר אַ פראַגע פון מאַכט? איז גוט! אין אָט דעם פּרט זיינען מיר אויך ניט קיין קליינע קינדער״...

און דער רעזולטאַט פון דעם יעזואיטישן איינשטעל אין דער מאָראַל איז געווען אַזאַ: אויף דער באָלשעוויסטישער מאָראַל האָט די רעאַקציאָנערע וועלט געענטפערט מיט פונקט אַזאַ יעזואיטישן איינשטעל, מיט דעם „צוועק, וואָס הייליקט אַלע מיטלען״.

דער צוועק איז שוין אָבער געוואָרן דער פאַשיזם און דער נאַציזם. זיי שטרעבן צו זייערע צילן און קעמפן מיט די זעלביקע מעטאָדן, וואָס זיינען געהייליקט געוואָרן אין דער באָלשעוויסטישער פּראַקטיקע. זיי ביידע האָבן די ענינים פון אַ מענטשלעכער מאָראַל, פון מענטשנליבע און מענטשנגליק, פון גערעכטיקייט און פרייהייט אַראָפּגעשליידערט אין אַ נאָך טיפערן תהום, איידער דאָס האָט געטאָן דער באָלשעוויסטישער טעראָר.

אַזוי אַרום האָבן וועלט־קריג, בירגער־קריג, באָלשעוויסטישער טעראָר, פאַשיזם און נאַציזם, — אָט די גורל שווערע שטערן־קאָנסטעלאַציע, וואָס באַהערשט נאָך אונדזער צייט, — באַשאַפן די העכסטע גייסטיקע נויט פון אונדזער לעבן, די נויט אין דעם ווידעראויפקום פון דער מענטשלעכער מאָראַל.

און באַזונדערס נייטיקט זיך דערין דער סאָציאַליזם.

דער סאָציאַליזם דאַרף זיך טעאָרעטיש איבערבויען אַזוי, אַז די פאַר־טיידיקונג פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל — באַזונדערס אין די סאָציאַליסטישע אויסטייטשונגען און מיט די סאָציאַליסטישע באַרייכערונגען פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין — זאָל פאַרנעמען דעם ערשטן, דעם חשובסטן פּלאַץ, סיי אין דער פּראָפּאַגאַנדע, סיי אין דער פּראַקטישער טע־טיקייט.

דער חוב פון אמת פאָדערט פון אונדז צו באַמערקן דאָ, אַז אַן אָנהייב אין אָט דעם פּרט איז איצטער געמאַכט געוואָרן אומעטום, אויך אין ראַטנ־לאַנד. דאָרטן — דערווײַלע, ווייזט אויס, נאָר אין דער טעאָריע און נאָך ניט אין דער פּראַקטיק. אין דער באָלשעוויסטישער פּרעסע איז שוין אָבער

אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק, אַז וויבאַלד די קלאַסן זיינען שוין פאַר־שוואונדן אין ראַטנלאַנד, דאַרף די אַלגעמיין־מענטשלעכע מאָראַל פאַרנעמען דעם פלאַץ פון דער פּראָלעטאַרישער.

און נאָר דעמאָלט, ווען דער סאָציאַליזם וועט, אין זיין גייסטיקן קאַמף אַנטקעגן דער אַלטער וועלט, אַנטוויקלען און באַפעסטיקן אַן אַגרעסיוון פראָנט אויך אויף דעם פעלד פון דעם מאָראַלישן באַוואוסטזיין, נאָר דעמאָלט וועט מען קאָנען באַפרייען די מאַסן פון יענעם בורזשואַזן און פעאָדאַל־אַריסטאָקראַטישן אויסטייטש פון דער מאָראַל, וואָס האָט נאָך אַ שליטה איבער זייערע מוחות און הערצער. נאָר דעמאָלט וועט מען קאָנען ברעכן די מאָראַ־לישע ווידערשטאַנדס־קראַפט פון דער בורזשואַזיע, אַוועקנעמען ביי איר די מעגלעכקייט צו קעמפן אַנטקעגן סאָציאַליזם־קאָמוניזם אין דעם נאָמען פון דער אַלגעמיין־מענטשלעכער מאָראַל.

דאָס איז גאָר אַ וויכטיקער ענין. דער מאָראַלישער באַוואוסטזיין איז אַלעמאָל געווען און איז אויך איצטער אַ „היסטאָרישע ענערגיע" פון אַ געוויסער קראַפט. אַ ראיה איז גראָד דער לעצטער וועלט־קריג, ווען יעדער פון די קעמפנדיקע לאַגערן האָט זיך געמיט, מיט רעכט און אומרעכט, מיט שקרים און בלבולים, אַריבערצוציען דעם „מאָראַלישן פאַקטאָר" אויף זיין זייט. אַ ראיה איז אויך דער ברודער־קאַמף גופא צווישן דער אַרבעטער־שאַפט, וואו יעדער צד איז פאַראינטערעסירט צו פאַרשמירן די טויערן פון דעם קעגנערישן צד מיטן שוואַרצן פעך פון רייַן מאָראַלישע פאַר־ברעכנס.

אויף דעם פעלד פון דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין קאָנען די סאָציאַליסטן אויפהייבן דעם קאַמף אַנטקעגן די אַריסטאָקראַטישע און בורזשואַזע מאָראַל־טעאָריעס נאָך מיט מער שאַנסן אויף דערפאָלג, איידער אַנטקעגן זייער גאַנצן וועלט־ און לעבנס־באַנעם. ווייל מענטשלעכקייט, גערעכטיקייט און אַן איידעלער, הומאַנער בליק אויף אַ מענטשנס לעבן אויף דער וועלט איז פאָרט אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דער ספערע פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק און ניט אין אַ וועלכער עס איז אַנדערער.

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע זייט פון דעם סאָציאַליסטישן קאַמף איז דער גוף. די מאָראַלישע זייט איז זיין נשמה. און נאָר ווען מען וועקט־אויף אינ־גאַנצן די נשמה אין דעם פאַרשטאַרקטן גוף, קאָנען אויך די גאָר גרויסע מאַסן אָנגעצונדן ווערן מיט יענעם ברען, מיט יענער גרייטקייט אויף מסירת־נפש, וואָס וועט נאָך מסתמא אַ לאַנגע צייט זיין נייטיק אין דעם קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

אַט דאָס קאָן דער סאָציאַליזם, ריין „אוטיליטאַריש", האָבן פון דער מאָראַל. אָבער נעמענדיק ביי איר, וועט ער אויך ניט בלייבן קיין בעל־חוב. זי, די מאָראַל גופא, נייטיקט זיך אין דעם סאָציאַליזם. אירע געבאָטן, פון די נביאים אָן — די געבאָטן פון מיכהס „עשות משפט" און „אהבת חסד" („טאָן גערעכטיקייט און ליב האָבן גנאָד") — קאָנען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אונטער דער הערשאַפט פון סאָציאַליזם. און די אויסבילדונג פון אַ מאָראַליש העכערן מהות מענטש, אין וועלכער דער מאָראַלישער באַוואוסט־זיין איז פאַראינטערעסירט מער פאַר אַלץ, קאָן אויך געשאַפן ווערן אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, אַ געבויטער אויף פרייהייט, גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט.

ע נ ד ע.

ביילאַגן:

1.

צוויי וועלטן

דזשאָן סטיוּאַרט מיל, אַן ענגלישער דענקער, געהערט, נאָך מיין מיי־נונג נאָך, צו יענע פילאָסאָפן, וואָס מען קאָן זיי פאַרגלייכן צו קאָמעטן. קאָ־מעטן באַווייזן זיך, שטייען אַ געוויסע צייט אויף דעם האָריזאָנט און רופן אַרויס דעם גרעסטן אינטערעס צו זיך. דערנאָך הייבן זיי אָן צו דערווייטערן זיך פון אונדז. זייער לייכט־קראַפט ווערט אַלץ בלאַסער און בלאַסער, ביז זיי פאַרשווינדן אינגאַנצן. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז אַלע קאָמעטן פאַרשווינדן פון אונדז אויף אייביק. פאַראַן אַזעלכע, וואָס קערן זיך אום פעריאָדיש.

מיל איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען אויף דעם האָריזאָנט פון דעם פּראָ־גרעסיוון געדאַנק. דערנאָך האָט דער פּראָגרעסיווער געדאַנק זיך גענומען דערווייטערן פון אים. איצט איז מילס פילאָסאָפיע אינגאַנצן פאַרבלאַסט געוואָרן. נאָר די פאָרשער אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע קאָנען נאָך שטודירן מילן דורך זייערע „טעלעסקאָפּן", און זייער ווייניק פון זיי אינטערעסירן זיך איצט מיט אים און שטעלן אָן אויף אים זייער טעלעסקאָפּ.

געהערט ער צו יענע „קאָמעטן", וואָס באַווייזן זיך אין אַ פּאַראַבאָלישער ליניע און מוזן פון אונדז אַוועקגיין אויף אייביק? אָדער איז זיין וועג אַן עליפּטישער, וואָס וועט מוזן — אין אַ געוויסער צייט — ברענגען אים צוריק צו אונדז?

איך נעם זיך איצט ניט אונטער צו באַשטימען זיין „אַסטראָנאָמישן" לויף. און דער גאַנצער ענין דזש. סט. מיל אינטערעסירט מיך איצט ניט. דער געדאַנק וועגן זיין ראָליע אין דער פילאָסאָפיע איז ביי מיר אַרויפגע־שווומען, ווייל איך האָב מיך ווידער פאַרטראַכט וועגן איין־איינציקער מימרא זיינער, וואָס פלעגט זייער אָפט באַשעפטיקן מיין דענקען.

דעם ריכטיקן נוסח פון זיין אַפאָריזם געדענק איך איצט ניט אויף אויסנווייניק, אָבער דער זין זיינער איז אַזאַ: די מאָראַלישע געפילן, ווי די גאַנצע מענטשלעכע מאָראַל, איז אַ זייער איידעלע און צאַרטע פלאַנץ. מען מוז תמיד אַרומגיין אַרום איר, כסדר אויסיעטן אַלע גראָזן, וואָס שטערן איר וואוקס, אַניט, איז זי עלול, באַלד פאַרשטיקט צו ווערן פון אַ וועלכער עס איז ווילד־גראָז.

אין אונדזער צייט — זינט דעם וועלט־קריג און די רעוואָלוציעס — האָבן זיך פאַרשיידענע ווילד־גראָזן פונאַנדערגעוואַקסן אין אַזאַ שפע, אַז אויב די מאָראַל איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשטיקט געוואָרן, — זיינען דאָס טאַקע ניסים מן השמים.

און וואָס עס אינטערעסירט מיך איצט אין דעם ענין, איז גראָד די ראָליע פון דעם ראַדיקאַלן געדאַנק אין דער פאַרטויבונג און פאַרשטיקונג פון דער מאָראַלישער פלאַנץ. ער האָט אין דער אמתן ביי אַ סך — אַ סך מענטשן געשפּילט אין אָט דעם פּרט — די ראָליע פון דער ווילד־פלאַנץ, וואָס האָט מיט אירע וואָרצלען אויסגעזויגן יענע חיונה, וואָס האָט געדאַרפט שפּייזן די וואָרצלען פון דער מאָראַל. און גראָד מיל האָט אים היפש געהאָלפן אין דעם.

וואָס זאָלן מיר באַטראַכטן פאַר דעם לעצטן וואָרצל פון אַ מאָראַליש חשובן לעבן? דעם „אַלטרואיזם"? די ליבע צו דעם „אַנדערן"? איבער־געבנקייט צו אַן אידעאַל? די גרייטקייט אויף מסירת־נפש פאַר דעם אַנדערן, אָדער פאַר דעם „אידעאַל"?

אָבער דער ראַדיקאַלער געדאַנק חנדלט זיך מיט זיין „באַווייז", אַז „אין עצם" און „אין תוך אַריין" איז גאָר ניטאָ אַזאַ מין זאַך, ווי „אַלטרואיזם". יעדער מענטש, ווי יעדע חיה זוכט נאָר זיין פאַרטייל, זיין גליק, דעם איבער־וואָג פון הנאות איבער יסורים פאַר זיך אַליין. און אידעאַלן? דאָס איז דאָך שוין לאַנג ידוע, אַז „אידעאַלן", זיינען נאָר שאָטנס, נאָר אָפּשפּיגלונגען פון געוויסע — „אין לעצטער ליניע" — עקאָנאָמישע אינטערעסן פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע קלאַסן.

אַי — דזשאָרדאַנאָ ברונאָ גייט אויף דעם פלאַקער און מסירת־נפש פאַר קאָפּערניקס טעאָריע, פאַר דעם, וואָס ער האַלט פאַר דעם אמתן אמת? אַי — די זשעליאַבאָווס און די גערשוניס גייען פריידיק אין טויט אַריין צוליב דעם אידעאַל פון מענטשן־ליבע? נו, — מסתמא איז דאָס פאַר זיי געוועזן דער איבערוואָג פון הנאה איבער יסורים. „אין דעם לעצטן סך־הכל", און „אין דעם עצם תוך פון דער זאַך" איז זייער מאָראַלישער העראָאיזם געוועזן אַ פערזענלעכער עגאָאיזם, אַ פורע געשמאַק־זאַך.

אָדער זאָלן מיר זוכן דעם לעצטן מקור פון אַלע טוגנטן אין דעם פליכט־געפיל און אין די פלאָגן פון דעם געוויסן, ווען מען לעבט להיפוך צו דער אייגענער מאָראַלישער פליכט? דאָס וועט אונדז ניט אַ סך העלפן. די ראַדיקאַלע פאָרשונג, געפירט פון דער „אָביעקטיווער וויסנשאַפט", וועט אונדז באַווייזן, אַז אויך דער פליכט־געפיל און דער מאָראַלישער געוויסן זיינען פּראָדוקטן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אַרויסגעבראַכט

פון געזעלשאַפטלעכע נויטן, און דינען, ווי אַלע אַנדערע טוגנטן, נאָר דעם געזעלשאַפטלעכן נוצן.

און לייענט מען דעם „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", געפינט מען גאָר אויס, אַז די גאַנצע מאָראַל, די גאַנצע איינטיילונג אין „טוב" און „רע", אין „גוט" און „בייז", איז אַן אָפּשפּיגלונג אין מענטשלעכע מוחות פון יענעם פאַקט, וואָס די ביזאַהעריקע געשיכטע פון דער מענטשהייט איז אַ געשיכטע פון קלאַסן־קאַמפּן, פון עקאָנאָמישע אינטערעסן און זייער אַנטאַ־גאָניסטישן צונויפשטויס.

ווען פאַרשווינדן די קלאַסן, וועט אויך פאַרשווינדן די גאַנצע מאָראַל. אויס!

איז „אין לעצטן סך־הכל" — מיין מאָראַלישער אויפפיר אַן ענין פון מיין אייגענעם געשמאַק. געפעלט מיר, — און איך געפין, אַז דאָס וועט מיר אין קיין פרט ניט ברענגען קיין שאָדן, — מעג איך טאָן כל דבר אסור און בין פונקט אַזאַ מיוחס, ווי דער, וואָס איז, זאָגן מיר, מקריב זיין לעבן פאַר אַ וועלכן עס איז אידעאַל.

מחמת קיין אַבסאָלוטע „מאָראַלישע חובות" זיינען אויף דער וועלט ניטאָ. „דו זאָלסט, ווייל אַז ניט, ביסטו אַ מנובל", — אַזאַ זאַך איז, „אין תוך אַריין" אַ נאָנסענס. ניטאָ קיין „איך זאָל!" מנובל און צדיק זיינען ביידע גלייכע מיוחסים, ביידע אַבסאָלוט אומפאַרמיידלעכע פּראָדוקטן פון דעם וועלט־לעכן געשעען. נישטאָ קיין פרייער ווילן, ביי וועמען מען זאָל קאָנען מאָנען וואָס ער „זאָל". קיין געפיל „אין זיך גופא", קיין ווילנס־שטרעבונג, קיין האַנד־לונג, קיין כאַראַקטער „אין זיך גופא", איז מאָראַליש „גוט" אָדער מאָראַליש „שלעכט". די גאַנצע איינטיילונג אין „טוב" און „רע" איז אַן אויסגעטראַכטע, אַן אילוזאָרישע, פּונקט אַזאַ ווי די רעליגיעזע איינטיילונג אין „כשר" און „טריף".

אַזעלכע טעאָריעס גראָבן אונטער די וואָרצלען גופא פון יענער „צאַרטער פלאַנץ", וואָס רופט זיך „מאָראַל", על־כל־פּנים לאָזן זיי ניט אויפקומען דעם חשק אַרומצוגיין אין דער אייגענער נשמה אַרום יענער פלאַנץ און ניט לאָזן, אַז די ווילד־גראָזן, וואָס וואַקסן אין דער נשמה, זאָלן ניט פאַרטויבן דעם מאָראַלישן געוויסן.

ליידער קאָן איך מיך דאָ ניט אַריינלאָזן אין אַן אַנאַליז פון אַט די אַלע ראַדיקאַלע געדאַנקען, כדי אויסצוגעפינען, וואָס איז די מאָראַל אין אמתן, „אין איר עצם תוך".

אָבער אויף איין פּונקט וויל איך דאָ ציען דעם אויפמערק.

אין דער טעאָרעטישער באַטראַכטונג פון דער וועלט איז שוין ניט איין

מאָל אויסגעקומען מאַכן דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דעם „אָביעקטיוון" „תוך", ווי די זאַך איז „אין דער וועלט", דרויסן פון דעם מענטשן, און דער סוביעקטיווער דערשיינונג, ווי יענער תוך שפּיגלט זיך אָפּ אין דער מענטש־לעכער דערקענטעניש.

נאָך ניט לאַנג האָט די מאַטעריאַליסטישע פיזיק געלערנט, — און עס זיינען נאָך איצט פאַראַן אַ סך פיזיקער, וואָס גלייבן אין דעם, — אַז קיין קלאַנגען זיינען אין דער נאַטור ניטאָ. קלאַנגען זיינען „אין תוך אַריין" לופט־וואַלן. און ניט מער ווי לופט־וואַלן.

דאָס אייגענע מיט פאַרבן. „אין תוך אַריין", איז אין דער נאַטור ניטאָ אַזאַ מין זאַך, ווי „גרין" אָדער „רויט". דאָס זיינען נאָר כוואַליעס פון דעם וועלט־עטער. נאָר אין דעם זע־נערוו ווערן געבוירן די פאַרשיידענע פאַרבן. „אין זיך גופא" האָבן ניט די עטער־וואַלן אפילו קיין סימן פון אַ קאָליר.

אומקלאַנגערישע לופט־וואַלן, אומקאָלירטע עטער־וואַלן, — דאָס איז ווי די אָביעקטיווע „זאַך" איז „אין זיך גופא". קלאַנגען און פאַרבן זיינען סוביעקטיווע דערשיינונגען אין אַ לעבעדיקער בריאה.

האָט אָט די טעאָריע געהאַט ווען אַ וועלכע עס איז ווירקונג אויף דער מענטשלעכער פּראַקטיקע אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן?

האָט ווען אַ טויבער זיך ניט געזוכט צו באַפרייען פון זיין טויבקייט, ווייל „אין תוך אַריין" זיינען דאָך גאָר קיין קלאַנגען ניטאָ? האָט ווען אַ בלינדער ניט געשטרעבט צו דערבליקן די ליכטיקע שיין, ווייל „אין עצם" איז אין דער נאַטור גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך ווי „ליכט" און „פינצטערניש"?

האָט אַ שלעכטער מוזיקער זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן מיט דעם טעאָרעטישן באַווייז, אַז — „וואָס איז דער חילוק? דאָס איז דאָך אַלץ לופט!" האָט אַ שלעכטער מאָלער זיך ווען באַנוצט מיט דעם זעלביקן טעאָרעטישן אַרגומענט: „אַזעלכע עטער־וואַלן, אַנדערע עטער־וואַלן, — „אין תוך אַריין", וואָס איז די נפקא מינה?"

די טעאָרעטישע דערקלערונגען, וואָס אַזוינס זאַכן זיינען אין זייער עצם, פון וואַנען זיי האָבן זיך גענומען, און ווי אַזוי זיי זיינען געוואָרן, איז פאַר דעם מענטשן אַ באַזונדער געדאַנקען־וועלט, וואָס אַנטוויקלט זיך, לויט אירע אייגענע אינעווייניקסטע טענדענצן. אין דעם פּראַקטישן לעבן רעכנט זיך דער מענטש מיט די פונדאַמענטאַלע רעאַליטעטן פון זיין אייגענעם לעבן, וואָס ווערן באַשטימט דורך זיין אייגענער אַנימאַלישער און מענטשלעכער נאַטור. ווען ער וואַכט אויף אָקאָרשט באַגינען, טראַכט ער ניט, אַז דאָס האָט זיך די ערד אַ דריי געטאָן אַרום דער זון פון מערב־זייט צו מזרח־זייט. ער טראַכט, אַז דאָס גייט די זון אויף אין מזרח־זייט און וועט זיך באַוועגן צו מערב־צו.

ער טראַכט ניט, ווי דאָס פאַרלאַנגט די טעאָריע, נאָר ווי דאָס באַנעמט זיין מענטשלעך אויג.

אַזוי איז דאָס אין די טויזנטער און אָבער־טויזנטער פאָרקומענישן אין דעם לעבן. די טעאָריעס זיינען זיך טעאָריעס. אָבער די פונדאַמענטאַלע לעבנס־רעאַליטעטן ווילן ניט ליידן פון זיי.

פאַרוואָס זאָל דאָס זיין אַנדערש אין דער מאָראַל? לאָז זיין, אַז „עגאָאיזם" און „אַלטרואיזם" זיינען „אין עצם" איין און די זעלביקע זאַך; אַז אין דער נאַטור איז בכלל ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן „טוב" און „רע", צווישן „עוולות" און „יושר" פונקט, ווי עס איז „אין עצם" ניטאָ קיין חילוק צווישן ליכט און פינצטערניש אין דער נאַטור. אָבער אין לעבן זיינען דאָך „יושר" און „עוולות" פונקט אַזוי פאַרשיידן, ווי ליכט און פינצטערניש. הייגט — פאַרוואָס וויל אַ מאָראַליש בלינדער מענטש זיך פאַררעדן די ציין, אַז ער איז פונקט אַזאַ מיוחס, ווי דער זעעוודיקער, ווייל — „אין עצם פון דעם תוך, פאַרשטייט איר מיך"...

אָדער איז די מאָראַלישע איינטיילונג פון „יושר" און „עוולות" גאָר ניט קיין פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון אונדזער מענטשלעכן לעבן? באַטראַכטן מיר אין לעבן אַלע מענטשן, ווי ריינע נאַטור־פּראָדוקטן, וואָס ווערן באַהערשט פון נאַטור־געזעצן, וואָס קאָנען ניט האָבן קיין פרייען ווילן, וואָס קאָנען גאָרנישט ניט „זאָלן" און ביי וועמען עס איז דעריבער ניטאָ וואָס צו מאָנען?

לאָמיר זען. זאָל מען פרואוון באַגיין אַן עוולה, אָפּטאָן אַ מנובלדיקע זאַך דעם געבילדעטסטן אַ־מאָראַליסט, וואָס איז נאָך דערצו טאַקע אַליין אַ מנובל. ווי וועט דאָס אין אים אויפקאָכן זיין אינעווייניקסטער „מאָראַלישער" פּראָ־טעסט! „ניין! די עוולה דערפון! איך וועל דאָס דעם מנובל אַריינשרייען אין פּנים אַריין!"

אַנטקעגן וועמען פּראָטעסטירט ער? וועמען וויל ער שטראָפן? אַ בלינדע נאַטור־דערשיינונג, וואָס ווערט באַהערשט פון בלינדע נאַטור־געזעצן, וואָס האָט ניט קיין פרייען ווילן און ביי וועמען מען קאָן דעריבער ניט מאָנען קיין דין וחשבון?

אַנטקעגן אַ מענטשן פּראָטעסטירט ער. און מיט דעם גופא נעמט ער אָן, אַז פאַר אים איז יענעמס פרייער ווילן — אַ פונדאַמענטאַלע רעאַליטעט פון דעם מענטשלעכן לעבן. ווייל „יענער" איז אַ מענטש, ד"ה, אַ בריאה מיט אַ פרייען ווילן, וואָס קאָן באַשטימען זיינע האַנדלונגען לויט דעם מאָסשטאָב פון „יושר" און „עוולות", האָט ער ניט גערעכנט, וואָס ער האָט געטאָן. קומט אים אַ שטראָף (אַ פיזישע, צי אַ מאָראַלישע, ווי דער נאָמען „מנובל").

אין דער טעאָרעטישער געדאַנקען־וועלט איז דער מענטש אַן אַבסאָלוט בלינדער נאַטור־פּראָדוקט, באַהערשט פון „אייביקע נאַטור־געזעצן". וועגן „מאָראַל" איז דאָ ניט שייך צו רעדן. זאָל זיין אַזוי! אָבער אין דער טעאָרעטישער געדאַנקען־וועלט איז די זון מיליאָנען מאָל גרעסער איידער די ערד, איז אַ פינצטערע מאַסע אַן אַ ברעקל ליכט און וואַרימקייט, און שטייט לגבי דער ערד אויף איין אָרט.

אָבער אין דער וועלט פון אונדזער מענטשלעכן לעבן איז די זון זיבן הונדערט מאָל קלענער איידער דער האָריזאָנט, איז דער מקור פון ליכט און וואַרעמקייט און שטייט ניט אויף אַן אָרט, נאָר גייט פון מזרח צו מערב.

מיר זיינען אַזוי געוואוינט צו פירן די „טאָפּעלע בוכהאַלטעריע" וועגן אָט די צוויי וועלטן, אַז קיין וועלט שטערט ניט דער אַנדערער. און פאַר אייניקע פילאָסאָפן איז נאָך אַ גרויסע שאלה, וועלכע וועלט איז די „אמתע", די וואָס פון אונדזער פּראַקטישן לעבן, צי די וואָס פון אונדזער טעאָרעטישן געדאַנק.

אין דער מאָראַל אָבער שטויסן זיך די דאָזיקע צוויי וועלטן צונויף. די מאָראַל, ווי מיל זאָגט, איז זייער אַ צאַרטע פלאַנץ. מען מוז אַרומגיין אַרום איר — און נסיונות אין לעבן, מיט זייערע יצר־הרעס, וואָס קאָנען נישט אַריבערטראָגן דעם ריח פון יענער פלאַנץ, זיינען אַזוי פול און פיל, אַזוי צעזייט אויף יעדן שריט און טריט, אַז דעם גלויבן אין דער מענטשלעכער פרייהייט און אין די מאָראַלישע פאָדערונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט איר, האַלטן מיר... פאַר דעם אַנדערן.

פאַר אונדזער אייגענער שוואַכקייט זוכן מיר אָבער אַ היתר — אין דער טעאָרעטישער געדאַנקען־וועלט, אין וועלכער עס איז כלומרשט ניטאָ קיין חילוק צווישן „עגאָאיזם" און „אַלטרואיזם", צווישן „טוב" און „רע".

אָבער שוין דאָס זוכן דעם היתר, דאָס וועלן זיין גערעכט אין די אייגענע אויגן, דאָס ניט וועלן פאַרלירן דעם רעספּעקט צו זיך אַליין, ווי צו אַ מענטשן, גייט להיפוך צו יענער גאַנצער טעאָרעטישער געדאַנקען־וועלט.

איז טאַקע קיין חידוש ניט, וואָס פון־צייט־צו־צייט וואַקסט אויס אין דער פילאָסאָפיע די טיפסטע פון אַלע טיפע שאלות: וועלכע וועלט איז די רעאַלערע, די „תוכיקערע" אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן: די טעאָרעטישע געדאַנקען־וועלט, מיט אירע אייביקע נאַטור־געזעצן און דעם אַבסאָלוטן דעטערמיניזם, אָדער אונדזער פּראַקטישע מענטשלעכע וועלט, וואו דער „דמיון" פון אַ פרייען ווילן איז דער יסוד פון אַ מענטשלעכן לעבן?

„טאָג", 3טער מערץ, 1931

2.

די הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן

אליעזר שטיינבאַרג, דער גרויסער רומעניש־יידישער פאַבל־שרייבער, — עליו השלום, — האָט אָנגעהויבן זיין בוך „משלים" מיט אַ מעשהלע, וואָס פּאַסט זיך אַזוי גוט אַריין אין דעם נשמה־צושטאַנד פון אונדזער אויפגערו־דערטער צייט: „דער האַמער און דאָס שטיק אייזן".

דער האַמער, „דער קאָפּ דער אייזערנער", אַ לייבלעכער ברודער פון דעם שטיק, אויף וועלכן ער שמידט, האָט, קלאַפּנדיק דאָס שטיק אייזן, גע־נומען „על־פּי חקירה אים דערוויזן, אַז מען דאַרף זיין קלוג, געדולדיק און ניט זאָגן קיינעם: דו ביסט שולדיק!" איז ער דען שולדיק, וואָס ער קלאַפּט? מיט אים קלאַפּט די האַנט און מיט דער האַנט — דער שמיד, וואָס לעכצט גאָר נאָך רו. אָבער ער מוז פּאַרריכטן די אַקס, וואָס דער וואָגן האָט זי אויסגעבויגן. און דעם וואָגן האָבן געיאָגט די רעדער, און זיי זיינען גע־שלעפּט געוואָרן פון די פערד, און די פערד האָט געטריבן די בייטש. „און זי אַליין? אויך ניט שולדיק, ניין! ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק... פאַרשטיי נאָר גוט דעם רעיון און הער־אויף צו שעלטן, שרייען, ווייל פאַרשטיין, הייסט פאַרצייען"...

אָט דער „רעיון" האָט אָבער בפירוש ניט איינגעשטילט די הילכיקע פּראָטעסטן פון דעם געשלאָגענעם אייזן.

„קין! (שרייט דאָס אייזן און מיט פייער שיט עס). נייע האַמערס, נייע שיטות! הרגעט, שלאָגט און איז אַ ברודער! עצות גיט ער! שווייגן, ווען אונטער די קלעפּ איך ציטער?... אוי, מיין ווייטיק אָן אַ שיר איז — ווייל איך שעלטן, ווייל איך שרייען אָן חקירות!"

אין אונדזער צייט שפּילט די ראָליע פון דעם געשלאָגענעם אייזן — דעם מענטשנס האַרץ. ווי מיט האַמערן קלאַפּן אויף אים אַי די מלחמות, וואו מענטשן ווערן אויפגעריסן אין דער לופטן, ווי שטיקלעך פעלז; אַי פּאָגראָ־מען, וואו זיי ווערן געשאָכטן, ווי שאָף; אַי די לעצטע פּראָצעסן אין ראָטנ־

לאַנד, וואו זיי ווערן אויסגעשאָסן, ווי פייגל אויף אַ געיעג. איז — אַז אייזן שרייט און שיט מיט פייער, מכל שכן אַ מענטשלעך האַרץ! ווייל אויך דאָס האַרץ ניט וויסן פון קיינע „חקירות". זי פּראָטעסטירט און שרייט. און אַלע פּראָטעסטירנדיקע מאָראַלישע געשרייען גיסן זיך איצטער צונויף אין איין איינציקן שטראָפנדיקן פּראָטעסט, אין איין מאָנענדיקן רוף, אָפּצוהיטן די הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן.

געוויס טראָגן זיך מיט די אויפגערודערטע מאָראַלישע פּראָטעסטן, — בפרט אַנטקעגן די פּאַסירונגען אין ראַטנלאַנד, — אויך אַזעלכע געשרייען, וואָס דריקן אויס נאָר די בלינדע רציחה פון איין פּאַנאַטיקער אַנטקעגן אַן אַנדערן, און נאָך עפּעס ערגערס: דעם אַנגעטראָטענעם פּאָליטישן אינטערעס. גראָד דאָס לעצטערע, — מוז איך מודה זיין, — קאָן אָפּשלאָגן דעם גאַנצן חשק צו רעדן וועגן די מאָראַלישע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט, ווייל ווען די מאָראַל נעכטיקט איבער נאָר איין נאַכט מיט דעם פּאָליטישן אינטערעס, איז — אַי! זאָל איר גאָט מוחל זיין, וואָס זי רופט זיך נאָך „מאָראַל"... ווען די מאָראַל ווערט אַ „קרדום לחפור בו" (אַ גראָבאייזן אויף גראָבן ערד), אָדער נאָך ערגער: אַ „גרדום לחטוב עליו", — אַ האַק־קלאָץ אויף צו שפּאַלטן אויף אים מאָראַליש די קעפּ פון פּאָליטישע קעגנער, איז דאָס שוין ניט קיין מאָראַל, נאָר אַ „קרדום" מיט אַ „גרדום", אַ האַק מיט אַ יאַטקע־קלאָץ.

צום גליק און צו דער חשיבות פון דעם מענטשלעכן האַרצן קאָנען מיר קאָנסטאַטירן, אַז דאָס רוב פּראָטעסטירנדיקע און מאָנענדיקע שטימען קומען פון אַ ריינעם מאָראַלישן געוויסן, פון אַן אהבה און אַ שנאה, „שאינן תלויות בדבר". אָבער גראָד זיי מוז מען דערמאָנען, אַז „שעלטן און שיטן מיט פייער אָן חקירות" איז גאָר ניט פון די גרויסע מעלות, אויך ניט פון די מאָראַלישע מעלות. „האַרץ" איז געפיל, און געפילן אַליין, ווי חשוב און איידל זיי זאָלן ניט זיין, זיינען בלינד. זיי קאָנען פאַרפירן ווער ווייסט וואוהין, אויב זיי לאָזן זיך ניט פירן פון דעם שטרענגן, אָפּטמאָל אומברחמנותדיקן שכל, פון דער קלאָר־איינזעענדיקער „חקירה". אויך יענע מאָראַלישע געפילן, וואָס געפינען זייער אויסדרוק אין דער פאָדערונג פון אַ מענטשלעכן לעבן, מאַכן ניט קיין אויסנאָם דערפון.

איך ווייס ניט, ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט פאָרמולירט אָט דעם פּרינציפּ גראָד אין אָט די ווערטער. אָבער זיכער איז ער, לויט זיין תוך, געבוירן געוואָרן אין דעם יידישן מאָראַלישן באַוואוסטזיין. און זיכער מעגן מיר זיין שטאָלץ אויף אים, ווייל ער איז כולל אין זיך די פיר וויכטיקסטע עלעמענטן פון דעם מאָראַלישן געפיל און מאָראַלישן, אָפּגע־

קלערטן איינזען: אי די הויכשאַצונג פון לעבן בכלל, ווי דאָס העכסטע גוטס, אי די רחמנות אויף יענע מענטשן, וואָס ווערן באַרויבט פון אים, אי די חשיבות פון אַ מענטשלעכן לעבן בפרט, אי יענעם קלאָרן מאָראַלישן איינבליק, וועלכן קאַנט האָט פאָרמולירט אין די ווערטער, אַז יעדער מענטש דאַרף באַטראַכט ווערן, ווי אַ זעלבסט־צוועק.

איז קיין חידוש ניט, וואָס ער איז לפי ערך אַזוי שפּעט אויפגעקומען אין דער קולטור־ספערע פון מאָראַלישע אָפּשאַצן און פירנדיקע פּרינציפּן. די אַלטע וועלט, סיי אין גריכנלאַנד און רוים, סיי אין ארץ־ישראל פונעם בית־ראשון האָבן פון אים ניט געוואוסט. גענוג צו דערמאָנען זיך, אַז די תורה האָט פאָרגעשריבן טויט־שטראָפן אויף פאַר האַנדלונגען, וואָס געהערן גאָר ניט צו דער ספערע פון דער מאָראַל. אַזעלכע פאַרשריפטן, ווי „מכשפה לא תחיה", אָדער די פאָרשריפט, אַז אין אַ קריג אַנטקעגן די שטעט פון דעם לאַנד כנען, דאַרף מען טייטן אַלע לעבעדיקע נפשות, מענער, ווייבער און קינדער (לא תחיה כל נשמה) און אַז אין די אַנדערע שטעט זאָלן געטייט ווערן אַלע זכרים (והכית את כל זכורה לפי חרבך, דברים כ׳ 16). דאָס אַלץ באַווייזט, ווי ווייניק די פּרימיטיוו־יידישע מאָראַל האָט זיך גערעכנט מיט דער הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן.

וועגן דוד המלך ווערט דערציילט, אַז ווען ער האָט „געשלאָגן מואב", — אַ פאָלק כמעט אין אַלץ אַ גלייכן צו דעם יידישן, אַחוץ אין דעם רעליגיעזן גלויבן, — האָט ער זיי „אויסלייגנדיק אויף דער ערד, געמאָסטן מיט אַ שנור; און ער האָט אָפּגעמאָסטן צוויי שנורן צו טייטן און איין פולע שנור צו לאָזן לעבן" (שמואל ב׳, ח׳ 2). עס קאָן זיין, אַז אָט דער פּרט ווערט דערציילט גראָד צו באַווייזן דודס „הומאַניטעט" אין פירן קריג: אַ גאַנץ דריטל (מלא החבל) צו לאָזן לעבן!...

עס האָט גענומען אַ גאָר לאַנגע צייט, דורות און דורות פון אַ לעבן אונטער פאַרפאָלגונגען און אכזריותן, ביז אין דער יידישער מאָראַל איז אויפגעגאַנגען די וויכטיקסטע און די חשובסטע בלום אירע — די הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן. איר קלאָרסטן און שאַרפסטן אויסדרוק האָט זי געפונען אין די געבאָטן פון ישו הנוצרי, וואָס האָט געפאָדערט ליבע אויך צו אַ שונא און האָט אָפּגעוואָרפן אפילו דאָס רעכט פון אַ מענטשן צו משפטן אַן אַנדער מענטשן.

אָט דער העכסט־יידישער, נוצריאַנישער איינשטעל האָט ניט איינמאָל אין דער געשיכטע פון דער כלומרשט „קריסטלעכער" מענטשהייט געפּרוּווט אויפהייבן זיין פּראָטעסט אַנטקעגן די אכזריותן, מיט וועלכע זי, די „קריסט־לעכע" געשיכטע, איז אַלעמאָל געווען פול און פיל און איז עד־היום נאָך

פול און פיל. זיין גלענצנדיקן אויסדרוק האָט אָט דער „נוצריאַניזם", ווי מיר ווילן אים אָנרופן, געפונען אין אונדזער צייט אין די לערעס פון דעם גראַף טאָלסטאָי אין דער צייט פון דעם רעוואָלוציאָנערן טעראָריסטישן קאַמף אַנט־קעגן דעם צאַריזם. אָבער גראָד אָט דער נוצריאַנישער איינשטעל האָט באַ־וויזן, וואָוהין מען קאָן פאַרפירט ווערן מיט אים סיי אין אַלט־יודעאַ, וואו ער האָט פאַרווערט די יידישע „משיחים" צו נעמען אַן אָנטייל אין דעם באַפריי־אונגס־קאַמף אַנטקעגן רוים, סיי אין אַלט־צאַרנלאַנד, וואו ער האָט געקעמפט אַנטקעגן דעם אַזוי־אָנגערופענעם „אינדיווידועלן טעראָר" אין דעם באַפריי־אונגס־קאַמף קעגן דעם צאַריזם.

אויף דעם ביישפּיל פון דעם רוסישן טעראָריזם זעט מען קלאָר איין, אַז די הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן קאָן אין אונדזערע צייטן ניט זיין קיין אַבסאָלוטער, קיין הונדערט־פּראָצענטיקער פּרינציפּ.

דער טעראָריסט קאַליאַיעוו איז געווען איינער פון יענע אַזוי זעלטענע מענטשן, ביי וועמען דער נוצריאַנישער איינשטעל, — די הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן, — איז געווען די גאַנצע נשמה פון זיין לעבן און קעמפן. בעת ער איז געשטאַנען מיט דער באָמבע, גרייט אויפצורייסן דעם גרויס־פירשט סערגעי, און פאַרביי אים איז פאַרבייגעפאָרן סערגעי מיט סערגעיס פרוי, האָט קאַליאַיעוו די באָמבע ניט געוואָרפן, שטעלנדיק אין געפאַר דעם גאַנצן, אַזוי לאַנג צוגעגרייטן אָנפאַל. געוואָרפן די באָמבע האָט ער נאָר, ווען ער האָט געהאַט פאַר זיך סערגעיען אַליין. האָט ער געהאַט אַ מאָראַליש רעכט צו טייטן סערגעיען? האָט סאַזאָנאָוו געהאַט אַ מאָראַליש רעכט אויפ־צורייסן אויף פיצלעך דעם צורר פאָן־פּלעווע? האָט הירש לעקערט געמעגט פאַרמשפטן צום טויט פאָן־וואַלן? זיינען דען סערגעי, פאָן־פּלעווע, פאָן־וואַל ניט געווען מענטשן, וועמעס לעבן עס דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר הייליק?

שטעלט אַוועק דעם דאָזיקן נוצריאַנישן פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן אין דעם ליכט פון דעם איצטיקן בירגער־קריג אין שפּאַניע. אויב מען זאָל זיך אונטערוואָרפן אונטער דעם אַבסאָלוטן מאָראַ־לישן געבאָט, דאַרפן די „לאָיאַליסטן" זיך אָן אַ שאָס פולווער אונטערגעבן אונטער דער ממשלה פון דעם פאַשיסטישן פראַנקאָ. זיי האָבן דאָך קיין ברעקל מאָראַליש רעכט ניט צו פאַרניכטן הונדערטער און טויזנטער אי־טאַליענער, דייטשן און שפּאַניער, וואָס פירן קריג אַנטקעגן זיי. זיי טאָרן זיך ניט באַרופן אויף דעם מאמר חז"ל: „הבא להורגך, השכם והורגו" (ווער עס קומט דיך טייטן, פעדער זיך און טייט אים). זאָלן די רשעים חרוב מאַכן לענדער, שטעט, פעלקער, מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס! זייער, די רשעימס,

לעבן טאָר אָבער ניט אָנגערירט ווערן. עס איז היליק. אָט — וואוהין עס פירט דער אַבסאָלוטער נוצריאַניזם.

אַלע דערשיינונגען פון אַלע באַפרייאונגס־קאַמפן — סיי אינדיווידועל־טעראָריסטישע, סיי מיליטאַריסטישע — רעדן קלאָרע רייד פון דעם מענטש־לעכן מאָראַלישן באַוואוסטזיין, אַז אויך די הייליקייט פון אַ מענטשלעכן לעבן, דער וויכטיקסטער און חשובסטער פּרינציפּ פון דער מענטשלעכער מאָראַל, איז ניט קיין אַבסאָלוטער פּרינציפּ, ניט קיין חוק ולא יעבור אונטער אַלע אומשטאַנדן.

און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז ניט דער איינציקער פּרינציפּ פון אַ הויך־אַנטוויקלטן מאָראַלישן באַוואוסטזיין. עס זיינען פאַראַן נאָך אַנדערע, מיט וועלכע אויך ער מוז זיך רעכענען. זיי אַלע זיינען ניט ווי פּערל, וואָס קאָנען אין זייער גאַנצקייט אַרויפגעצויגן ווערן אויף אַ מאָראַלישער שנור. זיי זיינען אויך ניט ווי אַ באַנד פּערל, וואו די שנורן ליגן פּאַראַלעל איינס לעבן אַנדערן, ניט איבערשניידנדיק זייערע ליניעס.

דער סיסטעם פון מאָראַלישע פּרינציפּן דאַרף בעסער פאַרגליכן ווערן מיט אַ געשליפענעם ברילייאַנט, וואו יעדער פּרינציפּ איז אַן איינצלנע פּאַסטעטע, וואָס פאַרנעמט איר גרעסערן אָדער קלענערן שטח, אַן אַרומגעגרענעצטן מיט די אַנדערע פּאַסעטן.

די הייליקייט פון דעם מענטשלעכן לעבן איז די חשובסטע פּאַסעטע צווישן זיי, און גראָד די „חקירה״ דאַרף אַרויסברענגען אירע גרענעצן. דאָס אַנגעווייטיקטע האַרץ וויל ניט וויסן דערפון, און „שיט מיט פייער אַן חקירות״. אָבער גראָד די בלינדע איבערגעבנקייט צו דעם אַבסאָלוטן פּרינציפּ קאָן פירן דערצו, אַז די מאָראַלישסטע מענטשן זאָלן ווערן די אומוויליקע און בלינדע אַרויסהעלפער פון די פּאַן־פלעוועס און די פּראַנקאָס.

„טאָג״, 3טער אָקט., 1937

3.

די רעוואָלוציאָנערע מאָראַל

אַרלאָזאָראָווס דערמאָרדונג אין ארץ־ישראל און די דעבאַטן וועגן די אַקטיוויסטישע רעוויזיאָניסטן אויף דעם לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָבן אויך פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט אַוועקגעשטעלט איינעם פון די שווערסטע, פון די ווייטיקסטע פראָבלעמען אין יעדן באַפרייאונגס־קאַמף, — די באַרעכטיקונג פון טעראָריסטישע מיטלען צוליב פאָליטישע, סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־צילן, — מיטלען וואָס זיינען זיכער די שרעקלעכסטע, די טראַגישסטע.

מיר קאָנען דאָ ניט אויפנעמען די קאָלאָסאַל־שווערע פראַגע אין איר גאַנצן פאַרנעם, אין איר גאַנצער פאַרפלאָנטערטקייט, און זיך אַריינלאָזן אין דעם אַנאַליז פון יענע אינעווייניקסטע ווידערשפרוכן און מאָראַלישע קאָנפליקטן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט אָט די טראַגישע קאַמף־מיטלען. גליקלעך זיינען יענע פרייהייטס־קעמפער (וועגן דעם טעראָר פון טיראַנען, פון באַהערשער און באַדריקער רעדן מיר דאָ ניט), גליקלעך, זאָג איך, זיינען יענע, וואָס שטעלן זיך לכתחילה אַוועק אויף דעם שטאַנדפונקט פון אַ גראַף טאָלסטאָי און אַ גהאַנדי. פאַר זיי איז דער „לא תרצח" אַן אומבאַדינגט באַפעלערישער געבאָט, וואָס קאָן ניט באַגרענעצט ווערן מיט דער גמרא, וואָס זאָגט, „הבא להרגך, השכם והרגו" (דער וואָס גייט דיך הרגענען, נעם און הרגע אים וואָס שנעלער). זיי זיינען פריי פון אָט די אַלע אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, פון דעם גאַנצן נשמה־פיין, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם טעראָריסטישן קאַמף.

אָבער די געשיכטע האָט אירע דרכים. און די געשיכטע פון די באַפרייאונגס־קאַמפן האָט אויסגעאַרבעט איר אייגענע, רעוואָלוציאָנערע מאָראַל, וואָס האָט מקדמונים פאַרהייליקט דעם „טיראַנען־מאָרד", ווי אַ מענטשלעכע חשיבות פון גאָר העכסטער מדרגה, ווי דעם פונאַנדערבלי פון דעם העכסטן מאָראַלישן אַקט, דעם קאַמף פון גערעכטיקייט אין דעם עקסטאַז פון דער העכסטער העלדישקייט, פון דעם אייגענעם מסירת־נפש.

פון אַט דעם שטאַנדפּונקט פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל ווילן מיר דאָ וואַרפן אַ פּאָר באַלייכטנדיקע שטראַלן אויף דעם, אויך פּאָר אונדז אויפגעקומענעם מאַיומדיק טראַגישן פּראָבלעם.

אַרלאָזאָראָווס דערמאָרדונג דאַרף לויט אַלע ביז אַהער באַקאַנט געוואָרענע דאַטן, באַצייכנט ווערן ווי אַ פּאָליטישער מאָרד. ווער האָט דעם מאָרד באַגאַנגען און צוליב וועמענס פּאָליטישע צילן, — יידישע, צי אַראַבישע, — קאָן מען נאָך דערווייל ניט וויסן. אָבער לויט אַלע באַקאַנט־געוואָרענע דאַטן, האָט מען אַ רעכט אויפצוהייבן די שאלה, צי מעג מען אַט דעם פּאָליטישן מאָרד באַטראַכטן ווי אַ טעראָריסטישן אַקט אין אַ באַפרייאונגס־קאַמף, —אַ יידישן צי אַן אַראַבישן, — אָדער ער מוז געהערן צו דער ספערע פון פּריוואַטע קרימינעלע פאַרברעכנס.

די מעשה דערפון איז, וואָס ניט יעדער פּאָליטישער מאָרד, — אפילו צוליב באַפרייאונגס־צילן, קאָן, לויט די פאָדערונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער מאָראַל, אָנגערופן ווערן אַ טעראָריסטישער אַקט, אַן אויסדרוק פון דעם שאַרפסטן פּאָליטישן אַקטיוויזם. די דערמאָרדונג פון דעם פראַנצויזישן פּרעזידענט דומער דורך גאָרגולאָוון איז אין דעם מאָראַלישן און היסטאָרישן באַוואוסטזיין פון דער וועלט ניט סאַנקציאָנירט געוואָרן, ווי אַ טעראָריסטישער אַקט. ניט נאָר דערפאַר, וואָס גאָרגולאָווס צילן זיינען געווען קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע, נאָר לויט דעם גאַנצן כאַראַקטער פון דער פּערזאָן, וואָס האָט דורכגעפירט די טאַט. גאָרגולאָוו איז ניט אַריין אין דער וואַלהאַלאַ פון אומשטערבלעכע פּאָליטישע העלדן. זיין אַקט געהערט צו דער כראָניק פון יענע פּריוואַטע קרימינעלע פאַרברעכנס, וואָס ווערן דורכגעפירט ניט אויס פּערזענלעכע מאָטיוון און ניט צוליב דעם פּערזענלעכן פאָרטייל, נאָר צי אין אַן אָנפאַל פון מאָרד־לוסט, צי מחמת אַ טירוף, צי מחמת רעליגיעזן, פּאָליטישן אָדער סאָציאַלן פּריוואַט פאַנאַטיזם.

טעראָריסטישע אַקטן, ווי מאָמענטן אין אַ באַפרייאונגס־קאַמף, טראָגן אויף זיך געוויסע בולטע סימנים, וואָס הייבן זיי אַרויס פון דער קרימינאַליסטישער כראָניק און ברענגען זיי אַריין אין... דער געשיכטע פון דער מענטשהייט!

וואָס זיינען דאָס פאַר סימנים?

די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז פון די גאָר גרוי־אַלטע צייטן אָן ביז אויף אונדזערע דורות פול און פיל מיט אַנדערקענטע טעראָריסטישע אַקטן, דורכגעפירטע אָדער פון איינצלנע מענטשן אויף זייער אייגענער פּערזענלעכער אחריות, אָדער פון אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפטן. זיי אַלע זיינען אַריין אין דער געשיכטע, ווי מאָמענטן אין דעם גאַנג פון אירע

פאַסירונגען. עס איז געגוג צו לאָזן פאַרבייציען פאַר אונדזער גייסטיק אויג נאָר איי־ניקע פון אַזעלכע אַקטן, כדי קלאָר איינצוזען זייערע כאַראַקטעריס־טישע סימנים.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן, דער עיקר, אויף די איינצל־אַקטן. מיר וואָלטן געקאָנט שילדערן אַ היפּש ביסל פון זיי, וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן אין אונדזער אייגענער אַלטער געשיכטע: אַ משה רבינו, וואָס דערהרגעט אַ מיצרישן אויפזעער אויף יידישע פאַרשקלאַפטע אַרבעטער; אַן אהוד, וואָס שטעכט אַריין זיין שווערד אין דעם מואבשן מלך, עגלון, ווייל יענער האָט געהאַלטן פאַרשקלאַפט דאָס יידישע פאָלק; יהוס טעראָריסטישע אויסראָטונג פון דער אחאבשער דינאַסטיע און פון די בעל־דינער און נאָך אויף אַנדערע. אויך אין זיי, אין אַלע וואָלטן מיר געפונען די סימנים, וואָס מיר זוכן. מיר וועלן אָבער גיין צו אונדזערע צייטן.

אין די נייַנציקער יאָרן פון דעם פאַריקן יאָרהונדערט, — איך געדענק ניט גענוי די דאַטע, — האָט דער אַנאַרכיסט עמיל אַנרי געוואָרפן אַ באָמבע אין דעם אַריסטאָקראַטישן קאַפע „טערמינוס”, אין פאַריז, און האָט דער־הרגעט אַ סך מענטשן. ער האָט זיך איבערגעגעבן דער פּאָליציי. אויף זיין משפּט האָט ער דערקלערט, אַז ער איז אַן אַנאַרכיסט; אַז ער קאָן שוין מער ניט אַריבערטראָגן די אומגערעכטיקייטן, אויף וועלכע עס רוט די מאָ־דערנע געזעלשאַפט; אַז ער האָט באַשלאָסן, פרייוויליק אַוועקצוגיין פון איר אין טויט. אָבער פאַרן אַוועקגיין האָט ער געוואָלט „אַזוי אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר הינטער זיך”, אַז די געזעלשאַפט זאָל אויפציטערן. אַנרי האָט זיך אַליין מקריב געווען, ווי אַן „עולה תמימה”, און איז געשטאָרבן פאַר זיין אידעאַל פון גערעכטיקייט.

אַנריס אַקט און פּראָצעס האָבן געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן רושם אין יענער צייט, — דער עיקר, — אויף דער יונגער רוסישער עמיגראַציע, — און האָט זיכער געהאָלפן אויפלעבן ביי איר יענעם דראַנג צו מסירת־נפש אין דעם באַפרייאונגס־קאַמף, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעריסן אין דעם באַנייטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אַנטקעגן דעם צאַריזם.

האָט אַנרי געהאַט אַ רעכט אַליין דורכצופירן אַ טויט־אורטייל איבער אומשולדיקע מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אין דעם קאַפע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך צופעליק געקאָנט געפינען אי אַן עליזע רעקליו, אי אַ זשאַן גראַווו, אי אַ זשאָרעס? ווער קאָן געבן דעם אַבסאָלוט ריכטיקן ענטפער אויף אָט דער שאלה?

אין דעם רייכן קאַפע האָט אַנרי געזען דעם סימבאָל פון דער גאַנצער איצטיקער געזעלשאַפט מיט איר פאַרברעכערישן לוקסוס און צעלאָזנקייט.

דאָס רעכט צו באַשטראָפן די גאַנצע געזעלשאַפט האָט ער זיך אַליין גענומען. ער האָט באַצאָלט פאַר אָט דעם רעכט דערמיט, וואָס ער, דער יחיד, וואָס איז שקול כנגד כל העולם כולו, האָט זיין אייגענעם לעבעדיקן גוף אַנגעצונדן, ווי אַ פאַקל, וואָס זאָל באַלייכטן דעם אַנאַרכיסטישן אידעאַל, אין וועלכן ער האָט אַזוי געגלייבט. אַנרי איז אַריין אין דער געשיכטע פון דעם באַפריי־אונגס־קאַמף, ווי איינער פון זיינע ליכטיקסטע העלדן, וועמעס טאָט עס האָט נאָך געוויברירט אין דעם קאַמף אַנטקעגן דעם צאַריזם.

שפּעטער האָט נאָך אַן אַנאַרכיסט, לוקעני, באַגאַנגען אַ טעראָריסטישן אַקט. ער האָט מיט אַ קינזשאַל דערמאָרדעט די עסטרייכישע קייסערין, עליזאַבעט. דוכט זיך, אַלץ ווי ביי עמיל אַנרי: אַ דער פּראָטעסט אַנטקעגן דער געזעלשאַפט, אַ די אייגענע מסירת־נפש. און פונדעסטוועגן האָט דאָס געמאַכט אַ גאַנץ אַנדער רושם אויף דעם עפנטלעכן באַוואוסטזיין. ניט נאָר די רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטן, — אפילו אַ היפּש ביסל אַנאַרכיסטן האָבן תיכף אָפּגעשאָקלט אים פון זיך. מיר אַליין זיינען באַקאַנט געווען שווייצאַרישע אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן באַטראַכט לוקעניס אַקט, ווי אַ שאַנד־פלעק אויף דעם אַנאַרכיסטישן טעראָר, ווי אַ דעגענעראַציע זיינע. פאַרוואָס? קודם, מחמת דער פּערזאָן פון דער באַשטראָפטער. עס איז ניט געווען קיין איין מאָראַלישע באַרעכטיקונג, פאַרוואָס גראָד יענע איידעלע, ליידנדיקע פרוי, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געמישט אין פּאָליטיק, זאָל באַשטראָפט ווערן פאַר די זינד פון דער גאַנצער מענטשלעכער געזעלשאַפט. און דערנאָך — די פּערזאָן פון דעם באַשטראָפער. לוקעני איז ניט געווען קיין „עולה־תמימה". מען האָט גערעדט וועגן מאָראַלישע פּגימות אין זיין כאַראַקטער און זיין לעבן. די פּערזאָן פון דער באַשטראָפטער האָט ניט פאַרדינט די שטראָף. די פּערזאָן פון דעם באַשטראָפער איז ניט ווערט געווען צו ברענען, ווי אַ לייכטנדיקער פאַקל, אויף דעם וועג פון דעם באַפרייאונגס־קאַמף.

און אָט קאַרפּאָוויטשעס אַטענטאַט אויף דעם רוסישן מיניסטער באָגאָ־ליעפּאָוו. דאָ איז ווידער אַלץ קלאָר: אַ פאַרוואָס באָגאָליעפּאָוו איז דער־מאָרדעט געוואָרן, אַ דער מהות פון דעם מערדער, אַ די מאָטיוון פון דער טאָט. און די טאָט גופא — אַזאַ ריינע און לויכטנדיקע, ווי די אויפגייענדיקע זון אין אַ קלאָרן זומער־טאָג. צו דעם זעלביקן טיפּ פון אינדיווידועלן פּאָ־ליטישן מאָרד דאַרף מען צורעכענען: אַ הירש לעקערטס אַטענטאַט אויף פאָן־וואָלן, אַ די דערמאָרדונג פון דעם עסטרייכישן אויסלאַנדס־מיניסטער טשערנין, — אָט דער, וואָס איז געווען דער ערשטער גורם פון דעם וועלט־קריג, — דורך דער האַנט פון ד"ר פריץ אַדלער, דעם איצטיקן סעקרעטאַר פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, און נאָך אַנדערע אַזעלכע פאַלן.

אַנאַליזירט איר זיי אַלע, געפינט איר אַט וועלכע דריי כאַראַקטעריסטישע סימנים:

1.—דער באַשטראַפטער דאַרף האָבן באַגאַנגען פאַרברעכנס, וואָס פאַרדינען די טויט־שטראָף.

2.—דער באַשטראָפער דאַרף געהערן צו דעם טיפּ קדושים וטהורים, וואָס גייען על קידוש השם, און

3.—ער אַנטלויפט ניט, ער באַהאַלט זיך ניט. ער וואַרט אויף זיין פּראָצעס און אויף זיין טויט־שטראָף, ווי אויף דעם העכסטן טריאומף פון זיין לעבן. אַט פון דאַנען, פון דער געריכטס־טריבונע, וועט ער שליידערן זיינע באַשולדיקונגען אַנטקעגן די, וועלכע ער האָט באַשטראָפט; דאָ וועט ער באַווייזן די גערעכטיקייט פון זיין טאַט; פון דאַנען וועט ער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ גיין אויפן מזבח, אַנגעצונדן צו ווערן, ווי אַ פאַקל, וואָס וועט באַלייכטן זיין אידעאַל.

ווענדט איר אָן אַט די דריי סימנים אויף אַרלאָזאַראָווס דערמאָרדונג, געפינט איר, אַז עס איז לחלוטין ניטאָ — און עס איז ניט אַרויסגעבראַכט געוואָרן — קיין איין „פאַרברעכן" אַרלאָזאַראָווס, וואָס זאָל פאַרדינען די טויט־שטראָף. די שטראָפערס זיינען — אַנטלאָפן, ווי גאַנץ פּשוטע געמיינע פאַרברעכער...

גאַנץ אַנדערש וואָלטן מיר געמוזט באַטראַכטן דעם פאַל, ווען די מערדער וואָלטן געווען געשיקט פון אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך געפונען געצוואונגען, אַנצוואווענדן טעראָריסטישע מיטלען אין איר באַפרייאונגס־קאַמף. דעמאָלט וואָלט גראָד געווען דער מאָראַלישער חוב פון די באַשטראָפער, צו אַנטלויפן, כדי צו קאָנען בלייבן אין דעם דינסט פון דער אָרגאַניזאַציע. אָבער דעמאָלט וואָלט אויף דער אָרגאַניזאַציע געלעגן דער חוב, צו נעמען עפנטלעך, — דורך איר „אומלעגאַלער" פּרעסע, — די טאַט אויף זיך, און דורך פּראָקלאַמאַציעס דערקלערן, פאַרוואָס זי איז געצוואונגען געוואָרן דאָס צו טאָן.

קיין סימן פון אַזאַ לאַגע איז ניטאָ אין דער אַרלאָזאַראָוו־טראַגעדיע. קיין איין אָרגאַניזאַציע האָט זיך ניט איינגעשטעלט פאַר דער טאַט, פאַר איר פאַרטיידיקונג אָדער אפילו אַנטשולדיקונג. אונטער אַזוינע אומשטאַנדן דאַרף דער מאָרד, ניט געקוקט אויף זיינע פּאָליטישע מאָטיוון, פאַרבלייבן, ווי אַ פאַל אין דער כראָניק פון קרימינעלע פאַרברעכנס, און בשום אופן ניט געשאַצט ווערן, ווי אַ מאָמענט אין אַ וועלכן עס איז באַפרייאונגס־קאַמף.

„טאָג", דריטער סעפט., 1933